STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01770

TSEKLUNGENE SHOEN

L. Kurland

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ג ב ר י א ל ן —

מיין אייניקל־דור,

לדור־דורות

©

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

1975

צוליב טעכנישע סיבות האָט די דרוקעריי פון חיפה, וואָס האָט אויסגעזעצט דאָס בוך, נישט באנוצט זיך מיטן אָנגענומענעם אויסלייג. מיר אנטשולדיקן זיך דערפאר פאר די לייענער.

דער פארלאג

לייב קורלאנד

צעקלינגענע שעהען



SAN BERNARDINO
COUNTY LIBRARY
SAN BERNARDINO, CA

L. KURLAND

TSEKLUNGENE SHOEN

(Ringing Hours)

SHORT STORIES

ל י י ב   ק ו ר ל א נ ד

ש ע ו ת   מ צ ל י ל ו ת

(ס י פ ו ר י ם)

פאַרלאַג י. ל. פּרץ
תל־אביב, רח׳ אלנבי 31
J. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str. Tel-Aviv, ISRAEL
Printed in ISRAEL — 1975

שער און צייכענונגען: יצחק ליכטנשטיין

דאָס בוך גייט אַרויס מיט דער הילף פון
תברת חמי־טבריה, טבריה.

נדפס בישראל

דפוס א. ספרוני, רח׳ יוחנן הקדוש 11, טל. 524767 חיפה.

צעקלונגענע שעהען

מיט דער פרייד פון צעקלונגענע שעהען
צעזמרט זיך משיחס טראָט,
ער צינדט אָן די פארלאָשענע רגעס
מיטן וואַרעמען פייער פון גאָט.

פון: „בשורהדיק" — ה. לייוויק

עמיחי איז צוריק אין קיבוץ

עמיחי איז אהיימגעקומען.

״שלום, דיר״, האָט ער געזאָגט פאַרהאַלטנדיק א ווייל זיינע גיכע טריט ביים טויער פון קיבוץ.

מ׳האָט זיך נישט געריכט אויף אים אין קיבוץ אזוי גיך.

מ׳האָט געוווּסט, אז די ווונד נאָך דער נייער אָפּעראַציע וועט זיך לאנג היילן, און דערנאָך ערשט וועט מען דאַרפן צופאַסן א פּראָטעזע — וועט עס זיך פאַרציען.

כמעט דער גאנצער קיבוץ איז פאַרביי נעבן זיין בעט אין שפּיטאָל. יעדן טאָג האָט זיך אן אנדערע גרופּע באַפרייט פון דער אַרבעט, געקומען זיך אַרומכאַפּן מיט אים, אַרויס־ווייזן זייער ליבע צו א חבר, א קינד פון קיבוץ, א העלד, א געקומענעם פון... יענער וועלט. איז ער דאָך געגאַנגען אויפן ערשטן פייער, מיט זיין פּיאָנער־גרופּע, וואָס עפנט דעם וועג, ריייניקט פון מינעס, און — געבליבן אין פעלד...

די מאַמע האָט נישט צוגעלאָזן צו זיך דעם געדאַנק, אויף א רגע אפילו. ״ער וועט צוריקקומען״, האָט זי געטרייסט זיך און אַלעמען. ״איר וועט זען, ער וועט קומען, ער איז אין געפענגעניש, און וועט אהיימקומען, מיין עמיחילע״.

דער פאָטער האָט געשוויגן. ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט פריער ווי אַלע און געענדיקט שפּעטער פון אַלעמען, און גערעדט צו זיך: ״איך מוז אַרבעטן איצט פאַר צוויי, פאַר צוויי מוז איך איצט אַרבעטן!״.

און אסתר? די שיינע אסתר, וואָס אַלע האָבן באַטראַכט ווי זיין כלה?

צווישן די, וואָס זענען געקומען אים באַזוכן אין שפּיטאָל, איז אסתּר נישט געווען. ער האָט זי געזוכט מיט די אויגן, מיט אַלע חושים געזוכט. ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט זיין די ערשטע, אַז זי וועט אים אָפּוואַרטן באַלד אין לוד, ביי די טרעפּ פון "דזשעט".

און, ווען ער האָט פאַרלוירן זיין געדולד, האָט ער געפרעגט: "ווו איז אסתּר? זי איז נישט מיט אַלעמען?"

"זי איז נישט מיט אַלעמען", האָט ער באַקומען אַ תשובה, וואָס האָט געקלונגען גיכער ווי אַן עכאָ פון זיין פראַגע.

און נאָך עמעץ האָט געפעלט, זיין חבר, דוד. ער איז נישט געווען צווישן די דריי געפאַלענע פון קיבוץ, נישט צווישן די זעקס פאַרווונדעטע, און אויך נישט צווישן די, וואָס דינען נאָך אין מיליטער. און דאָך איז ער נישט געקומען צו אים. זענען זיי דאָך צוזאַמען דערצויגן געוואָרן, געלערנט צוזאַמען אין דער טעכנישער שולע, געאַרבעט צוזאַמען אין דער מעכאַנישער אָפּטיילונג פון קיבוץ, און געליבט דאָס זעלבע מיידל... אסתּרן. צוליב איר, זענען זיי זיך געווען שונאים אַ קורצע צייט. אָבער שפּעטער, ווען אסתּר האָט אויסגעקליבן איר באַשערטן, און זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעוואָנדן פון דודן, זענען זיי אויפסניי געוואָרן גוטע פריינט.

אַלע זיינע חברים און חברטעס זענען געקומען אין שפּיטאָל, אַפילו דינה איז געקומען. נאָר נישט זי, אסתּר, און נישט ער, דוד. אסתּר און דוד. דוד און אסתּר.

"זי איז נישט מיט אַלעמען?"

"זי איז נישט מיט אַלעמען"

„און דוד, ער איז אויך נישט מיט אלעמען?”. די דאָזיקע פראגע האָט ער געשטעלט זיך, זיך אליין, און נישט געוואגט צו ברענגען זי אויף די ליפּן. זי האָט אים געפּייניקט, געהויבן פון בעט, געטריבן פון שפּיטאָל.

„שלום, דיר”, האָט ער געזאָגט פארהאלטנדיק א ווייל זיינע גיכע טריט ביים טויער פון קיבוץ.

א פרייינטלעך מעקען פון קי האָט אים געענטפערט פונעם שכנותדיקן שטאל.

אינעם שטאל איז אסתר נישט געווען. אויף איר אָרט איז געווען דליה, איר יינגערע שוועסטער. זי האָט אויפגעהויבן אויף אים א פּאָר גרויסע און גרינע אויגן, נאָך גרעסער און גרינער ווי ביי אסתרן, און זיי גיך אראָפּגעלאָזן, ווי א שולדיקע, ארויסלאָזנדיק מיט רעש א ליידיקן מילךקאן פון די הענט.

זי האָט עפּעס געזאָגט, מיט א האלב מויל, אָבער דער קלינגענדיקער הילך האָט געמאכט טויב זיינע אויערן און א הייב געטון זיינע פיס צום ארויסגאנג, צום ווארשטאט.

דער ווארשטאט איז געווען פארמאכט. דער וועג צו אים איז געווען פארלייגט מיט אויטאָס, באשעדיקטע, צענומענע, הינקענדיקע, און געדיכט ביים איינגאנג איז געשטאנען דער קיבוץ־טראקטאָר, צעגלידערט, מיטן מאָטאָר אינדרויסן. זיי ווארטן אויף תיקון, זיי ווארטן אויפן מייסטער. און דער מייסטער איז נישטאָ.

ער האָט פּלוצים דערפילט א שווערקייט אונטערן שארבן און צאפּלדיקע רייפן ארום זיין ברוסט, וואָס האקן איבער זיין אָטעם. ער האָט זיך אָנגעשפּארט אינעם טראקטאָר נישט אומצופאלן און צוגעשטעלט דעם שטומפּ פון זיין אמפּו־

טירטער האנט צום הארץ. ער איז געשטאנען א ווייל, מיט פארמאכטע אויגן, מיט א ציטער אין אלע גלידער, מיט א געפּלאָנטער פון מחשבות, בילדער, שרעק־סצענעס. אָט, פליט ער אין די הייכן צוזאמען מיט זיין מינען־דעטעקטאָר. און פאלט ווי א שטיין. טויט. ניין, א טויטער פילט נישט קיין ווייטיק. א טויטער באוועגט נישט מיט די גלידער. א טויטער הערט נישט. ער הערט אראביש. אראבישע הענט נעמען אים. סודותדיקע פּנימער ארום אים. און א פּחד, וואָס איז ערגער ווי דער טויט. און, אָט איז דער אָפּעראציע־טיש. א מענטש מיט א פּנים פון א שד רעדט צו אים, אויף א געבראָכענעם ענגליש רעדט ער צו אים... דיין האנט איז גאָרנישט ווערט, מ׳וועט זי דיר אראָפּנעמען, אראָפּנעמען, אראָפּנעמען... וועסטו מער נישט שיסן מיט איר, נישט שיסן מיט איר, נישט שיסן. מילא, וועט זיין א יידישער שיסער ווייניקער, מילא, מילא... און, אָט איז ער אין בעט. נעבן אים אן אראבישער סאָלדאט מיט א מאשין־געווער גרייט אויסצושיסן. ער היט אים. וואָס היטסטו מיך? א יידישן חייל אָן רעכטע האנט דארף מען אויך היטן?... א יידישע האנט, איינס־צוויי — און נאָך איר! אויס יידישע האנט! א יידישער דאָקטער וואָלט זי געראטעוועט, וואָלט זי געראטעוועט, ער וואָלט אלץ אָנגע־וואָנדן צו פארהיילן די ווונדן, צונויפצובינדן די באשעדיקטע געוועבן, צו באהעפטן די צעשפּליטערטע ביינדלעך, און געראטעוועט די האנט... זי זאָל קאָנען ווייטער ארבעטן, אפשר טאקע נישט שיסן מער, אָבער ארבעטן, ארבעטן, ווייטער קאָנען פארריכטן יידישע אויטאָס, מאָטאָרן, יידישע טראקטאָרן אינעם קיבוץ... דער טראקטאָר ווארט אויף תיקון, און דער מייסטער איז נישטאָ, דוד איז נישטאָ... און אסתר ווארט, אסתר ווארט; די שיינע אסתר ווארט אויף זיינע אָרעמס, אויף זיינע הענט, אויף ביידע הענט

ווארט זי. זי האָט אזוי ליב זיינע קרעפּטיקע הענט, זיינע צאַפּלדיקע הענט, זיין פאַרקראַמפּטע רעכטע האַנט...

א שאַרפער ווייטיק האָט פּלוצים א טרייסל געטון מיט אים און אויפגעריסן זיינע אויגן. ער האָט דערפילט ווי די ווונד נאָך דער נייער אָפּעראַציע, צוליב דער לייכטזיניקער טאַנדייט־אַרבעט פון כירורג אין געפּענגעניש, וואָלט זיך געעפנט, ווי ס׳עפנט זיך א קנאָספּ נאָך א פרילינג־רעגן, און אנשטאַט א בלום ווערט געבוירן א האַנט, א נייע האַנט, צוזאַמען מיטן ווייַ־ציטער פון געבורט. אָט, ליגט אויף זיין האַרץ נישט א טויטער שטומפּ נאָר א האַנט, א ווידער־געבוירענע רעכטע האַנט, מיט פינגער וואָס וואַרפן זיך, וואָס פאַרקרעמפּן זיך, וואָס זענען איין שטיק געצאַפּל, איין קנויל פון צאַפּלדיקן ווייטיק, נישט אויסצוהאַלטן, צו מאַכן גע־וואַלדן...

פון דער שכנותדיקער מרפאה האָט דינה, די פלעגערין, דערהערט א מענטש אין יסורים, איז זי געלאָפן נאָכן קלאַנג. זי האָט אים דערקענט, טראָצדעם וואָס זיין קול איז געווען געענדערט דורך ווייטיק און זיין פאַרקרעמפּט פּנים. זי האָט פאַרלייגט איר אָרעם ארום זיין טאַליע, זיין לינקן אָרעם אויף איר נאַקן, און געצויגן אים מיט זיך. זי האָט אים געהאָלפן אוועקלייגן אויפן בעטל. ער איז געלעגן און אלע אברים האָבן ביי אים געציטערט און געוואָרפן זיך ווי האַרבסט־בלעטער אויפן ווינט. זי האָט אים צוגעדעקט, עס זאָל אים זיין וואַרעמער. ער האָט ארויסגעצויגן די קראַנקע האַנט פון אונטערן צודעק, געפלאַטערט מיט איר און געביסן די ליפּן ביז בלוט.

״דאָס זענען פאַנטאָמען, עמיחי״, האָט זי געזאָגט.

״וואָס אזוינס?״, האָט ער געפרעגט מיט א ווינקל פון מויל.

״דאָס זענען פאַנטאָם־שמערצן, עמיחי, האָב געדולד, זיי וועלן גיך אדורך״.

זיי האָבן געשוויגן. עמיחי האָט געעפנט די אויגן און געקוקט אויף איר מיט שטוינען און מיט א געבעט, אז זי זאָל שטילן זיינע יסורים, און איינהאַלטן דעם ציטער־טאַנץ פון די מוסקלען, דעם קראַמף פון דער האַנט, וואָס איז נישטאָ.

זי האָט אוועקגעלייגט דעם שטומפּ אויפן צודעק, צוגע־האַלטן מיט איין האַנט, און מיט דער צווייטער גענומען אויפוויקלען דעם באַנדאַזש. די וווּנד איז געווען ריין. זי האָט געביטן די גאַזע, באַשמירט מיט אן אנעסטעטישער זאַלב, און איינגעריבן די נאַרב־בּרעגן. פּלוצים האָט זיך דאָס וואַרפן אָפּגעשטעלט, און די שמערצן האָבן גענומען אָפּ־טרעטן צוביסלעך, ווי דאָס אָפּדעקן די וווּנד און די זאַלב וואָלטן געווירקט ווי א כישוף. אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן א דיסקרעטער שמייכל.

״פאַנטאָמען, דינה, וואָס פאַרא אָנשיקעניש איז דאָס?״

״אז א גליד איז אַמפּוטירט, עמיחי, און דאָך טוט ער וויי, רופט מען עס פאַנטאָם־שמערצן. דאָס איז א רעפלעקס־ווייטיק, וואָס נעמט זיך פון מוח, וועלכער האָט זיך נאָכנישט צוגעוווינט צום פאַקט, אז די האַנט געהערט שוין נישט צום קערפּער״.

ער האָט געלאַכט. דינה האָט געמאַכט א נייעם באַנדאַזש אַרום שטומפּ, און אַריינגעאָטעמט פרייַנטלעך און קאָקעטיש אין זיין פּנים, באַרירנדיק מיט אירע לאַנגע האָר זיין שטערן.

״פאַנ־טאָ־מען״, האָט ער איבערחזרט מיט א קול פול מיט חידוש און נייגער. ״פאַנ־טאָ־מען״.

ער האָט זי אַרומגענומען מיט זיין געזונטער האַנט,

צוגעצויגן איר קאָפּ צו זיינע ליפּן און אויסגעמאסטן א קוש אינעם גריבל צווישן שטערן און נאָז. דערנאָך האָט ער געזוכט אירע ליפּן. זי האָט זיך נישט געווערט. דאָס האָט איר דערמאָנט די קושן, וואָס זי האָט באקומען פון אים, ווען ער פלעגט ארויסגיין מיט איר, איידער אסתר האָט אים אויסגעכאפּט... עס איז געווען א מין נחמה פאר די יסורים, וואָס זי האָט דעמאָלט געליטן. זי איז דעמאָלט אוועק פון קיבוץ, און געגאנגען אויף א קורס פון פלעגעריי, כדי וויניקער צו ליידן דערפון... אָט, האָט דער גורל זיי צונויפגעפירט, א דאנק דעם פלעגער־קורס טאקע. און זייערע ליפּן באגעגענען זיך ווידער, קאָנען זיך נישט צעשיידן, ווי פאראייניקט אין א לאנגן קראמף.

ערשט א ספּאזמאטיש געלעכטער, צוזאמען מיט אָפּ־געריסענע זילבן אויף די שפּיצן פון זיינע ציין, האָט פונ־אנדערגעריסן זייערע ליפּן.

״פאנ־טאָ־מען גאָר, פאנ־טאָ־מען, די־נה, די־נה־לע, פאנ־טאָ־מען!״.

דינה האָט זיך אויסגעגראָדט, פאררעכטן די האָר, וואָס האָבן פארדעקט אירע אויגן, געגלעט זיין שטערן, געווישט דעם שווייס, וואָס איז גערונען איבער זיינע צעפלאמטע באקן.

״דאָס איז א שטייגער ווי ליבע, וואָס איז אמפּוטירט געוואָרן״, האָט זי געזאָגט צו אים מילד און דרייסט. ״איינער האָט עמיצן ליב, א שטייגער, און פארלירט די פּערזאָן, ער האָט זי נישט מער. אָבער די אמפּוטירטע ליבע טוט נאָך ווייטער ווי, רופט ארויס קאָנוולסיווע פאנטאָם־שמערצן...״

עמיחי האָט זיך אויפגעריסן פון געלעגער.

״וואָס ביסטו אויסן, דינה? זאָג, וועמען ביסטו אויסן?״

דינה האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן.

„זאָג, דינה, ווען ביסטו אויסן? אסתרן, האַ?"

דינה האָט אָפּגעוואָנדן אירע אויגן פון אים און גע־נומען שפּרייזן איבערן צימער.

„זאָג דעם אמת, דינה, טאַקע אסתר, אסתר און דוד. האַ?"

דינה האָט אָפּגעשטעלט אירע טריט ביים צופוסנס פון בעטל, און געשאָקלט צו אים מיטן קאָפּ. „יאָ, אסתר און דוד. זיי זענען אין אילת. עס האָט געהייסן, אַז דו, עמיחי, ביסט געפאַלן. האָבן זיי זיך צוריק באַהאָפטן, אסתר און דוד. נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן. האָבן פאַרלאָזן דעם קיבוץ. ער אַרבעט אין פּאָרט אַלס מעכאַניקער, און זי — אין דער פּאָרט־קאַנטינע... מ'זאָגט, אַז זי איז שוואַנגער".

זיי האָבן זיך געקוקט אין די אויגן אַריין און געשטאַנען לאַנג אָן באַוועגונג. ער האָט נישט געוווּסט ווי צו רעאַגירן, ווי געטראָפן פלוצים פון אַ דונער, און זי צוליב מורא אויב איר ברוטאַלע ידיעה האָט נישט געווירקט צו שטאַרק אויף זיין קראַנקן גוף און פאַרווונדעטע געפילן. זי האָט באַמערקט טרערן אין זיינע אויגן־ווינקלען.

„אויך מיינע פאַנטאָם־שמערצן, בין איך אויסן, עמיחי. אויך מיין ליבע איז געווען אַמפּוטירט, עמיחי, ווען האָסט מיך געלאָזט פאַלן. און עס האָט ווי געטון, שטאַרק ווי געטון, עמיחי", האָט זי איבערגעריסן די אומבאַקוועמע שטילקייט און גענומען ווישן טרערן מיטן אַרבל פון איר ווייסן כאַלאַט.

עמיחי האָט דערלאַנגט דעם אַמפּוטירטן גליד און געבעטן ענדיקן דעם באַנדאַזש. זי האָט עס געטון מיט גרויס צערטלעכקייט און ציטער אין אירע פינגער. ער האָט דערנאָך געגלעט אירע האָר מיט זיין באַנדאַזשירטער האַנט און מיט

דער צווייטער זי פעסט ארומגענומען. זיי זענען אזוי גע־שטאנען א ווייל. פלוצים האָט ער זי אָפּגעשטופּט, און גענומען גיין צו דער טיר: ״די ארבעט ווארט״, האָט ער געזאָגט. ״די אויטאָס ווארטן, דער טראקטאָר ווארט, די פעלדער ווארטן אויפן טראקטאָר, נישטאָ קיין צייט צו פארלירן!״.

ער האָט זיך געלאָזט לויפן צום ווארשטאט. ער איז אריין דורך דער הינטערטיר. אינעם פאָדער־צימערל האָט ער געפונען זיינע ארבעטס־בגדים, אזוי ווי ער האָט זיי געלאָזן הענגען ערב יום־כיפור. דודס ארבעטס־בגדים זענען נישט געוועזן. ער האָט גיך איבערגעטון זיך, לאָזנדיק אָפן ביידע פליגל פון ארבעטס־ראָק, נישט וועלנדיק פארלירן קיין צייט, צוליב דער אומגעשיקטקייט פון דער לינקער האנט, ביים פארקנעפּלען זיי.

דינה איז פלוצים אויסגעוואקסן נעבן אים, גענומען פארקנעפּלען דעם ראָק.

״ווערסט דיך צושמירן, דינה, טו בעסער אויס דיין ווייסן כאלאט. מ׳דארף איצט באפלעגן דעם טראקטאָר, דעם קראנקן מאָטאָר. טו אויס דעם כאלאט, און שארץ ארויף די ארבל, דינה״, האָט ער געזאָגט מיט א באפעלערישן טאָן און גיך.

זי האָט אויסגעטון דעם ווייסן כאלאט, ארויפגעשארצט די ארבל, און געטון ווי ער האָט געהייסן.

דער ברונעם

אינמיטן אלטן מארק שטייט אן אלטער ברונעם, עלטער ווי דער זכרון פונעם עלטסטן תושב.

דאָס הילצערנע געשטעל איז איינגעבראָכן און צעשפּליטערט. דאָס אייזערנע געשטעל איז צעבויגן און צעפרעסן. דאָס הענטל צום דרייען און דער שטאנג, פון וועלכן עס האָט אראפּגעהאנגען א קייט פארן עמער, זענען באדעקט מיט שארפע ראָסט־שופּן, וואָס עסן זיך איין אין דער הויט, וואָס רירט זיך צו. פון דעם שטיינערנעם מויערל איבער דעם ברונעם־גרוב האָט שוין לאנג זיך ארויסגעשיט דאָס לעצטע ברעקל פון בינדליים, און זיין אָרט פארנעמען גראָזן און ווילדגעוויקסן, און מיט זייערע וואָרצלען און וויקלאָרעמס באהעפטן זיי די וואקלדיקע שטיינער. גאנץ איז נאָר דער דעמבענער צודעק, רונדיק ווי דער ברונעם, און געקאָוועט מיט שטאָלענע פּרענטעס; דער הויפיקער מאָך און שימל און די באהאָפטענע שוועמל־קעפּלעך האָבן נישט דערלאָזט דער צייט צו פארקריכן ביזן געהילץ און זייען צעשטערונג. און אינמיטן, צווישן צוויי שטאָל־שטאנגען, זענען אויסגעברענט אינעם האָלץ אותיות, וואָס זענען גאָר בולט: הבאר של כולם, אלעמענס ברונעם.

האָט דער נאמען געחידושט. וואָס הייסט עפּעס — אלעמענס ברונעם? פארוואָס עפּעס א נאָמען פאר א ברונעם? מ׳האָט עס נאָך נישט געזען און נישט געהערט. און אז יא, טאָ פארוואָס דווקא — אלעמענס ברונעם?

ארכעאָלאָגן האָבן זיך געגריבלט און געשליפן די מוחות. עס האָט געהייסן, אז דער ברונעם איז געווען א מתנה פון א גביר. געמוזט זיין א גביר, מיט א ברייט הארץ, וואָס האָט אויסגעבויט דעם ברונעם פאר אלעמען אינעם

אָרט און אין דער ארומיקער געגנט; און כדי מ׳זאָל נישט דארפֿן, ווי עס האָט זיך געפּירט אין אנדערע ערטער, בעטן א דערלויבעניש, אָדער אָפּצאָלן פֿאר יעדן טראָפּן וואסער — האָט ער געהייסן אויסברענען די מודעה, אז יעדער איינער זאָל קאנען געניסן, אזוי גוט דער היגער ווי דער פֿרעמדער, דער פֿאסטעך מיט זיין פֿי, ווי דער וואנדערער. אויפֿן אלטן בית־עלמין איז געפֿונען געוואָרן א קבר, מיט אן איינגעזונקענער מצבה פֿון א כהן, מיטן נאָמען אהרן בארי, אהרן פֿון ברונעם, וואָס האָט געמוזט זיין טאקע דער, וואָס האָט אויסגעבויט פֿאר זיין געלט דעם ברונעם, און געשטעלט אים אין רשות הרבים. געווען פֿרישערע מצבות אויך מיטן זעלבן פֿאמיליע־נאָמען, אָדער נעמען פֿון פֿרויען אָפּשטאמיקע פֿון בית בארי; א סימן, אז געווען א פֿארצווייגטע משפּחה. און געווען איז עס אין די צייטן, ווען צווישן די מקובלים אין צפֿת האָט אויסגעבראָכן א מגפֿה, און זיי זענען געקומען זיך באזעצן אהערצו. און וואסער איז דעמאָלט געווען א לעבנספּראגע ממש, וואסער פֿון א פֿריש־געגראָבענעם ברונעם, וואָס איז נישט פֿאראומרייניקט, און נישט נאָר מאכט עס נישט קראנק, נאָר פֿארקערט — ווירקט ווי א רפֿואה; און וואָס טיפֿער זיין קוואל, אלץ ריינער, אלץ געזונטער.

האָט זיך עס געלייגט אויפֿן שכל. אז קיין אנדערער טייטש איז נישט געווען.

און אלטער בעדואינער, וואָס האָט דאָ ווען אָנגעשפּארט בראש פֿון א חמולה, האָט געגעבן אן אנדערע אויסטייטשונג. פֿאראן א ווערסיע וועגן דעם ברונעם, וואָס ווערט איבערגעגעבן פֿון דור צו דור, זייט זייער שבט האָט זיך באזעצט און צעוואקסן דאָ, מיט א טויזנט יאָר צוריק, ארום דעם ברונעם. זענען געקומען די קריסטלעכע קרייצריטער, געזייט

טויט און חורבן צו אלע, וואָס זענען נישט געווען פון זייער גלויבן. האָבן זיי פארמאכט דעם ברונעם פאר פרעמדע, און נאָר די וואָס האָבן זיך געשמדט, האָבן געהאט רעכט צו וואסער. אָבער, ווען דער גוטער סולטאן האָט באזיגט און פארטריבן זיי, האָט ער ווידער געעפנט דעם ברונעם, פאר אלעמען געעפנט, אזוי גוט מוזלמענער, יידן ווי קריסטן, און דעריבער האָט ער געהייסן אויפשרייבן אויפן צודעק, אז דער ברונעם איז אלעמענס. אָבער, פארוואָס האָט ער געהייסן שרייבן דווקא אויף עברית, און נישט אראביש, וואָס איז געווען די שפראך פון רוב אין לאנד? עס האָט געדארפט הייסן, אז די אראבער האָבן במילא געגאָסן פונעם וואסער, זיי זענען דאָך געווען די באלעבאטים. יידן זענען דאָך געווען א מיעוט, און א גערודפטער דערצו, און דעם סולטאנס מענטשן האָבן דווקא געוואָלט, אז יידן זאָלן צוריקקומען און העלפן צוריקבויען די געגנט — זענען די יידישע אותיות געווען א זשעסט פון פריינטשאפט לגבי זיי.

און אז די בעדואינער זענען אוועק, צעלייגן זייערע בידנע געצעלטן אויף א ווייטערן פונקט פון זייער וואנדער־וועג, איידער זיי וועלן ווען עס איז ווידער אָנשפארן דאָ, ווי געשטאנען זייער וויג — איז געקומען א יונגער אגראָנאָם, געשיקט דורך דער צענטראלע, צו דינען דעם יישוב מיט זיין אלטער דערפארונג. האָט ער געזען דעם ברונעם, געזען דעם נאָמען און געהערט וואָס מענטשן זאָגן, האָט ער געהייסן אראָפּנעמען דעם שווערן צודעק, און אריינגעקוקט מיט זיינע שפיציקע אויגן, וואָס זעען ווייט. דערנאָך האָט ער זיך אראָפּגעבויגן און געלאָזט פאלן אין תהום אריין דעם נאָמען פון ברונעם, און זיך צוגעהאָרכט. און דער ברונעם האָט אים געענטפערט, נאָך א ווייל: כו־כו־ו־לא־א־א־

אָם־אָם־ם־ם־לאם!... דערנאָך האָט ער גענומען א שטיין, וואָס איז געלעגן דערנעבן, אים אראָפּגעלאָזט אינעם ברונעם־גאָרגל, און צוגעשפּיצט זיינע שארפע אויערן, וואָס הערן ווייט און טיף, צו הערן דעם קאָנטאקט צווישן שטיין און וואסער, אָדער שטיין און באָדעם. און ווען ער האָט נישט געהערט גארנישט, האָט ער א שליידער געטון מיט כוח א צווייטן שטיין, און געוואַרט, געווארט, און ווען קיין ווידערקול איז נישט געקומען, האָט ער א קלאפּ געטון איין האנטפלאַך אין דער צווייטער, און געזאָגט: "רבותי, איך ווייס דעם באשייד, ווייס איך. ער איז פשוט, גאר פשוט. הערט מיט קאָפּ, רבותי". האָבן אלע זיך געשטעלט ארום אים אין א קרייז, מיט די קעפּ פאָראויס. "דאָ איז די געגנט א טרוקענע; דאָס גאנצע וואסער פון דער טיף איז אראָפּ צום כנרת, און צו די אונטער־וואסער ריטשקעלער, וואָס זאמלען זיך אין דער טיף און קוואלן ארויס ביי חמי־טבריה. וויל מען דאָ וואסער, מוז מען גראָבן זייער טיף, זייער און זייער טיף. האָט איינער אָנגעהויבן גראָבן, מיט א הונדערט, צוויי הונדערט אָדער מער יאָרן צוריק. האָט ער געגראָבן און געגראָבן, און מיד געוואָרן. איז געקומען א צווייטער, א זון, אן אייניקל, און געזען א גרוב פון א פּאָר מעטער, האָט ער געטראַכט, פאראן שוין א טיפער גרוב, א שאָד נישט צו געניסן פון דער אָפּגעטוענער ארבעט, און ער האָט גענומען גראָבן. געגראָבן און געגראָבן, געזען אז קיין וואסער איז נישטאָ, האָט ער אויך אויפגעגעבן. איז געקומען א דריטער. געטראכט דאָס זעלבע. געגראָבן א פּאָר מעטער נאָר, ווייל שווערער געווען אראָפּצוגיין און נאָך שווערער ארויסצו־שליידערן די אויסגעגראָבענע ערד — און מיד געוואָרן. איז געקומען א פערטער. א פינפטער, א זעקסטער. דורות נאָך דורות. און, ווען דער לעצטער איז דערגאנגען צו דער

שיכט פון וואסער, און פון גרוב איז געוואָרן א ברונעם, האָט ער געוואָלט אויסדריקן זיין דאנק צו אלע די, וואָס האָבן געגראָבן פאר אים, וואָס האָבן נישט קיין קלענערן פארדינסט ווי ער, און האָט א נאָמען געגעבן דעם ברונעם — הבאר של כולם, ווייל ער איז אינעם זכות פון אלע פריערדיקע דורות. און העברעאיש האָט ער געהייסן אויפ־שרייבן ווייל דער לעצטער איז געווען דער דור פון עצמאות, ווען יידן האָבן אנגעהויבן זיך דאָ באזעצן אויפסניי".

און ווען ער האָט געזען, אז צווישן עולם זענען פאראן אזעלכע, וואָס זענען נישט אינגאנצן איבערצייגט, האָט ער זיך פארטראכט, און מיט א גלאנץ אין די אויגן געזאָגט: "ווען עס איז נישט ניחא דער פריערדיקער טייטש, נאט אייך נאָך איינעם, און דער טעם איז דער זעלבער, דהיינו — די טיפקייט פון ברונעם און דער געמיינזאמער אָנשטרענג. הערט מיט קאָפּ, רבותי". האָבן זיך אלע ווידער געשטעלט ארום אים, מיט די קעפּ פאראויס. "כדי צו דערגיין צום וואסער, רבותי, האָט מען געדארפט א שווערע און לאנגע קייט, און כדי ארויסצוציען א פולן עמער פון אזא טיף, האָט מען געמוזט זיין עטלעכע מענטשן דערצו. האָבן זיך מענטשן געביטן — איינער האָט געגעבן א דריי מיטן הענטל, דאן א צווייטער, א דריטער, א פערטער, און אזוי ביז דער עמער איז געווען אויבן. אזוי, אז אָפּט האָבן זיך געמוזט אוועקשטעלן תיכף א זעקס־זיבן מענטשן; און טיילמאָל נאָך מער, אויב זיי זענען נישט געווען גענוג שטארק. האָבן זיך אין די אָוונטן אוועקגעשטעלט די דערוואקסענע מענטשן פון ישוב, און יעדער האָט געגעבן א דריי, צוויי דריי, און אזוי עמער איין, עמער אויס, ביז אנגעפולט די וואסער־פעסלעך אויף א מעת־לעת פאָראויס, פאר אלע; איינער פאר אלע, און אלע פאר איינעם". און נאָך א רגע, זעענדיק ווי די ספקות

טרעטן אָפּ פון די פנימער פון די פאַרזאמלטע, האָט ער אויסגעפּירט מיט א נצחון־קול: ״נו, רבותי, פונדאנען — דער נאָמען, אלעמענס ברונעם, אלעמענס אָנשטרענג, אלע־מענס זאַך, און אין זכות פון אלע״. און נאָך א רגע, האָט ער צוגעגעבן, אינעם פריערדיקן טאָן: ״און אייגנטלער, דערגענצן זיךביידע אויסטייטשונגען, די פריערדיקע און די אָקערשטיקע, און עס איז ווי עס שטייט געשריבן אין תהילים, און ווי מ׳זינגט עס בעתן בענטשן און ווי עס זינגען די יידישע שטובן איבערן לאנד: הזורעים בדמעה, ברינה יקצורו״.

ער האָט אנגעהויבן זינגען און אלע מיילער האָבן אונטערגעכאַפּט דעם רעפריין פון ליד. יונגוואַרג האָט זיך אָנגענומען ביי די הענט און געטאַנצט זינגענדיק. די זקנים האָבן אונטערגעברומט דעם בענטשנדיקן ניגון, געחידושט זיך אויף דער פּקחות פון אגראָנאָם. אויפן וועג צו שקיעה, האָט די זון זיך אָנגעהאָנגען מיט פעסטע שטראַל־פעדעם פון איין זייט אין הר כנען, פון דער צווייטער אין די אַרויס־שטייענדיקע פעלדזן פון קרני־חיטים, און לאנג געשטאַנען איבערן אָפענעם מויל פון ברונעם.

סוסיתא

עזרא הכוהן האָט געהאַט רחמנות אויף זיין סוסיתא און אויף זיך.ביידע זענען געווען אַלט און מיד. די מידקייט האָט באַזונדערס זיך געלאָזט פילן אָוונטצייט, ווען ער איז געפאָרן צו זיך נאָך אַ טאָג שטיין ביים ראַנד פון מאַרק, און וואַרטן אויף אַרבעט. דאָס בסדרדיקע וואַרטן אויף אַ פּעקל אָפּצופירן האָט אָנגעפולט זיינע ביינער מיט בליי און מיט זשאַווער און געלייגט זיך אונטערן שאַרבן מיט אַ שווערער לאַדונג פון אַנטוישונג און זאָרג.

"הי, הא, נו, געגאַנגען, סוסיתא!" האָט ער געגעבן אַ לייכטן צי ביי די לייצעס. און גיך באַדויערט, וואָס ער האָט עס געטון. אפשר האָט ער ווייי געטון אירע אַלטע גומענס מיטן צוים־אייזן? און וואָס איז דאָס געאייל, וואָס? ווער וואַרט עס אויף אים דאָרט, צווישן די פיר בידנע ווענט? אַז די קינדער האָט ער אויסגעגעבן, איינער איז ווייט איבער די ימים, און צוויי זענען אין צוויי עקן פון לאַנד, און...

ער האָט נאָכגעלאָזן די צוים־שטריק, און געלאָזט גיין די פּירפּיסיקע באַשעפעניש אַליין. און געטראַכט וועגן זיינע צוויי זין, געפאַלענע פון אַראַבישע מעסערס, צוזאַמען מיט דער מאַמען, אין פּאָגראָם אונטערן ענגלענדער. און וועגן בן־זקונים, וואָס געפאַלן אין מלחמת השיחרור, ביים פּאַרטיי־דיקן ירושלים... נו, איז ליידיק די שטוב און קיינער וואַרט נישט אויף אים. איז וואָס ס׳געאייל?

ער איז אַראָפּ פון וואָגן, און געגאַנגען טריט ביי טריט, נעבן די פּאָדערפיס פון סוסיתא, וואָס זענען געווען אַ געמיש פון אייזל־פיס און פערד־פיס, גראָד ווי דאָס גאַנצע באַשעפעניש איז געווען אַ געמיש פון אַן אייזל און פון אַ פערד. ווען ער איז געבליבן אַליין, און אָנקומען צו מענטשן

האָט ער נישט געוואָלט, און קיין געלט אויף א פערד האָט ער נישט געהאט, אויך נישט אויף זיין אויסהאלט, און געווען עפעס מער ווי אויף צו קויפן אן אייזעלע, האָט ער זיך איינגעהאנדלט א באשעפעניש, וואָס איז געווען מער ווי אן אייזל און ווייניקער ווי א פערד. "דאָס איז פון אן אייזעלכע, וואָס איז באשלאָפן געוואָרן דורך א פערד", האָט געזאָגט דער אראבער, וואָס האָט אים פארקויפט די בריאה, צוגע־בנדיק מיט געלעכטער: "און אויב דו וועסט זי צונויפפּאָרן מיט א פערד — וועט דערפון ארויסקומען אן אמתדיק פערד"... ער האָט אים געלויבט זיין סחורה און פארזיכערט, אז באצאָלן באצאָלט ער נישט דערפאר, וואָס עס וועט געבוירן ווערן שפּעטער, נאָר בלויז דערפאר, וואָס עס איז איצטער, צוזאָגנדיק אים, אז ווען עס וועט קומען די צייט פון צונויפפּאָרענישן, וועט ער אים צושטעלן דעם געזונטסטן פערד פון זיין שטאל. און דאָס אינגאנצן אומזיסט.

האָט ער געזוכט א נאָמען, און געפונען — סוסיתא, פון דעם יידישן בארג, וואָס קוקט אהער פון יענער זייט כנרת, און יידישע ייִנגלעך זיצן אויף זיין רוקן, און היטן יידיש לעבן, יידיש האָב און גוטס, קעגן די רוצחים. ער האָט גראָד אָפּגעפירט א פורל מיט לאָדונג אין קיבוץ, האָט ער, פארן אנקומען קיין עין־גב, געזען דעם בארג, וואָס איז גיכער א בערגל, א קארליק־בארג אין פארגלייך מיט די הויכע בערג ארום, א שטייגער ווי זיין פירפיסיקע חיה פארגליכן צו א פערד. איז אים געפעלן דער איינפאל, און עס איז געבוירן געוואָרן דער נאמען.

"אזוי מוז אויך גיין משיחס אייזעלע", האָט ער גערעדט צו זיך, און געטראכט: ווען משיח וואָלט געריטן אויף א פערד, וואָלט ער שוין פון לאנג דאָ געווען. און אלט מוז זיין דאָס אייזעלע און זעט נישט, פילט נישט, אז ער קוקט אויס

די אויגן מיט לעבעצעניש, ער — עזרא בן רחמים הכוהן, און סוסיתא אויך, און לענגער ווארטן קאָנען זיי שוין נישט, און יידן קאָנען נישט ווארטן מער, יידן...

אויטאָס זענען פאַרבייגעפאָרן און געגאַפט אויף אים, אויף סוסיתא, און די וואָס זענען געפאָרן פון הינטן האָבן געשאָלטן, הלמאי ער האַלט איין די באַוועגונג. האָט ער זיך צוגערוקט מער צום ראַנד פון וועג, און געטראַכט: מיט איין זאַך איז יאָ גוט אַן אויטאָ, דהיינו — אַז מ'שטעלט אים אַוועק נאָכן פאָרן, דאַרף מען אים נישט געבן עסן; און אַ לעבעדיקע באַשעפעניש איז אַ צער בעלי־חיים. דאַרף מען זיך אַוועקנעמען פון מויל, און זיך טיילן... און אַלץ צוליב די פאַרשאָלטענע אויטאָס, די לאַד־אויטאָס און די מאָטאָר־רעדלעך מיט די נאָכשלעפּ־קאַסטנס... זיי צעפירן היינט די סחורות פון מאַרק און צום מאַרק, אין די קלייטן, אין די שכנותדיקע קיבוצים... אים וואַרפט מען צו אַביינדל, אויס רחמנות, אַ קליין פּעקל אָפּצוליפערן, ווייל ס'קאָסט ביליקער. און דאָס וואָס אַמאָל זעלטענער... אַמאָל, פלעגט ער פאַרפאָרן אינעם קיבוץ, וואָס ביים כנרת־ברעג, צו אַ קרוב, אַ ווייטן קרוב, זען וואָס ער מאַכט. פלעגט ער אַהיימברענגען ירקות און פירות ערשט אָפּגעריסן, און אַ וועגעלע היי פאַר סוסיתאן, מיט אַ קאַסטן אָפּפאַל פון חדר־האוכל; האָט עס געסטייעט אויף לאַנגע טעג פאַר ביידן. וואָלט ער געפאָרן אָפטער אין קיבוץ, שטייט אים נישט אָן דער כבוד, ער וועט זיך דאָך נישט איינמעלדן דאָרטן מיט זיין סוסיתאן אויף קעסט... און דערצו האָט ער אים אַ זאָג געטון אַנומלט, און ערנסט: „פאַרוואָס זאָל נישט חיים שיקן אַביסל דאָלאַרן פאַרן אַלטן און אָרעמען טאַטן? און כ'לעבן, אברהם און אסתר וואָלטן אויך געמעגט צוזאַמענלייגן זיך און שיקן אַ פּאָר פונטן; ווייניק איז דער טאַטע פאַרשוואַרצט געוואָרן

צו מאכן זיי פאר לייט? דאָס איז די דאנקבארקייט, עזרא? איך וועל זיך צונויפשרייבן מיט זיי". "חלילה, דיר, בנימין, איך באשווער דיך, זאָלסט נישט וואגן. איך נויטיק זיך אין גאָרנישט, מיר איז גוט און ווויל, לאָז געמאך די קינדער, הערסט, מיר איז גוט און גאָרנישט פעלט מיר, חלילה, כ'האָב נאָך צופיל, בנימין, צופיל"... און יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט אים נעמען דער חשק צו באזוכן דעם קרוב, און ברענגען פון דאָרטן ירקות און פירות און פאשע פאר סוסיתאן, האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם לעצטן שמועס מיטן קרוב, וואָרט ביי וואָרט, און ער איז נישט געפאָרן...

און אויך איצט, גייענדיק בארג־ארויף, אויפן נצרת־וועג, אין זיין שיכון, האָט ער איבערחזרט זיין וואָרענונג צום קרוב: "חלילה דיר, בנימין, איך באשווער דיך!" אז סוסיתא האָט זיך דערשראָקן פון זיינע הויכע רייד, און צוגעאיילט די טריט אונטערזיפצנדיק אויפן קול.

שבת שטייט ער אויף פרי, טוט אָן זיינע בעסטע בגדים, גייט אין אלטן בית־מדרש "אור חיים", און דאַוונט מיט גרויס כוונה. ער בעט, אז עס זאָל קומען די אמתע גאולה, אז יידיש בלוט זאָל זיך מער נישט גיסן און אָפגעקערט זאָל ווערן דאָס הארץ פון אראבישע רשעים פון טאָן שלעכטס. ער בעט, אז משיח זאָל קומען גיך, גאָר גיך; עס שטייט דאך געשריבן, אז פון טבריה עתידים ישראל להגאל, טא פארוואָס זאָל ער נישט קומען תיכף, ער זאָל אים קאנען אקעגנגיין, און ער זאָל ווערן אויפגעריכט, איידער עס ווערט צו שפעט, איידער ער וועט אוועקפאלן, און נעבן אים סוסיתא. ער בעט משיח זאָל קומען, איידער די קינדער וועלן באקומען א ידיעה פון בנימינען, אז דער אלטער טאטע איז א נצרך, ער וואָלט אזא חרפה נישט איבערגעלעבט, די חרפה פון

אַנצוקומען צו קינדער... און די חרפה פון מוזן פאַרלאָזן זיין אָרט ביים ראַנד פון מאַרק, מיט א חזקה פון א צוויי מנינים יאָרן, פאַר ווּעמען? פאַר די אויטאָס, פאַר די שלעפּ־מאַטאָרן, פאַר די רוישיקע און גאַוּוהדיקע שאָפערן, און די מאַטאָר־אָנטרייבערס פול מיט חוצפה און שפּאָט... זיינע ליפּן זאָגן נאָך הויכע תפילות פון חזן, און זיינע מחשבות טראַכטן עפּעס אַנדערש, טראַכטן אליין פון זיך. ער ווייס, אז עס איז נישט ריכטיק, אז עס איז אפשר אן עברה. אָבער, אז משיח קומט נישט, איז ריכטיק, איז נישט קיין עברה?!

און ווען ער קערט זיך אום, טוישט ער די קליידער, ציט ארויף קורצע הויזן, און גייט אין שטאַל. סוסיתא וואַרט אויף אים מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און מיט אן אָפן מויל גרייט צו טרינקען און קייען. ער עפנט די טיר, און סוסיתא גייט ארויס. איר שבתדיקן גאַנג גייט זי, ווי תמיד, צום כנרת אראָפּ. און עזרא נאָך איר. עס ציט זי דאָס פרישע שבת־וואַסער פון כנרת, און דאָס גראָז אויף יענער זייט פון אַלטן בית־עולם. זי שטעלט זיך ביים ראַנד פון וואַסער, און זיפּט, זיפּט, ווי זי וואָלט געלאָשן א גרויסע שרפה וואָס בו־ענט אינעווייניק. דערנאָך גייט זי אריין מיטביידע פּאָר פיס אינעם וואַסער, ווו עס וואַרט אויף איר עזרא, מיט אן אויס־געריבענער רייזבאַרשט אין האַנט. זי שטעלט אונטער איר רוקן. ער וויל רייבן די חיהשע פעל, רייניקן פון אומפלייט און קרעצלער, און קאָן נישט. ווו נעמט מען די אמאָליקע כוחות? סוסיתא שטייט אונטערטעניק, עפנט ברייט די ליפּן, לאָזט ארויס הנאָהדיקע ברומענישן, צעלאַכט זיך הירזשענדיק פונעם גלעטן, וואָס די באַרשט גלעט און קיצלט, אַנשטאַט רייבן ביז ווייטיק און אויפקאָכן די בלוטן ביז א רויש אין קאָפּ... אויפגעפרישטע, גייען זיי פאַרביי דעם אַלטן בית־עולם, רינגלען ארום דעם נייעם גדר, ביז צום צפון־שער,

און שטייגן ארויף משופעדיק צום הויכן גראָז, וואָס האלט איין די ווינטן פון די נפתלי־הויכן, וואָס קוקן אריבער צום בית־עולם.

שבת איז דא שטיל. די היטער פון הייליקן אָרט רוען, און די ווינטן רוען. און דאָס גראָז איז זאפטיק און זעטיק איבערן גדר. נישטא נאָך אזא גראָז אין דער גאנצער געגנט. אינדערוואָכנס לאָזט מען אים נישט צו. די היטער טרייבן בהמות פון דאָ. און א געגיי איז דאָ, לוויות, יאָרצייטן, קברים־רייסערס. אָבער שבת איז דאָ פוסט, און קיינער שטערט נישט, קיינער ווייס נישט. און וויפיל וועט שוין אזא אלטע און שוואכע סוסיתא אויפעסן מיט אירע שאָקלדיקע ציין? איז זיך סוסיתא מחייה, און דאנקט איר גאָט, אז שבת היום, אז עס איז שבת נישט נאָר פאר מענטשן, נאָר אויך פאר חיות, וואָס גאָט האָט באשאפן נאָך פריער ווי דעם מענטש.

עזרא האָט אויפגעזוכט דעם ארויסשטייענדיקן וואָרצל־געפּלאָנטער פון דעם אונטערגעזעגטן בוים, וואָס דינט אים ווי א שטול, און זיך צוגעזעצט. סוסיתא האָט איינגעגראָבן איר קאָפּ אינעם הויכן גראָז, ביז די אויגן, און געלאָזט אין באוועגונג איר רייס־און קיי־געשטעל. ער האָט געפילט, אז די הנאה פון סוסיתאן צעגייט זיך אויך אין זיינע בלוטן, און איר זאטקייט מאכט אים זאט, שלעפערט אים איין. די זון איז געשטאנען איבערן כנרת און איבערן בית־עולם, און צעזייטע ברעקלעך אירע האָבן זיך געוואלגערט צווישן גראָז, צווישן די פיס פון סוסיתא. עס האָט אויסגעזען ווי סוסיתא וואָלט געשטאנען אין פלאמען און צוויי צעפּאָכעטע, גילדענע פליגל וואקסן ארויס פון אירע ריפּן־זייטן. און אָט, דאכט זיך, אז סוסיתא הייבט זיך אויף, הייבט זיך אויף אין דער לופטן, און פליט. וווהין פליט זי, סוסיתא? זי פליט אקעגן

משיחן, פליט זי... שוין גענוג געזוימט. זאָל ער אראָפּ פונעם אייזעלע, און ארויף אויף איר, אויף אירע פייערדיקע פליגלען. „משיח בן דוד, מיר ווארטן אויף דיר. מיר קאָנען זיך שוין נישט דערווארטן. קום גיך געפלויגן!" אָבער משיח שאָקלט מיט זיין גרויסן שטערן און ווייסער באָרד אויף ניין. „פארוואָס, משיח בן דוד, זוימסטו אזוי לאנג? דיין פאָלק גייט אויס ווארטנדיק. נאָך וויפיל דיר די זעקס מיליאָן, און די פארשניטענע לעבנס אין דיין מדינה, און מיין שושנה מיט די צוויי בנים און דער בן־זקונים, נאָך וויפיל? נאָך דארפסטו מיין נסיון פון אָנקומען צו קינדער און אונטערגעבן זיך די שאָפערן?" סוסיתא בייגט זיך אראָפּ אונטערטעניק און ווארט אויפן געטלעכן מאן. „און אז עזרא בן רחמים הכוהן וועט נישט זוכה זיין צו ביאת המשיח, נו — וועסטו קומען גיכער? איז מסכים, ווערט עס פון געשעפט. אָבער, כ׳וועל דיך האלטן ביים וואָרט, און דיך רופן צום משפט אויבן, אויב אנדערש; הערסט, משיח בן דוד?!... דער בית־עולם איז א פּאָר שפּאַן פון דאָ, און דאָס טהרה שטיבל ביים איינגאנג, נישט דארפן קיינעם מטריח זיין. נו, זעץ זיך אויף סוסיתאן, האלט זיך פעסט אין אירע פליגל, פעסט! און איך גיי, גיי קודם צום נשר הגדול, רבי חיים אבואלעפיה, צו זיין קבר, נעמען אים אלס עדות, און דערנאָך — אין טהרה־שטיבל, קיינעם נישט מטריח זיין מיטן גיין פון דער וועלט, ווי קיינעם נישט מטריח געווען מיטן לעבן אויף איר"...

צומאָרגנס, האָט מען אים געפונען א קאלטן נעבן קבר פון ר׳ חיים אבואלעפיה, און נעבן אים איז געלעגן סוסיתא אָן סימן פון לעבן.

רש״י—גאס

ווען בנימין העלמאן איז געקומען אהערצו, זענען דאָ געווען בלויז זאמדן. היינט געפינט זיך דאָ עוזר פראנקס גרויסע וועבעריי, און הייזער שטייען דאָ אויסגעשטעלט אין רייען, און צווישן זיי — אן אספאלטירטער וועג, און נעאָן־לעמפּ אויף הויכע מעטאל־סלופּעס.

אָבער שווערער ווי אויסבויען די גאס גופא, איז געווען צו געבן איר א נאָמען.

ווי נאָר דער ענין איז געוואָרן אקטועל, אזוי האָבן זיך געשאפן צדדים. ווער עס איז געווען אויף דער זייט פון בנימין העלמאן, דעם ערשטן תושב פון דער גאס, און ווער — אויף דער זייט פון אינדוסטריעלער, וואָס האָט דאָ אויסגעבויט די וועבער־פאבריק און געגעבן פרנסה איבער צוואנציק משפחות. האָבן ביידע געוואָלט פאר זיך דאָס רעכט צו באשטימען א נאָמען פאר דער גאס. און דאָס נישט דווקא צוליב חזקה און בכורה־פארדינסטן פארן יישוב, נאָר — בנימין צוליב דעם, וואָס זיין זון, דער בן־יחיד, איז געפאלן העלדיש בעת דער לעצטער מלחמה, און עוזר — צוליב דעם, וואָס זיין פאטער, דער רב, איז אומגעקומען מות־קדושים אין א לאגער. האָט איין צד פארלאנגט, אז די גאס זאָל הייסן רחוב יצחק עליון — פון העלמאן איז מיט דער צייט געוואָרן עליון — און דער צווייטער צד — רחוב הרב שלמה פראנק.

אין הארצן איז דער רוב געווען אויף דער זייט פון בנימין. ער איז געווען דאָ פון די גאָר ערשטע, מיט אייגענע הענט אויסגעבויט זיין הויז אויף די זאמדן, און דאָ דערצויגן א זון, א גיבור, און אים געבראכט אויפן מזבח פון פאָלק,

דער ערשטער היגער קרבן. אין דער צייט, וואָס דער ייד פון דער פראנצויזישער שטאָט טרואַ, האָט דאָ נישט געפּאַקט און נישט געמאָזלט. מ׳קאָן טאקע נישט מבייש זיין א ייד, אַן עולה, א גביר וואָס אין זיין זכות לעבן איבער צוואַנציק משפחות, און מ׳קאָן נישט מבייש זיין דעם אָנדענק פון א טאַטן, א רב, און א קדוש דערצו. אָבער א זכות צו א זכות איז נישט גלייך.

איז די גאַס געווען אָן א נאָמען. קלענערע, שמעלערע און פיל יינגערע גאַסן האָבן באַקומען נעמען, און אונטערגעסלער האָבן באַקומען נעמען, און די גאַס נישט. יעדעס מאָל, ווען דער ענין איז געשטאַנען אויפן סדר־היום — האָט זיך געשטעלט א שטורם, רייסערייען, אמפּערנישן, שלעגערייען צווישן עליוניסטן און פראַנקיסטן. און ווען בנימין איז געווען גרייט איינצוגיין, לויטן פּאַרשלאַג פון צד שכנגד, אַז אַן אַנדערע גאַס זאָל טראָגן דעם נאָמען פון זיין זון, ווייל אייגנטלעך איז ער דאָך געפאַלן נישט נאָר פאַר דער גאַס, נאָר פארן יישוב, פארן גאַנצן לאַנד — האָבן די עליוניסטן נישט געוואָלט הערן, אים פאַרשריגן ווי א בוגד און פחדן. און כדי מען זאָל אים, עוזרן, נישט מאכן דעם זעלבן פּאַר־שלאַג, האָט ער גענומען פאַרגרעסערן די פאַבריק, אויס־ברייטערן זי, צוזאָגנדיק פּרנסה פאַר נאָך עטלעכע משפחות, און באַשטייערט זיך אַריינצופירן טעלעפאָנען אין אַלע הייזער פון דער גאַס.

און אַזוי ווי מ׳האָט נישט געקאָנט אַדורכקומען צווישן זיך, האָבן די עליוניסטן גערופן די גאַס רחוב יצחק עליון, און די פראַנקיסטן — רחוב הרב שלמה פראַנק. אָבער ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן אין עק גאַס א בלעכל מיט דעם נאָמען, תיכף איז עס אַראָפּגעריסן געוואָרן, און עס איז

געקומען צו סקאַנדאַלן און בלוטיקע געשלעגן צווישן די וואָס האָבן צוגעקלאַפּט און די וואָס האָבן אַראָפּגעריסן דאָס בלעכל. און אַז עס האָט שוין געהאַלטן אַזוי ווייט, איז מען געגאַנגען נאָך ווייטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן פון אויסגעהאַקטע שויבן אין דער וועבעריי, פון צעקלאַפּטע גאַס־לעמפּ, צעלעכערטע רעדער פון עוזרס אויטאָ, און געענדיקט האָט עס זיך מיט מאַניפעסטאַציעס. פון איין זייט זענען געגאַנגען וועבער־אַרבעטער און זייערע משפחות, און עלטערע מענטשן פון שואה און לאַגערן, און די דאַווענער פון דער שול אויפן נאָמען פון רב, שלמה פראַנק, און פון דער צווייטער — יונגוואַרג, שילערס, סאַברעס, אויסגעדינטע חיילים, פּקידים, און לערערס, און דער גאַנצער ספּאָרט־קלוב בראש מיט אַ פּאָן. און עס וואָלט געקומען צו שווערע קאַמפן, ווען פּאָליציי שפּאַרט נישט אָפּ די גאַס, און ווען עס קומט נישט צוהילף אַ מיליטער־אָפּטיילונג פון בשכנות.

ווער ווייס צו וואָס דאָס אַלץ וואָלט געפירט, ווען נישט אַ געניאַלער איינפאַל פון לערער פון געשיכטע. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מ׳זאָל רופן די גאַס אויפן נאָמען פון — רש״י, רבי שלמה יצחקי. פאַרוואָס עפּעס רש״י? ראשית, ווייל רש״י איז געווען אַ גרויסער ייד, און בלויז צוליב דעם האָט ער פאַרדינט אַ נאָמען פאַר אַ גאַס. שנית — האָט דאָך רש״י געלעבט אין טרואַ, דער שטאָט פונוואַנען עס קומט דער וועבער און זיין פאָטער. און נישט נאָר דאָס, די ערשטע צוויי אותיות פון רש״י, מאַכן טאַקע — רב שלמה, וואָס איז אויך די ראשי־תיבות פון עוזרס פאָטער. און וואָס שייך דעם דריטן אות, די יוד — מאַכט עס יצחק, ווי בנימינס זון...

בנימינס פרוי — ווייל בנימין איז אינצווישן געשטאָרבן,

און געזאָגט האָט מען צוליב עגמת־נפש — איז די ערשטע באשטאנען אויף דער פשרה־לייזונג, גיכער צוליב שלום בית, און נישט צו פארשוועכן מער דעם אָנדענק פון איר מאן מיט צאנקערייען און שנאת־אחים, ווי צוליב איבערצייגונג. און, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, איז עוזר לסוף אויך איינגעגאנגען.

אזוי רופט זיך די גאס איצטער אפיציעל רחוב רש״י, מיט א גרויסער אויפשריפט ביים אריינגאנג און ארויסגאנג פון דער גאס. און די צדדים רופן זי סיידוי מיט די זעלבע נעמען ווי פריער.

דאָס הויז אויפֿן וואַסער

ווען מ׳האָט זיך צוריקגערוקט פֿון דער רחבֿותדיקער טע־ראַסע אין צימער, עטלעכע קליינע טריט הינטערווייַלעכץ, מיט די אויגן ווייַט און פּאַראויס, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס הויז שטייט אויפֿן וואַסער. מ׳האָט געפֿילט ווי מ׳הוידעט זיך, ווי מ׳וואַקלט זיך מיט די כוואַליעס אויפֿן כּנרת, און אַזוי לאַנג ווי מ׳האָט נישט אָפּגעוואָנדן דעם קאָפּ פֿונעם וואַסער, האָט מען געפֿילט אַן אומזיכערקייט בייַם שטעלן די טריט און אַן איבלען הינטערן גריבל, ווי ביי איינעם וואָס נעמט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַ שיף.

ערשט, ווען מ׳האָט זיך געשטעלט געדיכט ביי דער באַלוסטראַדע מיט די אויגן טיף אַראָפּצו, האָט מען געזען ווי דאָס הויז שטייט אויפֿן ראַנד פֿון אַ באַרגיקער געגנט, און נאָר אַ שמאָלער גראָז־פּאַס און עטלעכע קוים־אָנגע־נומענע פּאַלמע־ביימלעך טיילן אים אָפּ פֿון אַ גרינעם משופּע, וואָס שפּרייט זיך תּהומיק און שאַרף ביזן צפֿתער וועג, פּאַזע כּנרת־זוים. ווען נישט דער אַספֿאַלט־וועג אונטן, וואָלט די אָפּהאַנג־גרינקייט זיך געוואָרפֿן גראָד אין וואַסער אַרייַן.

עמוס שמן, דער מאָלער, האַלט אַז דאָס איז דער שענ־סטער פּייזאַזש אין דער גאַנצער געגנט. פֿון דאָ נעמען די אויגן אַרום דעם גאַנצן כּנרת־בעקן, מיטן ירדן־איינגוס לינקס, דעם גולן מיט די הרי־גלעד פּאַר זיך, ביז העט, רעכטס, ווו צווישן אַ פּאַלמע־און באַנאַנע־וועלדל איז לייכט פּאַראויסצוזאָגן דעם אָנהויב פֿון טאָליקן ירדן־גאַנג. אַנדערש זעט דאָ אויס דער זון־אויפֿגאַנג, און אַנדערש דער בין־השמשות, ווי אין דער גאַנצער געגנט. די גאַנצקייט פֿון

כנרת־פייזאזש גיט א בילד פון א פאַרענדיקטער און פאַר־פולקאָמטער יצירה, און גיט א געפיל פון א געזעטיקטער הנאה, ווי אן אויסגעהונגערטער, ווען מען עס ווערט דער־לאַנגט א טיש מיט די בעסטע מאכלים, און די אויגן זיינע שלינגען אַלץ מיטאַמאָל. היינט ערשט, דער כישוף וואָס טראָגט זיך צו דער טעראַסע פון דער פּריאָוואַטיקער זון, וואָס די כוואַליעס האַלטן אין קלעם און בעטן אויס פאַר איר א ווייך געלעגער פון סאַמע גאָלדענע ציטער־געוועבן. און אַזוי שטייענדיק מיט די אויגן אין וואַסער, וויגט מען זיך מיט, שאָקלט מען זיך אין עקסטאַז, ווי א פרומער ייִד בעתן דאַווענען, וואָס קוקט אינעם אָפענעם סידור, הגם ער קען דאָס גאַנצע דאַווענען אויסנווייניק.

אלע קענען דעם מאָלער עמוס שמן. מ׳האָט געהאַלטן, אַז די נעמען פּאַסן אים נישט. ער האָט נישט געהאַט אין זיין אויסזען גאַרנישט אַסקעטישעס, אָדער מיסטישעס, ווי מ׳איז געווויינט צו טראַכטן אויפן קלאַנג פון א נביאישן נאָמען. ער איז דווקא געווען דער היפּוך. ער איז געווען שטאַרק, פעסט געבויט, מיט רויע שטריכן ווי ביי אן ערד־אַרבעטער, מיט א פּנים דורכגעפּרעסן פון היצן, רעגנס און ווינטן. זיינע אויגן זענען געווען ניכטער, מיט א געמיש פון שטיפע־רישער אויסגערעכנטקייט. אויך דער פאַמיליע־נאָמען האָט זיך נישט געקלעפּט צו אים. ער האָט זעלטן געמאָלן מיט אייל, שמן, נאָר תמיד מיט וואַסערפאַרב. זיינע אַקוואַרעלן זענען באַקאַנט ברייט איבערן לאַנד און אויך אין אויסלאַנד. מענטשן האָבן זיך געפרעגט: ווי טוט ער אַהין זיין געלט, וואָס ער פאַרדינט פאַר די בילדער? מ׳האָט געזאָגט, אַז ער פאַרטרינקט עס, פאַרהוליעט עס און גיט אויס אויף פרויען. ער האָט געהאַט אייגנס א פרוי און א קינד. איז די פרוי אַוועק

פון אים צוליב זיין אויפפירן זיך און אויסגעלאסן לעבן. און פאראן, וואָס זאָגן פארקערט, אז דאָס איז זי די שולדיקע. און ווייל זי איז אוועק פון אים, האָט ער גענומען טרינקן און אויסגעבן אויף פרויען און בארוישנדיקע רויך־בלעטער. אנדערע האָבן געזאָגט, אז דאָס איז צוליב דעם וואָס דאָס טעבטערל מיט די טויזנט חנען איז אוועק מיט דער מאמען. הגם די שטאָט איז א קליינע, און די אויגן זענען ביי אלעמען גרויס, און נאָך גרעסער דער נייגער, האָט מען נישט געוווּסט גענוי ווער און וואָס. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט מען אים געשעצט ווי א מאָלער מיט א גרויסן נאָמען. אָבער, אזוי ווי מען פלעגט אים פריער פארבעטן צוזאמען מיט זיין פרוי אין די אָנגעזעענע הייזער, בעת אויפנאמעס, און זיך גרויסן מיט אים ווי א גאסט, וואָס באשיינט די שמחה, אזוי האָט מען אים שפּעטער גענומען אויסמיידן. עס האָט געיאָגט פון אים מיט אלקאָהאָל, שטארקן טאבאק, רויש־בלעטער, און זיין באווייזן זיך אין א געזעלשאפט האָט געדראָט מיט סקאנדאל און בייז בלוט. מ׳איז אויך בייגעשטאנען דעם נסיון פון מוותר זיין אויף דער צייכענונג, אָדער בילד, וואָס ער פלעגט מאכן אויפן אָרט, און איבערלאָזן במתנה ביים פארלאָזן די גאסטשטוב.

ווען קלארא און מאקס דעמבאָווער האָבן זיך געגרייט צו פייערן דעם ערשטן יאָרטאָג פון זייער עליה, איז געשטאנען די פראגע צי שיקן אן איינלאדונג צו עמוס שמן, דעם מאלער, צי נישט. קלארא איז געווען דערפאר.

— מענטשן זאָגן דאָך, אז . . .

— וואָס מענטשן זאָגן דאָרטן, מאקס — האָט זי איבערגעריסן. — און אז מענטשן זאָגן, אז מיר זענען געקומען אין לאנד ווי אידעאליסטן, פון גרויס ליבע צום

לאנד, נו?... און אז מענטשן באטראכטן אונדז ווי דאָס אידעאַלסטע ליבע־פּאָרל.

— אָבער, זייט מיר זענען אין לאַנד, איז עס דאָך אמת, כמעט אמת...

— ווייס איך וואָס. מענטשן זאָגן.

— אָבער דאָך, געסט וועלן נישט קומען, אויב זיי דערוויסן זיך, אז...

— קודם, דאַרף מען קיינעם נישט אָפּגעבן קיין באַריכט וועמען מיר לאַדן איין און וועמען נישט. צווייטנס, ווער וועט זיך אָפּזאָגן צו זיין צווישן די געסט פון די גבירישע דעמ־באָווערס, צום אָפּשלוס פון זייער ערשטן עליה־יאָר? און דריטנס, פאַרוואָס נישט האָבן אין באַזיץ זיינס א צייכענונג במתנה צו דער וויכטיקער געלעגנהייט, מיט א ווידמונג?

— פאַראַן דאָך אַנדערע מאָלער אין שטאָט.

— קיינער קען זיך נישט גלייכן צו אים. פאַראַן אזא פּרעכטיקער פּייזאַזש ביי אונדזער פריינט, דעם באַנק־דירעקטאָר, הגם דער אויסבליק פון זיין הויז קאָן זיך ווייט נישט פאַרגלייכן מיט אונדזערן...

עמוס איז געקומען דער ערשטער. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף דער געלעגנהייט. און געפּעדערט האָט ער זיך כדי צו כאַפּן די זון, איידער זי שטעלט זיך מיטן רוקן צום כנרת.

די געסט האָבן אים געטראָפן זיצן מיט איין אויג צום דרויסן און מיטן צווייטן אינעם רחבותדיק־פונאַנדערגעעפנטן אַלבום־בלאַט, וואָס האָט גערוט אויף זיינע פונאַנדערגע־שפּרייטע קני. אויף א שטול דערנעבן זענען געלעגן בלייען, שוואַרצע און פאַרביקע, גומי־מעקערס, א צעעפנט טאַשן־

מעסערל. זיין האנט איז געלאָפן איבער דעם בלאט און אויסגעפּולט די ליידיקייט מיט שטריכן, פלעקן, פאַרבן. די געסט, און זייערע באַגריסונגען, העפלעכקייט־אויסרופן און געלעגנהייט־ברכות, האָבן אים נישט אינטערעסירט, נישט געאַרט. די געסט האָבן זיך איבערגעוווּנקן, דערזעענדיק אים. זיך געסודעט אין די ווינקלען. געדרייט זיך אַרום די דעמ־באָווערס. געררויכערט נערוועאיש. געקייעט א ניסל, אַן אייל־בירט, און געגלאָצט מיט די אויגן צום בופעט מיט די פלאַשן און כל מיני עסנוואַרג.

דער ראש־העיר האָט געהויבן דאָס גלאָז מיטן שוימענ־דיקן שאַמפּאַן, און געוווּנטשן מזל־טוב, און לשלום און לברכה, און אונטערגעשטראָכן די לעבנסוויכטיקייט פון עליה, עליה אין אַלגעמיין, בפרט פון דער אידעאַליסטישער. דער אידעאַליסט וועט בלייבן אין לאַנד, ווי שווער עס זאָלן נישט זיין אין אָנהויב די חבלי־קליטה. אָבער נישט אַזוי איז דער פאַל מיט אַנדערע עולים, ביי וועלכע שוועריקייטן קאָנען אַרויסרופן דעפעטיסטישע רעאַקציעס... דעריבער דאַרף מען באַגריסן גאָר באַזונדערס דעם אידעאַליזם און ישראל־פּאַטריאָטיזם פון די דעמבאָווערס (דאָ האָט זיך קלאָרא זיך איבערגעוווּנקן פון א זייט מיט איר מאַן, און אָפּגעוואָנדן גיך איר פּנים, מ׳זאָל נישט באַמערקן איר איראָנישן שמייכל)... און ווינטשנדיק דער שטאָט און דעם לאַנד ענלעכע עולים מיט קאַפּיטאַלן און ענלעכע קליטות, האָט ער פאַרענדיקט וואָרטשפּילעריש: — ביז היינט האָבן מיר דאָ געהאַט כל מיני ביימער, פּאַלמעס, ציטרוסן, אַקאַציעס, ציפּרעסן, און איצטער זענען צוגעקומען דעמבעס. כן ירבו כמוהם בארץ!

די געסט האָבן געקלאַפּט בראַוואָ, געהויבן די גלעזער,

און יעדער האָט צוגעגעבן זיין חלק ברכות, אויף זיין שפּראַך, לויט זיין טעמפּעראַמענט און מאָס פון פאַרגינערישקייט. עס האָבן זיך געשאָפן קרייזלעך אַרום בופעט, אַרום די געדעקטע טישלעך. מ'האָט זיך איבערגעגעבן זכרונות פון די ערשטע עליה־יאָרן, און ווער נאָך פריער, באַגלייט מיט זיפצענישן און צער, שטיקנדיקע טרערן... סערוויר־מיידלעך האָבן צוגעטראָגן טאַצן מיט נייע געטראַנקען, צובייסעכצן, פאַררייסנדיקע סענדוויטשלעך, און נישט געלאָזן זינקען אין טרויער און אומעטיקע מחשבות. קלאַרא האָט צוגעטראָגן צום מאָלער אַ גלאָז שאַמפּאַן:

— מייסטער, בבקשה — האָט זי געזאָגט און פאַרנייגט זיך העפלעך.

ער האָט אויפגעהויבן אויף איר זיינע גרויסע אויגן. ער איז געווען בייז, וואָס מ'שטערט אים, אין דער צייט ווען ער גייט אין אַ וועט־געיעג מיט דער זון. ער האָט געקוקט אַ רגע ווילד, גרייט אויסצולאָזן זיין כעס, אָבער איר מילדער בליק און אַ גיריקער פונק אין אירע אויגן, האָבן אים ווייכער געמאַכט. ער האָט זיך לייכט אונטערגעהויבן, צוגעשטעלט די ליפּן צום ברעג פון גלאָז, און געגעבן אַ הילכיקן זופּ. דערנאָך נאָך אַ זופּ. זי האָט איינגעבויגן דאָס גלאָז, אַז עס זאָל זיך אים בעסער טרינקען, און געהאַלטן אַזוי ביזן לעצטן טראָפּן. ער האָט לייכט פאַרוואָרפן זיין שווערן קאָפּ אויף הינטן, פאַרגלאָצט די אויגן, אַז זיי זאָלן נישט פאַרלירן דעם גלאַנץ פון אירע אויגן און די פאַרלוירנקייט פון איר פּנים. ער האָט פעסט אַרומגענומען מיט זיינע ציין דעם דערלאַנגטן גראַוויר־רייף פון גלאָז, ווי ער וואָלט וועלן איינבייסן. זי האָט געזען זיינע גרויסע גלאַנצנדיקע ציין, זיינע דיקע פלייש־ליפּן. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע ריזיקע ציינער און ליפּן. פאַרוואָגלטע שטראַלן

האָבן, מיטן לעצטן כוח פון פאַריאושטע, זיך א דראפּע געטון אהערצו, פאַרטשעפּעט זיך אינעם קרישטאל פונעם גלאָז און געבליבן הענגען ווי א מאגישע שימער־לאמטערנע ביי זיין שפּיץ נאָז.

פלוצים האָט זיך דערהערט א הילכיקער גרילץ און א קלינגנדיקער אָפּהילך, ווי בעתן ברעכן גלאָז, צוזאמען מיט א שרעק־אויסרוף, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן טיף פון קלאראס קעל:

— גאָט דערבארעמדיקער, איר בלוטיקט, מייסטער!

דער מאָלער האָט געהאלטן צווישן זיינע ציין א שטיק אָפּגעבראָכענעם גלאָזראנד, און ארויסגעלאָזן שטיקער געלעכטער און שפּאָט, צוזאמען מיט שנירלער בלוט, צווישן די צעעפנטע ליפּן. ער האָט אָפּגעשטופּט די אלע, וואָס האָבן זיך געשטעלט צעשראָקענע ארום אים, מיט עצות און מיט מויל־טיכלער אויף צו פארהאלטן דאָס בלוט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעשטופּט זיך צום ראנד פון טעראסע, אריבערגעבויגן זיך, א וואָרף געטון ווייט פון זיך מיט א שפּיי דאָס שטיק גלאָז, געשפּיגן פון זיך די רויטע פליסיקייט, וואָס האָט זיך געזאמלט אין מויל, און פארביסן די ליפּן. נאָך א ווייל, האָט ער זיך אויסגעדרייט.

— דאָס איז נישט קיין בלוט, רבותי — האָט ער אויסגערופן פארקלעמענדיק פון צייט צו צייט די ליפּן — קיין בלוט נישט, נאָר שטיקער שפּעטזון, געמישט מיט אויסלענדישן שאמפּאן... קיין בלוט נישט, נאָר זון־שוים, וואָס איז געקומען צום מאָלער מיט א געבעט געמאָלט צו ווערן... קיין בלוט נישט, רבותי, נאָר אן אילוזיע פון בלוט... אלץ איז אילוזיע, רבותי, אלץ אין לעבן, דאָס לעבן גופא, ווי אן אילוזיע עס איז דאָס הויז אייערס, וואָס שטייט אויפן וואסער!...

דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט נעבן בופעט־טיש, און איינגעגאָסן א גלאָז וויסקי.

— לחיים! — האָט ער אויסגעשריגן און א פּאָכע געטון מיטן גלאָז, ווי מיט א באלעם צום שליידערן. — זאָל לעבן די אילוזיע!

ער האָט געזוכט מיט די אויגן די גאסטגעבערין, ווי ער וואָלט וועלן צונויפקלינגען זיין גלאָז מיט אירן. דערנאָך האָט ער א גאָס געטון פון גלאָז אין מויל אריין, ווי ער וואָלט וועלן אויסמיידן דעם באריר פון דער משקה מיט זיין צעשעדיקטער ליפּ.

קלארא איז געווען אין קוך, אויף א שטול, אן איבער־גענומענע, און נישט געקאָנט קומען צו זיך.

די געסט האָבן גענומען זיך צעגיין. זיי האָבן זיך גע־שראָקן, אז ביי די ווייטערדיקע גלעזלעך, וועט אויסברעכן א סקאנדאל. זיי האָבן זיך געזעגנט דיסקרעט, ארויסגעשארט זיך ווי שאָטנס.

דער לעצטער איז ער אוועקגעגאנגען, וואקלנדיק זיך אויף זיינע פיס. ער האָט גענומען דעם אלבום־בלאָק, גע־זאָגט אז ער וועט מאָרגן צוריקקומען פארענדיקן דאָס בילד. און שטייענדיק שוין אויף דער שוועל, האָט ער זיך גיך אומגעקערט, צוגעגאנגען צום טיש, א נעם געטון דאָס גלעזל מיטן אָפּגעבראָכענעם ראנד, און צוריק ארויס:

— נאָך אן אילוזיע — האָט ער געזאָגט — אן אנדענק־אילוזיע פון דעם אָוונט, כא, כא, כא!

שטיקער געלעכטער מיטן אָפּהילך פון שווערע טריט האָבן זיך געקייקלט מיט א וואקלדיקן עכאָ איבער די מארמאָר־טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער גאס.

צומארגנס איז עמוס שמן געקומען פֿארענדיקן דאָס בילד. איבערמאָרגן, איז ער געקומען אָנהייבן א ניי בילד. עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער אוועקגעשטעלט א מאָל־ברעט אויף דער טעראסע, מיט א לייוונט, און געשטעלט זיך מאָלן מיט פארבן. אזוי עטלעכע טעג נאָכאנאנד. נאָכן אוועקגיין פון מאָלער, האָבן שכנים געהערט הילכיקע געש־רייען און געוואלדן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די דעמבאָ־ווערס דירה, ביז שפּעט אין נאכט אריין. און מ׳האָט זיך געסודעט, אז דאָס מאָלן איז נישט מער ווי א פּרעטעקסט, און מיינען מיינט ער זי, קלארא דעמבאָווער.

איידער די דאָזיקע ווערסיע האָט זיך רעכט אנגענומען, איז גלייך געקומען א באשטעטיקונג, ווייל מאקס דעמבאָווער איז א שיינעם טאָג נעלם געוואָרן, און נועם, פון רייזע־ביוראָ, האָט דערציילט, אז דאָס האָט ער אים פארקויפט א בילעט קיין פאריז, און נאָר אהינצו.

און, ווען עמוס שמן, דער מאָלער, האָט זיך אריינגע־צויגן צו איר אין דירה, איז זיך צעגאנגען א קלאנג, אז איר מאן האָט זיך אומגעקערט צו זיין מידינעטקע, קיין פאריז. א שכנטע, פאר וועלכער קלארא האָט זיך אָנפארטרויט, האָט געוווסט צו דערציילן, אז דאָס האָט זי אים געשלעפּט אהער־צו, כדי אוועקצושלעפּן אים פון דער אויסגעלאסענער גראַן־באזאר פארקויפעריןֹ, כדי ארויסצוראטעווען אים פון אירע נעגל און אָפּצוראטעווען דאָס פארמעגן, אויף וועלכן זיי האָבן שווער געארבעט; נאָר, זעט זיך אויס, אז זי איז אים נאָר געלעגן טיף אין די ביינער...

האַרצווייטיק

מ'איז געוווינט דאָ צו די שטאַרקע רעגנס פון סוף־טבת און אָנהויב שבט. אָבער זעלטן זענען זיי געפאַלן מיט אַזאַ העפטיקייט, אַזוי שפּעדיק און אַזויפיל טעג נאָכאַנאַנד. מ'האָט זיך געשראָקן, אַז דער כנרת וועט אַרויס פון זיינע ברעגן און פאַרפלייצן נישט נאָר די וועגן וואָס פירן אין ירדן־טאָל, נאָר אויך די אַרומיקע פעלדער און פּרדסים.

ערב שבת, צוזאַמען מיטן רעש פון די פאַרמאַכטע קראָמען, האָט זיך געשטעלט האַלברייפיק פון איין ברעג ים צום צווייטן און מיטן בויך צו די אויסגעלויטערטע וואָלקנס — אַ שאַרף־גלאַנציקער רעגנבויגן. האָבן פרומע ליפּן געטייטשט, אַז דאָס איז אין זכות פון שבת קודש. הלמאַי עס האָט גערעגנט בעת די פריערדיקע צוויי שבתים? האָבן די, וואָס גלויבן אין ניסים און זכותים, בטבע אַ קורצן זכרון, און האָבן נישט ליב צו קוקן אויף הינטן... אָבער צומאָרגנס האָט זיך די שטאָט ווידער געוועקט אַדורכגעווייקט און אונטער אָנגעדראָלן־טריפנדיקע וואָלקנס.

אריה איז נאָכגעגאַנגען די וואָלקנס אויפן הימל און אויסגעקוקט אַ סימן, אַן אָנדייט אויף אויסניכטערונג. היינט מוז ער זיך לאָזן אין וועג אַריין. עס איז דער לעצטער טאָג פון דער אויסשטעלונג פון יידישן מאָלער פון סאָוועטנלאַנד. אים אַליין האַלטן זיי פעסט פאַרשפּאַרט אין תפיסה, אָבער די בילדער האָט ער באַוויזן אַרויסצושיקן געהיים דורך מזלדיקע עולים. מיטאָגצייט שליסט זיך די אויסשטעלונג, און דערנאָך גייט זי אַריבער קיין ירושלים, באר־שבע און אילת; פאָלג מיך אַ גאַנג. אויב ער וועט זי נישט זען אינעם מוזיי פון אשדות־יעקב, איז ווער ווייס ווען. צוליבן רעגן, האָט ער אָפּגעלייגט פון איין שבת צום צווייטן. ער ווערט

ממש צעטראָגן דורך דער תשוקה צו באַוווּנדערן די בילדער, די נשמה־ראַנגלענישן און וויזיעס פֿון דעם געבענטשטן קינסטלער. ער האָט עס געמוזט טאָן אויף פּאַר זיין זון, נקדי־מון, וואָס איז טאַקע שטאַרק באַהאַוונט אין זיינע אינזשע־נערישע סטודיעס, אָבער איז אַזוי הינטערשטעליק וואָס שייך תודעה יהודית, וואָס שייך דעם יהדות־באַוווּסטזיין און די ראַנגלענישן, וואָס גייען אָן אין דער יידישער וועלט. אסתרן, זיין פֿרוי, האָט עס אויך געצויגן צו דער אויסשטעלונג. זי האָט גאָרנישט פֿאַרצוואָרפֿן איר זון, וואָס וואַקסט אָן אַמתער סברה, נאָר פּשוט כּדי זי זאָל האָבן וועגן וואָס צו רעדן בעת די אָפּטע קאָרטן־פּאַרטיס ביי זיך אָדער צוגאַסט...

ווינאָר עטלעכע אָנגעשוואָלענע וואָלקנס האָבן אויס־געליידיקט זייער שווערע לאַדונג, איז אריה אריין אין אויטאָ. נעבן אים — אסתר, פֿון הינטן — נקדימון.

— זיי פּאָרזיכטיק, אַבאַ — האָט נקדימון געוואָרנט — דער וועג איז גליטשיק. זאָלסט, חלילה, נישט ברעמזן מיט־אַמאָל, ס׳איז סכּנהדיק.

— הינטער דער שטאָט וועסטו איבערגעבן דאָס רעדל נקדימונען — האָט אסתר געעצהט.

די ווישערס האָבן געשאַרט מיט רעש די צעשוווּמענע טראָפּנס אויף דער פֿאָדערשויב, און טויב האָבן צוגעקלונגען די צעשפּרונגענע רעגן־שפּריצן איבערן געבלעך פֿונעם אויטאָ. די רעדער האָבן זיך געדרייט אָן חשק צווישן דעם וואַסערשיכט איבערן וועג, די ריטשקעלעך און סאַזשעלקעס, און די שטיינער אָנגעטראָגן פֿון די אונטערגעשווענקטע באַרג־שיפּועים. שטיקער קויטיק זאַמד האָבן געקלעפּט צו דער שויב, וואָס די ווישערס האָבן נישט געקאָנט בייקומען.

אַז מ׳האָט געקענט גוט די געגנט און דעם וועג, האָט מען מער געטראָפֿן ווי בפֿירוש געזען ווו מ׳געפֿינט זיך. אָט,

ענדיקט זיך די שטאָט. גלי־כנרת. טבריהער בית־הקברות. חמי־טבריה. לינקס — דער בית־עלמין פון כנרת; רעכטס — פון דגניה. די בריק ביים ירדן־אויספלוס, און די דאמבע.

און אַט, א פרישער רעגנגאָס, וואָס וויל צעזעצן דעם דאך און די פאָדערשויב, און מאכט אנמעבעטיק די פאַר־מאטערטע ווישער־גלידער.

אריה שטרענגט אָן זיין ראיה, בייגט זיך צו געדיכט צו דער שויב, זוכט דעם קרייצוועג, וואָס באפעלט זיך ווענדן רעכטס, אויב מען איז מכוון צום קיבוץ און זיין מוזיי.

עס רוישט דער כנרת און הייבט בייכיקע כוואליעס מיט א פנים ווי צעשטורעמטע וואָלקנס, און פארטראָגט זיי כמעט צום וועג צו, פארדעקנדיק די אויסגראָבונגען פון בית־ירח און דעם זכרון־פלאץ. דער מאָנומענטאלער פעלדז־שטיין הייבט זיך מאיעסטעטיש איבערן פלייץ־וואסער און טראָגט צו די וואָלקן־הימלען דעם פסוק פון תהילים לזכר די גע־פאלענע העלדן פון ישראלס מלחמות.

אריה דריקט לייכט אויפן פעדאל, פאַרט פאמעלעך, זוכט מיט די אויגן געדיכט.

— פאָר ווייטער, אבא, מיר זענען אין דער סביבה.

אָבער, אנשטאט דעם קרייצוועג, האָבן זיי פלוצים באמערקט א שאָטן אינמיטן וועג. א שאָטן, וואָס באוועגט זיך, ווי א געשפענסט פאר פייגל אויפן ווינט. אפשר איז עס א שאָטן פון אן אונטערגעשווענקטן בוים, וואָס האלט אין פאלן? און אפשר ליגט ער שוין מיט די וואָרצלען ארויף, און הוידעט זיך שטורמיק אין א רעגן־סאזשעלקע נעבן ברייטן אויסבויג פון קרייצוועג?

— האלט איין, אבא! — האָט נקדימון פלוצים אויס־גערופן און איבערגעבויגן זיך איבערן פאָטערס רוקן, כדי

אָנצוכאפּן ביים רעדל. — דאָס איז א פּרוי, אבא, זעסט נישט? זי פּאָכעט מיט א האנט, זאָלסט דיך אָפּשטעלן. האלט איין, אבא!

דער אויטאָ איז געבליבן שטיין. נקדימון האָט גיך געעפנט די טיר. ער איז ארויס, נישט געקוקט אויפן רעגן און אויפן וואסער, וואָס גרייכט ביז איבער זיינע קנעכלער, האָט זי ארומגענומען ביי דער טאליע און געהאָלפן אריינגיין. זי האָט זיך אוועקגעזעצט א ציטערדיקע און געווישט מיטביידע הענט דאָס וואסער, וואָס איז גערונען איבער אירע אויגן.

— סלי־חה, פּארדאָן — האָט זי געזאָגט בעטנדיק און מיט אן איבערגענומענער דאנקבארקייט.

— עס איז בסדר — האָט געזאָגט נקדימון, העלפנדיק איר אָפּטרייסלען דעם רעגן פון אירע ארבל און מאנטל. — עס איז א מצווה, א פרוי אליין אויף א שלאקסרעגן.

— פּאר־דאָן, סליחה — האָט זי איבערחזרט און שווער געאָטעמט. — זייט מוחל, איך האָב אייך אריינגעבראכט דעם רעגן אין אויטאָ, סליחה.

— ווי לאָזט מען זיך ארויס אין אזא זאווערוכע אין וועג, איינע אליין, און אָן שירעם דערצו — האָט אסתר געזאָגט ברומענדיק און מיט א טענה.

— וואָס שייך דעם שירעם, האָט א ווינט מיר אים ארויסגעריסן פון האנט, און פארטראָגן ווייט אינמיטן כנרת, און...

— וווהין דארפט איר אייגנטלעך — האָט אריה איבער־געריסן — אפשר צעגייען זיך גאָר אונדזערע וועגן?

— און אז זיי צעגייען זיך, אבא, וועלן מיר זי דאָך נישט איבערלאָזן אויף אזא וועטער אינדרויסן; ווער ווייס ווען עס וועט ווידער פארביי דאָ אן אויטאָ?

— איך בין ארויס פאַרטאָגס פון נצרת־עלית, געהאַט א "טרעמפּ" ביז טבריה, דערנאָך געטראָפן אן אמבולאַנס, וואָס איז געפאָרן נעמען א קראַנקן אין קיבוץ כנרת, און זייט גוטע דריי שעה וואַרט איך דאָ אויפן רעגן.

— עס מוז זיין א גאָר וויכטיקע סיבה — האָט אסתר געזאָגט, מיטן זעלבן טאָן ווי פריער — אז איר האָט נישט געקוקט אויפן שטורם.

— יאָ, גברת — האָט זי געענטפערט — זייער וויכטיק.

— יאָ וויכטיק, נישט וויכטיק — האָט אריה זיך אומ־געדולדיקט. — וווּהין ווילט איר אייגנטלעך פאָרן, גברת?

— איך וויל אויף דער רמה, אויפן גולן — האָט זי געענטפערט, און צוגעגעבן — רופט מיך נישט גברת, נאָר שולמית, אָדער ביי מיין פריערדיקן נאָמען, סאָלאַנזש...

— וווּ־הין? — האָט אריה איבערגעפרעגט.

— הערסט דאָך, אבא, שולמית דאַרף אויפן גולן.

— פאָלג מיך א גאַנג. מיר דאַרפן רעכטס, און זי דאַרף גאָר לינקס, אויפן צווייטן עק וועלט, אן אָנשיקעניש...

עס האָט זיך דערהערט א דונער גאָר נאָענט. ער האָט א טרייסל געטון מיטן אויטאָ און צונויפגעשטויסן די בייזי־צערס איינער צום צווייטן. מיט אן אויטאָמאַטישן זשעסט האָט נקדימון ארומגענומען פעסט די צופעליקע פּאַסאַזשערין, ווי ער וואָלט זי געקענט ווער ווייס ווי לאַנג. ווען עס איז געוואָרן שטילער אין חלל, האָט נקדימון זיך אָנגערופן: — איך האָב אן איינפאַל, האָב איך. מיר וועלן צוערשט צופאָרן צום מוזיי. איר וועט אראָפּגיין צו דער אויסשטעלונג, און איך וועל דערווייל אונטערפירן שולמית. דערנאָך וועל איך אייך קומען נעמען.

— דאָס קיינמאָל נישט — האָט אסתר זיך אויסגעדרייט צום זון, שאַרף א קוק געטון אין פּנים פון מיידל, און איבער־

חזרט נאָך העבער: — קיינמאָל נישט!

— שרעקט זיך נישט — האָט שולמית אויסגערופן, פארשטייענדיק די כוונה. — איך פאָר צו מיין חתן, איך...

זי האָט איבערגעהאַקט, אָפּגעזיפּצט שווער, און גענומען איר פּנים איןביידע הענט. איר פּנים איז געווען רונדיק, אָפּגעברענט, און די נאָז געטאָקט, לייכט ארויפגעשארצט, אין דער זעלבער ריכטונג ווי איר פאררונדיקטע גאָמבע, און צווישן זיי דינע ליפּן, לייכט פארקראמפּט ארום חן־גריבל. אירע אויגן האָבן געפינקלט דורך א דינעם שפּעלטל צווישן די געדיכט־באהאָרטע לעדל־ברעגן, ווי גלי־ווערעמ־לעך צווישן גראָזן אינמיטן נאכט. אירע האָר זענען געווען פעך־קויליק, און נאסערהייט אויסגעזען נאָך שווארצער. איבער אירע לאנגע פינגער זענען גערונען גרויסע טראָפּנס, וואָס זענען געפאלן ווי פּערל אין די צעעפנטע ארבל־מיילער פון איר ים־גרינעם און צעגלאנצטן רעגן־מאנטל.

— איך וויל אים מאכן א סיורפּריז — האָט זי געענ־דיקט דעם איבערגעריסענעם זאץ — א סיורפּריז.

— הפתעה — האָט אריה א ברום געטון.

— מערסי — האָט זי געדאנקט פארן אונטערגעזאָגטן וואָרט. — תודה. ווי איר זעט, שטאם איך פון מאראָקאָ, און זיכער האָט איר דערקענט פון מיין גרייזיקן עברית, אז איך בין אן עולה חדשה.

— אייער עברית איז דווקא א גוטער, הלוואי אויף אלע נייע עולים געזאָגט — האָט נקדימון געמאכט איר א קאָמפּלימענט.

— אויב מיין עברית איז נישט אזוי שלעכט ווי ביי אנדערע, וואָס זענען ערשט איין יאָר אין לאנד, האָב איך עס צו פארדאנקען מיין חתן, מיין מאירן, דעם סברה.

און נאָך א רגע האָט זי צוגעגעבן: איך וואָלט זיכער נאָך

בעסער געקענט, ווען מיר קאָנען זיך באַגעגענען אזוי אָפט און אזוי לאנג ווי מיר האָבן געוואָלט...

זי האָט טיף אפגעאטעמט, אונטערגעזיפצט.

דער רעגן האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. עטלעכע זון־שטראַלן האָבן זיך געמאכט א וועג צווישן א קנויל פון צעדריוולטע וואָלקנס, און זיך געשטעלט באלכסונדיק צו דער פאָדערשויב. אריה האָט א דריי געטון דעם שליסל אינעם מאָטאָר־שלאָס, און די ווישערס האָבן גענומען טרייבן די דינע שיכט וואסער, וואָס האָט געקלעפּט צו דער שויב און צוריקגעשלאָגן דעם קארגן זון־אָנזאָג.

— מיר האָבן זיך געמוזט באַגעגענען אין געהיים — האָט זי ממשיך געווען — ווייל זיינע עלטערן האָבן געשטערט. זיי שטאמען פון פּוילן, און זייער זון איז א געלערנטער, איך נישט... אָבער מיר האָבן זיך ליב... ער איז א שוואכער פון דער נאטור, און נישט געוואָלט ווי טאָן טאטע־מאמע... ווען ער איז אוועק אין מיליטער, האָבן די עלטערן געהאָפט, אז ער וועט מיך פארגעסן... אָבער ער האָט מיר געשריבן כמעט יעדן טאָג, און ווען ער האָט געענדיקט די רעקרוט־דינסט, און באקומען דריי טעג אורלאָפּ, איז ער געווען מער צוזאמען מיט מיר, ווי מיט זיינע טאטע־מאמע... אָבער זייט דעמאָלט, זענען זיינע בריוו זעלטענע, קירצערע און קאלטע־רע... זעט זיך אויס, אז זיי האָבן אים איבערגערעדט, אָפּ־געוואָנדן פון מיר, אויסגערעדט ווער ווייס וואָס פאַרא ליגנט... נו, האָב איך אָפּגעווארט דעם היינטיקן טאָג, וואָס איז גראָד זיין געבורטסטאָג, צו פאָרן צו אים; איך בין פריי פון ארבעט, ער אויך. איך וויל אים מאכן א...

— הפתעה — האָט אריה צוזאמען מיט אסתרן איר אונטערגעזאָגט.

— הפ־ת־עה, הפ־ת־עה, הפ־ת־עה — האָט נקדימון

צעזילבט דאָס וואָרט, און געבעטן איר נאָכצוזאָגן, וועלנדיק מיט דעם זעלבן אריינברענגען א הייטערן טאָן.

אריה האָט א קוק געטון אויפן זייגער.

— הפתעה אהין, הפתעה אהער — האָט ער געזאָגט — און אין א שעה ארום שליסט זיך די אויסשטעלונג. הכלל?

ער האָט א קוועטש געטון דעם גאז־פעדאל. עס האָט זיך דערהערט דער רעש פון מאָטאָר, באגלייט מיט א טויבן רויש פון די רעדער, וואָס דרייען זיך אויפן אָרט, באמיענדיק זיך ביים ארויסצוקומען די בלאָטע, אין וועלכער זיי האָבן געשטעקט, ביז איבער די ווענטיל־שרויפן.

— נאדיר גאָר, ווי א צולאָג — האָט ער א ברום געטון מיט פארדרוס — א בלאָטע, געבליבן שטעקן אין בלאָטע.

— א בלאָטע צו א בלאָטע איז נישט גלייך — האָט אסתר א ברום געטון בייז.

נקדימון האָט גיך געעפנט די טיר, א שפרונג געטון אין א זייט און אויף הינטן, גענומען אונטערשטופן.

די רעדער האָבן געטריבן פון זיך קויטיק וואסער און שטיקער בלאָטע, געמאכט א רעש און נישט גערירט זיך פון אָרט. שולמית איז ארויס פון אויטאָ, געשטעלט זיך נעבן נקדימונען, און געהאָלפן שטופן. אסתר איז אויך ארויס, און געשטעלט זיך מיט א האנט אָנגעלענט אין הינטערשטן פליגל. נקדימון האָט צונויפגענומען עטלעכע פארוועלקטע צווייגן, וואָס דער שטורמווינט האָט אפגעפליקט פון דער־נעבנדיקע פאלמעס, און געשטופט אונטער די פאָדער־רעדער, כדי זיי זאָלן האָבן אין וואָס זיך צו פארטשעפען. דאָס האָט געהאָלפן. ווען אלע זענען ווידער געווען אין אויטאָ, האָט שולמית זיך אנגערופן: — פירט מיך אונטער צום קיבוץ עין־גב. איך וועל פון דאָרטן אָנקלינגען צו מאירן, אין זיין איינהייט, אויפן גולן. איך בין זיכער, אז ער וועט

געפינען א מיליטערישן וואָגן, און אראָפּקומען צו מיר... און איר וועט נאָך באווייזן צו דער אויסשטעלונג.

דאָס האָט זיך געלייגט אריהן אויפן שכל. האָט ער א לאָז געטון דעם אויטאָ פאָראויס, גיך ארונטערגעדרייט אויפן צווייטן ברעג כנרת, און ארויף אויפן נייעם עין־גב־גולן כביש.

נאָך איידער די רעדער האָבן זיך רעכט אָפּגעשטעלט אין קיבוץ, איז נקדימון ארויסגעשפּרונגען פון אויטאָ. און שולמית נאָך אים. ער האָט געוואָלט געווינען צייט, העלפנדיק איר צו פארבינדן זיך מיט דעם מיליטערישן פונקט אויף דער רמה. ער האָט אליין מיטגעמאכט א טייל פון זיין דינסט אויבן, און געוווסט וויאזוי צו טעלעפאָנירן ארויפצו. פאר א מיידל וואָלט עס נישט געווען לייכט.

אָבער, איידער אריה האָט באוויזן צו מאכן עטלעכע טריט אינדרויסן און אויסצוגראָדן רעכט די ביינער, איז נקדי־מון שוין געווען צוריק. ער איז אים אקעגנגעקומען מיט גיכע טריט, שלעפּנדיק דאָס מיידל ביי א האנט. ער איז צוגעלאָפן גיך צום אויטאָ, געעפנט די טיר, און זיך אוועקגעזעצט ביים פאָר־רעדל, נעבן דער מאמען, וואָס האָט נישט געהאט פארלאָזט איר זיצאָרט. נקדימון האָט געגעבן באפעלן דעם פאָטער מיט דער האנט, ער זאָל זיך זעצן פון הינטן, נעבן מיידל. ווען דער רעש פון מאָטאָר האָט זיך געשטילט, און ער איז ארויס אויפן הויפּט־כביש, האָט ער גענומען אויפ־קלערן, ארויספירנדיק זיי פון גרויסן חידוש:

— דער קאָמענדאנט אויבן, וואָס האָט מיך דערקענט, אגב, האָט געזאָגט, אז מאיר איז היינט פארטאָגס אוועק פארברענגען זיין געבורטסטאָג צווישן אייגענע; ער האָט געוואָלט מאכן א סורפּריז זיין כלה דאָרטן...

זיי האָבן זיך אומגעקוקט, געקוקט זיך א ווייל אין די אויגן, און נישט געוווסט ווי צו רעאגירן, ווי אויפצונעמען

די ידיעה. שולמית איז געזעסן אומגעדולדיק, מיט אן אומ־דרייסטן שמייכל אויף די ליפּן, מיט דעם קאָפּ פאָראויס, געוואָנדן צום שאָפער מיט דאנקבארקייט.

— נו, האָב איך באשלאָסן — האָט נקדימון ווייטער געצויגן זיין געדאנק — צו פאָרן קיין נצרת, ברענגען זי תיכף אהינצו, איידער איר חתן קערט זיך צוריק, און זיי קרייצן זיך אונטערוועגס. ביז זי וועט זיך אהינבאקומען מיט צופעליקע אויטאָס, וועט ער דערווייל זיך אומקערן. עס איז א מיליטער־איינהייט ביי דער גרענעץ, און ער מוז זיין צוריק איידער עס ווערט נאכט...

שולמית, פאר וועלכער די רייד פון נקדימון זענען געווען ווי א לייטזעליקייט צו די מחשבות, וואָס האָבן זיך אָנגע־זאמלט אונטערן שארבן און געשווערט אויפן מוח, האָט זיך אויסגעגראָדט, און א ברייטער שמייכל האָט זיך צעלייגט בריוּוחדיק איבער איר צעשיינט פנים.

אריה האָט געקוקט אויפן זייגער, און געשוויגן. אסתר האָט געקוקט ארויסצו, אָפּווענדנדיק דעם קאָפּ פון אלעמען.

נעבן דעם קרייצוועג, פונוואנען עס פירט דער וועג צום קיבוץ מיטן מוזיי, האָט אריה ווידער א קוק געטון אויפן זייגער, און א זאָג געטון, סתם אזוי, רעטאָריש, ווי ער וואָלט עס נישט געמיינט: — ס'טוט ווי ס'הארץ... אָט, געפאָרן צו דער אויסשטעלונג, און גאָרנישט... ס'טוט ווי ס'הארץ...

נקדימון האָט אונטערגעכאפּט דעם פאָטערס רייד: — א הארצווייטיק צו א הארצווייטיק, אבא, איז נישט גלייך! — האָט ער געזאָגט מיט איבערצייגונג, און געלאָזט לויפן דעם אויטאָ מיט מאקסימום־גיכקייט.

גרויסע זון־פלאסטערס האָבן געלייגט זיך אונטער די רעדער און געדרייט זיך צוזאמען מיט זיי איבערן בארג־ארויפיקן שלאנגוועג.

ק ו נ ס ט

רחל גינזבורסקי,
פון קבוצת כנרת —
ליבהארציק

א גאנצן טאָג איז מרים פארנומען מיט באַזאָרגן דעם קיבוץ מיט שיך. זי מאכט די דאָזיקע ארבעט גוטע צען יאָר, זייט איר רוקן האָט גענומען פלוצים זיך אויסקרומען, און צו א ריין־פיזישער ארבעט איז זי שוין נישט געווען מער פעאיק. זייט זי פארנעמט זיך מיטן שיך־מכסן, האָט קיינער נישט קיין הינער־אויגן מער אין קיבוץ, קיינער האָט נישט צו טאָן מיט אריינוואקסנדיקע נעגל און ליידט נישט פון צרות, וואָס נעמען זיך פון ענגע שיך. ווייל זי האָט ליב איר ארבעט, און גיט זיך די מי, זי פאסט צו געננוי די שיך, מעסט איין מאָל און נאָך א מאָל און א דריט מאָל, און ווערט נישט מיד. זי קען יעדנס מאָס אויסנווייניק, און אויך די פאָרם פון פוס, און וויס ביי וועמען איז איין פוס אנדערש פון צווייטן, ביי וועמען שטייען ארויס די קנעבלעך, ביי וועמען קריכט ארויס א ביינדל אָדער אן אָנוווקס, און ביי וועמען זענען גאָר פלאטפיס. דארף מען ביי איינעם א האלבן נומער גרעסער, אָדער א העכערן קלאָץ, אָדער גאָר א דיקערע זויל, אָדער אָרטאָפעדישע שיך ממש. צוליב איין פאָר שיך וועט זי אויס־גיין די שיך־געשעפטן אין חיפה, אין תל־אביב, אָדער אָנ־שפארן ביי די בעסטע שוסטער־אָרטאָפעדיסטן, נישט קאר־גנדיק קיין צייט און געדולד.

מרים קען יעדן איינעמס פיס נישט ערגער ווי זיין פנים. זי קען לעזן פונעם פנים ווי אזוי עס פילט זיך דער פוס ביים אָנטאָן און טראָגן א נייעם שוך, נאָך מער ווי פונעם

הילוך. זי קאָן זאָגן פונדערווייטנס, אז א שוך איז שלעכט געפּאסט, נישט נאָר לויטן גאנג, נאָר אויך לויטן פּנים. דע־מאָלט רופט זי צו אזא איינעם, דראָט אים מיט א פינגער, און גיט א ווונק, וואָס באדייט — מ׳דארף גלייך קומען אין מאגאזין טוישן די שיך. און עס העלפט נישט דאָס פּארטיי־דיקן זיך, אז נישטאָ קיין צייט, עס וועט שוין אזוי אויך גוט זיין. זי פּירט אויס.

״דער מענטש פילט זיך אזוי, ווי עס פילט זיך יעדער באזונדערער אבר ביי אים״, זאָגט זי.״ די פיס זענען דער שפּיגל פון פּנים און פאַרקערט, פּונקט ווי די צונג איז דער שפּיגל פון מאָגן, און אינעם שמייכל שפּיגלט זיך דאָס הארץ״.

מרים איז א קענערין פון דער מענטשלעכער נשמה. זי האָט עס געירשנט פון איר פאָטער, דעם העברעאיש־לערער און קונסט־מאָלער. ער איז געווען גיבער אן אמאטאָר. ער האָט נאָכגעמאָלן פּייזאזשן פון גרויסע מאלער לויט רעפּרא־דוקציע־קארטלעך, און געפּרוווט אויך אייגענע סקיצן און געמעלן, לויט בילדער פון תנ״ך, און פון יעדן ל״ג־בעומר שפּאציר הינטערן שטעטל מיט זיינע תלמידים, מיטגעבראכט שעפערישע פאנטאזיע אויף לאנגע חדשים. די ווענט ביי זיי אין שטוב זענען געווען באהאָנגען פון דיל ביזן באלקן מיט זיינע בילדער, אז מ׳האָט זיך איינגעשפּאָרט דאָס ווייסן זיי לכבוד פּסח. דער טאטע האָט אויך באצירט די ווענט פון שטעטלדיקן שולעכל און פון בית־המדרש מיט געקינצלטע לוחות, מזלות און שבטים, אז פון דער גאנצער געגנט איז מען געקומען קוקן אויף גרויס וווּנדער.

ווען זי איז געקומען אהערצו, א יונג מיידל, פון פּוילישן שטעטל, און געזען די ארומיקע שיינקייט, דעם זון־אויפ־

גאנג און די שקיעה, און די כנרת־וואסערן אין קלעם פון די שטראלן, און די פאלמעס וואָס וואַרפן זייער באַזונטן שאָטן אויף די כוואַליעס און שיפן זיך שטייענדיקערהייט נאָענט ביי די ברעגן — האָט זי זיך צעוויינט. אין די טרערן האָט זיך געשפּיגלט די שפע פון אירע געפילן, די אומבאַהאָלפנקייט זיי צו באַהערשן, צו זעטיקן זיי, צו געבן זיי דעם געהעריקן אויסדרוק. די פרי־פאַרטאָגס און פרי־שקיעות, פאַר און נאָך דער אַרבעט, האָט זי פאַרבראַכט ביים ברעג וואַסער, און גרויסע טרערן זענען גערונען פון אירע איבערפולטע אויגן, אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך כוואַליע־רוקנס אָדער איינגעשלונגען דורך ברייט־צעעפנטע מיילער פון אונטערשפּרינגענדיקע זילבער־פישעלעך.

מ׳האָט זי גערופן — מרים, די וויינערקע.

זי האָט אָבער אויפגעהערט וויינען אַ פרימאָרגן, ווען זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ בויגן פאַפּיר און אַ בליי, און גענומען פירן איר האַנט, אויספולן די ליידיקייט מיט כוואַליעס, מיט זון, מיט הימל, מיט ברעג, מיט פאַלמעס, און אַ פישער־שיפל, וואָס שלאָגט צו צום צווייטן ברעג, און מעוועס, וואָס פליִען אַקעגן און ווילן כאַפּן אַ בליק אויף איר צייכענונג, און פליִען אַוועק צעזונגענע...

זייט דעמאָלט מאָלט זי. געטון איר אַרבעט אין קיבוץ, אין דער ווירטשאַפט, אין שטוב, און שוין כאַפּט זי זיך אַראָפּ צום וואַסער, אָדער כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ בערגל מיט אַ גוטן אויסקוק צום כנרת, און מאָלט. זי האָט זיך איינגעשאַפט פאַרבן, און מאָלט מיט קאָלירן. די האַנט גייט ביי איר אַליין, און זי לאָזט זיך פירן דורך איר. אויך דער פענדזל גייט אַליין. עס איז שווער צו וויסן צי פירט די האַנט דעם פענדזל, אָדער דער פענדזל די האַנט.

און פול זענען די ווענט פון איר דירה און די ווענט פון

חדר האוכל. אירע צוויי בילדער, וואָס שטעלן פאָר, איינס — א גילדענעם שוך, וואָס שווימט זיך געמיטלעך איבערן כנרת, און א צעשטראלט פּנים שטעקט ארויס פון אים, און דאָס צווייטע — א צעשטראַלטע זון, מיט א פּנים פון א מענטש, און טרערן ווי גאָלד־רענדלער שיטן זיך צום וואסער־תכלת, גראָד אין צעעפנטע מיילער פון צעזילבערטע פישלעך — די צוויי בילדער, מיט וועלכע זי האָט דעביוטירט, זענען ווייט באקאנט איבערן לאנד, און רעפּראָדוצירט אין קאלענדארן, אלבומען און קונסט־ביכער.

געזונטע פיס, גוטער מאָראל, בילדער וואָס דערהייבן די נשמה — זאָגט זי — דערגאנצן זיך, זענען זיך משלים אין א באשערטן זיווג, און זענען א סגולה צו א גוט געזונט, צו א פולווערטיק לעבן. בפרט וואָס דער מצב איז נישט קיין רואיקער, דער שונא לויערט און דראָט, און די יידישע דערפאָלגן זענען אים א ביין אין האלדז, א שפּיז אין די אויגן. דארף דער קיבוץ זיין א מוסטער פון ארבעטזאמקייט, דערהויבנקייט, מוט און גבורה. און דער קיבוץ איז דאָך א רעזולטאט פון סכום גליק פון אלע זיינע תושבים באזונדער. לשם זה דארף יעדער האָבן קודם כל גוט־געפּאסטע שיך, און יעדער דארף האָבן ביי זיך א בילד, א בילד וואָס לויטערט די נשמה, וואָס דערהייבט, גיט לייטזעליקייט.

און אז יעדער האָט געהאט איין בילד, האָט זי געמאָלן א צווייטע סעריע פּייזאזשן און שטיל־לעבנס, און האָט זיי אויסגעהאָנגען אין חדר האוכל, אז יעדער זאָל נעמען א בילד לויט זיין געשמאק, לויט זיין געמיט און נשמה־צושטאנד.

מ׳האָט זי צוגערעדט, אז זי זאָל מאכן אויסשטעלונגען אין לאנד, און פארוואָס נישט אויך אין אויסלאנד. זי האָט זיך נישט געלאָזט צוריידן. זי מאָלט פאר זיך און פארן קיבוץ.

„אויסלענדישע גאַלעריעס אינטערעסירן זיך מיט אייערע בילדער, און איר זיצט אין קיבוץ", האָט געהאַט צו איר טענות א באַקאַנטער קונסט־קאָלעקציאָנער, וואָס איז געקומען ספּעציעל פון פּאַריז.

זי האָט נישט געוואָלט הערן. זי האָט זיך געשראָקן פאַר רום, וואָס פאַרשיכורט וואָס פאַרבלענדט, וואָס פאַרפרעמדט, רייסט אָפּ פון סביבה, פון אייגענע, פון זיך אַליין.

„איר האָט איבערגעוואַקסן דעם קיבוץ", האָט דער קאָלעקציאָנער ווייטער געטענהט.

„אַזוי קאָן נאָר טראַכטן א מענטש פון דרויסן, א פרעמדער", האָט זי געזאָגט.

„דער קיבוץ איז שוין זאַט מיט אייערע בילדער"

„שטותים. און אויב יאָ, איז ער אָבער נאָכנישט זאַט פון מיינע שיך"

פון וואָס ?"

„ווי איר הערט, פון מיינע שיך"

„איך רעד קונסט, רעדט זי — שיך"

„אויך אין צופּאַסן ריכטיק א פּאָר שיך ליגט קונסט. אין יעדער אַרבעט, וואָס האָט צו טאָן מיטן וויל פון מענטש, פון זיינע געפילן, אפילו די פּראָזאַאישסטע, איז פאַראַן קונסט, די מאָס פון ליבע, פון נשמה, פון איבערגעגעבנקייט, וואָס מען לייגט דערין אַריין".

ער האָט געקוקט אויף איר מיט באַדויער און מיטלייד, ווי מ'קוקט אויף איינעם, וואָס רעדט פון וועג, וואָס האָט פּלוצים פאַרלוירן יעדן חוש פאַר מאָס און פּראָפּאָרץ.

לאהלע

איך האָב זי געזען וואַקסן. זייט איך האָב זיך אריינגעצויגן אין דער נייער דירה. זי איז געווען דעמאָלט די עלטסטע פון זעקס קינדער. איצט איז זי די עלטסטע פון ניין.

זי האָט מיך גערופן — שכן. איך האָב זי גערופן ביים נאָמען — לאהלע.

״שלום, שכן״.

״שלום, לאהלע״.

די זילבן פון איר נאָמען האָבן ביי מיר געקלונגען ווי די זילבן פון כינרת, מעלאָדיש, שפּילעוודיק, פאַרוויגנדיק: ליי־ע־לע, קי־נע־רעט, ליי־ע־לע, קי־נע־רעט. זי איז געוואַקסן נישט נאָר צוזאַמען מיט אירע פאָרמען, אירע לאַנגע האָר און צעפּ, מיט איר משפּחה, נאָר מיטן גאַנצן אַרום, מיטן שיכון עובדים, מיט די האָטעלן און באָד־ביידלעך אַרום די ברעגן און די שיפלעך אויפן כנרת, מיט די עולים־הייזער און ווילעס אין טבריה־עלית, און מיט די הייזער און פעסטונגען פון די גולן־תושבים און באשיצער.

אַז איך האָב אַ טאָג נישט געזען לאהלען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַז אַלץ אַרום האָט אויפגעהערט בליען און וואַקסן, און ווי די וואַסערן פון כנרת וואָלטן איבערנאַכט פאַרגליווערט געוואָרן.

״שלום, לאהלע״.

אַ שעמעוודיקער פלאַטער פון איר הענטעלע, אַ פרומלעכער שמייכל מיט יעדן זומער־שפּרענקעלע אויף איר רונדיק פּנימל, און — די זון האָט געשיינט אינעם שטורעמדיקסטן טאָג, און די לבנה האָט געגלאַנצט פון הינטער די געדיכטסטע וואָלקנס.

״שלום, שכן״.

איך האָב איר געהאָלפן שטופן דאָס וועגעלע, מיטן לעצט־געבוירענעם קינד, בארג ארויף, און גענומען ביי א הענטל איינעם פון די קינדערלעך, וואָס האָבן זיך געפּלאָנ־טערט צווישן אירע פיס און די רעדלעך. איך האָב געדענקט געננוי לאהלעס געבורטסטאָג, און איר געשיקט מתנות, לויט איר עלטער, לויט איר ווּקס.

צו איר בת־מצווה בין איך געפאָרן קיין תל־אביב, און אין גרעסטן געשעפט געקויפט איר א סוועטער, פון בעסטן אויסלענדישן וואָל, וואָס זאָל זיך ציען אין אלע זייטן, און זאָל קאָנען מיטוואקסן מיט די רייפע פאָרמען פון איר פּאָרנט.

מ׳האָט מיך צו דער בת־מצווה שמחה נישט פארבעטן. און די מתנה האָט מען מיר צוריקגעשיקט. ר׳ אביגדור, לאה־לעס פאָטער, איז צומאָרגנס געבליבן שטיין אין מיין טיר מיט זיין לאנגער און ברייטער באָרד, און מיט פארגלאָצטע אויגן: ״מען דארף נישט״, האָט ער געזאָגט, מיינענדיק די מתנה. ״לאהלע איז שוין א דערוואקסן מיידל, שוין קיין קינד נישט״, האָט ער מיר געגעבן צו פארשטיין. ״זי וועט שוין באלד שטיין אין שידוכים. מחותנים האָבן שוין געוואָרפן אן אויג אויף איר״. און פארענדיקט שטראָפעריש און שטרענג: זי איז נישט קיין קינד מער, שכן!״

איצט טרעף איך זיך מיט לאהלען אין געהיים.

״שלום, לאהלע״.

״שלום, שכן״.

אולפן

ווען די עלטערן זענען אין אולפן, שפילן זיך אבראשא און סאָניא אין זאמד, פארן אקעגנאיבערדיקן הויז, וואָס אין בוי. סאָניאס באָבע ווארפט אויף זיי א בליק דורכן פענצ־טער, אָדער זעצט זיך אויפן טרעפּל, פאר דער טיר. די באָבע גייט נישט אין אולפּן. זי זאָגט, אז אין אירע יאָרן לוינט שוין נישט. בלייבט זי היטן איר אייניקל, און דאָס קינד פון די שכנים. פון וויינען, אויס בענקשאפט צו דער יידישער מדינה, און פון יסורים און שרעק, זענען די אויגנלעדלעך ביי איר שווער ווי בליי, און לאָזן זיך אראָפּ ווי א גילאָטינע־מעסער, האקן איבער די זעאונג פון ארום.

דעמאָלט לויפן זיי אוועק בשתיקה. צום בית עולם לויפן זיי.

ווייל ווי לאנג איז דער שיעור צו שפּילן זיך אין זאמד?
ווייל מ׳האָט זיי פארבאָטן צו גיין צום בית עולם.

ווייל, דאָרטן אויף די שטיינער זענען פאראן אזעלכע גרויסע אותיות, פון וועלכע מ׳קאן זיך לערנען עברית, נישט ערגער ווי אין אולפּן.

אבראשא האָט שטארק געוואָלט זיך לערנען, גיין מיט טאטע־מאמע אין אולפּן. האָט מען אים געזאָגט, אז ער איז נאָך צו קליין, ער האָט נאָך צייט. פונוואנען ווייסן זיי, אז ער האָט נאָך צייט?

מנשה, דער היטער פון בית עולם, האָט זיי אין אנהייב געטריבן פון הייליקן אָרט. ער האָט געזאָגט, אז עס איז נישט פאר קינדער. שוין ווידער: נישט פאר קינדער! האָבן זיי זיך ארייננגעגנבעט דורך א לאָך אינעם גדר, און אויסבאהאלטן

זיך צווישן די מצבות. האָט ער זיך געיאָגט נאָך זיי, אַזוי לאנג ביז ער האָט זיך פארהוסט, און געבליבן אָן אָטעם. "פּאַכעט, קינדערלעך, מיט די הענטעלעך", האָט ער זיך געבעטן, "אז דער אָטעם זאָל צוריקקומען". האָבן זיי געפּאַכעט מיט די הענטעלעך, און דער אָטעם איז צוריקגעקומען. "נאָך צייט", האָט ער געזאָגט. "אז דער אלטער מנשה וועט גיין א גאנג, וועט מען דאָך מוזן דינגען א יונגן מענטש, אין דער צייט, ווען יונגע אָרעמס דארפן בויען, דארפן פלאנצן, דארפן היטן און פארטיידיקן דאָס לאנד".

און, אז די באבע וועקט זיך, און זעט נישט די קינדער, באפאלט זי א בהלה. "ווו זענען די קינדער, וויי איז מיר. סאָניע, סאָניעלע, סאָ־נעטש־קא!" זי לויפט אהין, לויפט אהער, און לויפנדיק שפּארט זי אָן אין בית עולם.

מנשה הערט דאָס געשריי, און לויפט אים אקעגן. די קינדער הערן דאָס געשריי, און לויפן פון אים אוועק, באהאלטן זיך.

מנשה מאכט זיך נישט וויסן, אָבער קאָן נישט באהאלטן זיין שמייכל צווישן די געדיכטע קאָלטנס פון זיין באָרד. אירע טריבע אויגן און דער פחד אין די זאָרג־קנייטשן פון איר פנים וועקן אין אים רחמנות. ער נעמט זי ביי א האנט, און זיי גייען זוכן. ברעקלעך פון געשטיקט קינדיש געלעכטער האָבן זיך געוואלגערט מיט א פארפירערישן עכאָ צווישן די מצבות און געמישט זיך מיט די שווערע טריט פון די אלטע לייט, מיטן שווערן אָטעם פון מנשהן.

צומאָרגנס איז די באָבע ווידער געקומען. די קינדער פאָראויס, און זי הינטער זיי. מנשה האָט געוואַרט אויף איר, אין א פּאָר ריינע הויזן, א ווייס העמד, און די באָרד געוואַשן און פארקעמט. ער האָט זי געפירט צווישן די אלטע מצבות

פון צדיקים, און יונגע מצבות פון קדושים און חיילים. זי האָט נישט געקענט לייענען. האָט ער איר געוויזן דעם אלף־בית, איינגעחזרט מיט איר די אותיות. די קינדער האָבן זיך געגעבן די הענט, און געטאַנצט אַרום זיי, אונטערכאַפּנדיק מיט אַ קוויטש יעדן אות, יעדן זילב.

איבערמאָרגן, האָט ער איר דערציילט, צווישן איין מצבה־טאָוול און דעם צווייטן, אַז ער איז אַליין, אַז די דייטשן האָבן זיין פרוי אין אַ לאַגער פאַרפּייניקט, און אויך די קינדער; זי איז געווען אַ צדקית, אַ ריינע נשמה. און די באָבע האָט אים דערציילט, אַז איר מאַן האָבן די רוסן פאַרפּייניקט אין תפיסה, ווייל ער האָט געוואָלט עולה זיין, געוואָלט אין הייליקן לאַנד, צווישן יידן; האָבן זיי אים פאַרפּייניקט. ער האָט געווישט די טרערן, וואָס זענען געראָנען איבער אירע ציטערדיקע באַקן און זי האָט געפּאַכעט מיט ביידע הענט, אַז זיין אָטעם זאָל צוריקקומען.

און זייט דעם טאָג, וואַרט זי נישט מער אויף די קינדער. אירע פיס גייען אַליין, גייען לייכט, פון זיך אַליין גייען זיי, צום בית עולם, צו די אותיות אויף די מצבות, צו מנשהן.

דער באַלעם

צווײ מײדעלער, אויפֿן זאַמד, בײַם כּנרת־ברעג.

צווישן זײ — אַ בלאָ־גרינער באַלעם. ער פֿליט פֿון האַנט צו האַנט. און יעדער פֿלי, ווי אַ שטיק כּנרת וואָלט זיך געגאָסן פֿון האַנט צו האַנט. ווי האָט דער פֿאַרבן־מײַסטער געקאָנט אַזוי אימיטירן דעם כּנרת אויף דער פּלאַסטיק־הויט פֿונעם באַלעם?

דערנעבן פּאַלמעס, און אין זײער שאָטן — באָד־בײַד־לעך, באָד־געצעלטן, און דאָ און דאָרטן — אַנטבלויזטע קערפּער־טײלן.

די זון, ווי אַ באַלעם אין די הענט פֿון די הימלען, וואָס האָבן ליב צו שפּילן זיך מיט פֿײַער — קוקט גליִיק און שפּיציק אַראָפּצו און טינקט אירע אומצאָליקע אויגן אינעם וואַסער.

פּלוצים איז דער באַלעם אַראָפּ אויפֿן זאַמד, אונטער־געשפּרונגען, און אַרײַנגעקײַקלט זיך אין וואַסער, גיכער ווי די הענטלעך, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך אים. האָבן די כוואַליעס גענומען אים אויף זײערע רוקנס, און דער ווינט, ווי אַ רײַטער־בײַטש, האָט אים אַ טרײַב געטון ווײַט פֿון ברעג.

די קינדער זענען געשטאַנען און באַגלײט מיט צע־שראָקענע אויגן דעס שפּיל צווישן כוואַליעס, באַלעם און ווינט, מיט הענט אויסגעשטרעקט און מיט אַ געבעט צום באַלעם ער זאָל צוריקקומען.

דערנאָך איז דער כּנרת געוואָרן אײן גרויסער באַלעם, ווי די פּלאַסטיק־הויט וואָלט זיך אָנגעבלאָזן, אָנגעבלאָזן, און אײַנגעשלונגען דאָס גאַנצע וואַסער.

די קינדער האָבן געריבן די אייגעלער, געקוקט אויף זיך מיט שטוינען, מיט אָפענע מיילער: „דער באַ־לעם, דער באַ־לעם, דער באַ־לעם!"

א יונג פֿאַרפֿאַלק איז ארויס דערשוויצט פֿון הינטער א געצעלט, אַנגעשפּיצט די פֿארגלייזטע אויגן, און צוריק בייז אין באהעלטעניש, מיט זיך.

א מענטש, אין די מיטעלע יאָרן, איז ארויף מיט א לאַרנעטע אויף א בוים, געקוקט אויפן וואסער, דערנאָך אויף די קינדער, און געהויבן די אקסלען מיט ביטול.

א ייד, מיט א גראָער באָרד, האָט געזען טרערן אין די קינדישע אייגעלער, איז ער אריין אין וואסער, געלאָזט זיך שווימען. געשווומען און געשווומען. און ווען ער איז צוריק־געקומען, האָט ער ארומגענומען די קינדער, זיי פעסט צוגעדריקט צו זיך, און האָט געזאָגט: „זייט רואיק, קינדער־לער. איך האָב געזען אייער באלעם. מיט אים שפּילן זיך פישעלער. זיי האָבן אים אראָפּגעשלעפּט צו זיך. קלייניקע, גאָלדענע פישעלער שפּילן זיך מיט אים, ווארפן אים פון קעפּל צו קעפּל, פון עקל צו עקל, פון בייכל צו בייכל... פישעלער ווילן זיך אויך שפּילן, נישט נאָר מיידעלער... זאָלן זיי זיך שפּילן, די פישעלער, האָבן א הנאה..."

די פנימלער פון די קינדער האָבן אויפגעשיינט און טרערן פון פרייד האָבן זיך געקייקלט אין וואסער אריין ווי פערלדיקע באלעמלער, געשליידערט פון כוואליע צו כוואליע.

פּאַרטאָגס

כ׳האָב ליב די ברעגן פון כנרת אינעם קלעם פון פאַר־טאָגס, ווען דער ארום שיילט זיך אָפּ פון פארבאָרגענעם שלייער און הילט זיך אין ווינדלען פון נייגעבוירנקייט. ווען די דינע ציטער־מחיצה צווישן נישט־נאַכט און נישט־טאָג איז א שפּרינגברעט פאר די נאַכט־צויטן אויף צוריק און פאר די טאָג־שפּראָצן פאָראויס.

דער אומרו פון איבערוואנדלונג טראָגט זיך אריבער אויף אלץ און אלעמען און צערייסט די לעצטע פעדעם פון דיין שלאָף. ווי קאָן מען שלאָפן, ווען די נאטור טראָגט דיר אקעגן מיט אָפענע אָרעמס דעם גרעסטן אוצר, וואָס זי פארמאָגט — דעם פארטאָגס, מיט זיין מיסטעריע פון ערב־געבורט, וואָס האָט נאָר אירסגלייכן אינעם בין־השמשות, אָבער אין א פארקערטער ריכטונג. מיר איז ליבער דער איבערגאנג צו ליכט.

כ׳בין פארליבט אין די ברעגן פון כנרת אינעם קלעם פון פארטאָגס.

מעוועס ציען אויס די טיילן פון זייער קערפּער, וואָס לאָזן זיך אויסציען, שאָקלען אראָפּ רעשטלעך פון פינצטערע חלומות פון זייערע פעדערן, און קוקן אויס די פריי־שטראלן, וואָס זאָלן זיי ווייזן דעם ערשטן ריר פון פיש אינעם וואסער. די זון יישובט זיך — צי זאָל זי שיקן די ניי־געבוירענע שטראלן זיך טינקן אין דער פרימאָרגן־קעלט פונעם וואסער, צי זאָל זי פריער אָנווארעמען זיינע אויבערשטע שיכטן? אין לעבצונג נאָך אביסל ווארעמס, קריכן די פיש ארויס פון די טיפענישן, און שטעקן ארויס דיסקרעט זייערע זילבערנע עקן. זיי וואגן נאָכבנישט צו ווענדן זיך מיט די קעפּלעך ארויס־

צו. אלטע מעוועס, מיט צוגעשפיצטע חושים, לאָזן זיך אין א פלאַטער הויך איבערן וואסער, נישט צו פארטרייבן מיט זייער פארדעכטיקטן שאָטן די פיש אין באהעלטענישן, און פאלן אראָפּ פלוצים, ווי א שטיין געשליידערט מיט א קרעפ־טיקער האנט. און א געמיש פון נצחון־געשרייען און מפלה־יידלערייען טראָגט זיך מיט שוימיקע כוואליעס איבערן וואסער.

די גראָזן ביי די ברעגן גראָדן זיך אויס, ווארפן אראָפּ פון זיך דעם פינצטערן עול פון די לעצטע שעהן, און ווארטן הכנעהדיק אויף טוי, אויף אויפפרישנדיקע וואסער־שפריצן, אָדער אויף ביידע צוזאמען. פעלד־בלומען הייבן די קעפלעך צו דער זון, גרייטן זיך אומדרייסט צו דער אומזיכערקייט פון טאָג. שמעטערלינגען, מיט א ליכטיק פנים, ווי די פאר־ביקע בלומען־בלעטלעך, שטעקן ארויס די אויגן און די שפור־אנטענעס, צו וויסן צי מעג מען שוין לאָזן זיך אויף אוואנטורעס און געווינען וואָגיקע מינוטן אויפן חשבון פון איינטאָגיקן לעבנס־שפאַן.

פאלמעס ביי די וועגן ווענדן זייערע ברייט־צעעפנטע בלעטער־הענט צום וואסער, מיט געבעט אויף פייכטע ווינטן, גלעט פון שטראַלן און הנאָהדיקן צאַפּל פון פייגל־פיסלעך.

דאָס וועלדל, וואָס שניידט זיך האלב־אינדזלדיק אין כנרת, שפיגלט די קעפּ פון זיינעביימער אינעם וואסער, און שעפּט כוחות און שאָטן פאר די בעדערס, יונגווארג און הנאָה־זוכערס, וואָס דארפן באלד קומען. עטלעכע פישער־שיפלעך הוידן זיך אויף די ברעג־כוואליעס, און רייסן זיך אָנמעכטיק פון די שטריק, וואָס האלטן זיי אין צוים.

אויף איין שיפל — א שאָטן פון א פרוי און פון א

פאלמע־קרוין, וואָס הוידן זיך מיט, וואַרפן זיך ווי א פישל אויפן פישער־העקעלע אין וואסער. געהערט די קרוין צו א געוויקסיקער פאלמע אינעם וועלדל. און די פרוי?

איך זע, צומאַרגנס, ווי זי קומט אראָפ, א באָרוועסע, מיט א האַרב איבערן קאָפ; פון די בעדואינער געצעלטן קומט זי, וואָס בשכנות פון בר־כוכבאס היילן. זי לויפט גיך, די אָרעמס צעפּאָכעט איבערן גרינעם אָפּהאנג ווי זעגלען אויפן ווינט, און דער האַרב פּאַראויס, וואָס אָט לויפט ער זיין אייגענעם לויף, און אָט איז ער ווידער אויף זיין אָרט, ווי א בומעראנג. און איידער וואָס איידער ווען, קניט זי אינעם שיפל, און אירע הענט וואשן מיט געפּליעסק שטיקער וועש, וועלכע זי שלעפט פונעם הארב־קויש, וואָס איז אראָפּ פון איר קאָפּ. אירע הענט ארבעטן גיך, רייבן מיט א שוימענ־דיקער בארשט, און זייפן־בלאָזן בלייבן הענגען אין די צווייגן פון דער שוימענדיקער פאלמע־קרוין, ווי קאָליר־באלעמלער אויף ציר־גירלאנדעס. זי איילט זיך. זי האָט קיין צייט נישט. זי מוז ענדיקן איידער די פישערס לאָזן זיך איבערן וואסער. און אז די אויסגעדרעגגטע וועש איז צוריק אין קויש, וואַרפט זי אראָפּ פון זיך דאָס לאנגע זאק־געוואנט, און שפרינגט אונטער, שליידערט אריין איר גוף אינעם וואסער, די הענט באהאָפטן פון פאָרנט, מיט א געבעט צום גאָט פון די טיפענישן.

איך דראפּע זיך ארויף אויף א בוים: ווו איז זי? גאָט פון פארטאָגס, חלילה דיר מאכן יד אחת מיט שדים פון תהום!

א דאנק דיר, גאָט פון פארטאָגס! אָט גלאנצן אירע אויגן ווי ברענענדיקע לאמטערנעס און שפּיזיקע שטראַלן קעמען אירע צעווינטיקטע האָר אין געטומל פון כוואליעס

און פלאַטער פון הענט. באַלד ציטערן אַקעגן אירע יונגטלעכע פאָרמען און שטראַלן־פינגער גלעטן זיי מיט הנאה, שאַרן פערלדיקע טויעלעך פון איר אַנטבלויזטער הויט.

און ווידער איז דער לאַנגער זאַק־געוואַנט אַרום איר לייב, און דער קויש ווי אַ האָרב איבער איר קאָפּ. זי קלאַפּט זיך אָפּ אינעם הוידנדיקן שיף־באָדעם, און לויפט. באַרג אַרויף לויפט זי. נעמט אַרום מיט ביידע לאַנגע הענט דעם קויש, ווי קלאַמערן, און וואַסאַמאָל בלייבן גרעסערע שטיקער באַרג־אָפּהאַנג הינטער איר.

שוואַרצע ציגן פון די בעדואינישע געצעלטן קומען איר אַנטקעגן, שטערן אירע טריט. אַ פּאַסטעך מיט אַ לאַנגן שטעקן צעטרייבט זיי, מאַכט איר אַ וועג.

די ציגן, ווי שוואַרצע פלעקן, צעלייגן זיך איבערן גרינס פונעם פעלד, און זאָגן אָן דעם סוף פון פאַרטאָגס.

היהודי הנצחי

דריי מעת־לעת נאָכאַנאַנד האַלט עס אין איין רעגענען. דאָס וואַסער, וואָס זאַמלט זיך אַרום די הייזקעס איז שוין מיד פון רינען אַראָפּצו, בלײַבט עס שטיין בײַ די מויער־וואָרצלען, און רײַסט זיך אַרײַן דיסקרעט אין די צימערן מיט גרוי־גרינע פלעקן אויף די פּריש־געקאַלכטע ווענט. די דורכגעווייקטע ערד און די גראָז־פעלדער האָבן זיך אין בלאָטע פאַרוואַנדלט. אַ סכנה צו שטעלן אַ טריט. דער איינציקער אַספאַלט־וועג, וואָס פאַראייניקט די הייזקעס אַרום דער הויפּטגאַס, האָט שוין לאַנג פאַרלוירן זײַן מראה אונטער דער דיקער שיכט פון אַנגעטראָגענע שטיינער, גרודעס ערד און געוויקסן, אַז מ׳דערקענט קוים, אַז מ׳האָט דאָ אַזויפיל מי אַרײַנגעלייגט אַ וועג צו מאַכן און מיט מיוחסדיקן אַספאַלט צו באַדעקן. צו די זײַטיקע הייזקעס האָט מען געמוזט לייגן ברעטער, ציגל און שטיינער פון דעם רעזערוו־מאַטעריאַל, וואָס האָט געוואַרט אין נײַע בנינים פאַרוואַנדלט צו ווערן.

די פּראָוויזאָרישע וועגן צווישן די שכנותדיקע קיבוצים זענען כמעט ווי אָפּגעמעקט געוואָרן; פאַרוואַנדלט זיך אין שטייענדיקע ריטשקעלעך, אין זומפּיקע אָזיערעס, און אָפּגעשניטן איין אָרט פון צווייטן. און וואָס נאָך ערגער — דער הויפּטוועג, וואָס פירט פון טבריה אין ירדן־טאָל, אַרומנעמענדיק דעם כנרת ביז עין־גב, איז דורכגעריסן געוואָרן אויף צוויי ערטער. איין מאָל ביים אויסבייג, נעבן המעגן, און דאָס צווייטע מאָל נישט ווייט פון האָון. דאָ האָט דער כנרת זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ שטראָם, וואָס איז געראָנען פון דער הייך, נעבן תל־קציר, און צוזאַמען געריסן שטיקער פונעם וועג, געגראָבן טיף און ברייט, און אונטערגראָבנדיק זיך געלאָזט ערטערווייז הענגען סכנהדיקע שטיקער וועג, ווי

אויפגעריסענע בריקן־צויטן איבער א תהום.

און וואָס מער רעגן, אַלץ צעריסענער דער וועג, אַלץ מסוכנדיקער, אַלץ אויסוועגיקער.

עס איז געקומען די וועג־פּאָליציי און אוועקגעשטעלט, נעבן די קרייצוועגן, גרויסע וואָרענונגען, וואָס פאַרבאָטן דעם דורכפאָר.

געוויינלעך, וואָלטן סיי דער רעגן און סיי דער באַשעדיק־טער וועג נישט ארויסגערופן קיין ספּעציעלע דאגה. מילא, דער רעגן איז דווקא געוואונטשן אין דער צייט, נאָר א שאָד וואָס ער קומט מאסנווייז און נישט פונאנדערגעטיילט איין יאָר. סוף־סוף וועט ער דאָך מוזן אויפהערן. און דעם וועג וועט מען אויך מיט דער צייט פאַרריכטן. פאַראַן תמיד שפּייז אויף עטלעכע וואָכן פאַרויס אין קיבוץ־לאַגער — איז דאָך דאָ א געפאַר־זאָנע, בשכנות פון שונא; און אז מ׳וועט איינציען דעם גארטל, וועט עס זיין בבחינת אויפ־געצוווּנגענע מאנעווערס צו א נויטפאַל, לכל צרה שלא תבוא.

אָבער גראָד איצט איז דער רעגן און בפרט דער דורכ־געשניטענער וועג געקומען ממש ווי א קללה. און דאָס צוליב דער טעאטער־פאָרשטעלונג, צו וועלכער מ׳האָט זיך געגרייט אזוי פיבערדיק און מיט אזויפיל כוונה. די מילי־טערישע טרופּע, די להקת הצנחנים, האָט פאַראויסגעשיקט אן אויטאָ מיט דעקאָראַטאָרן און בינע־טעכניקער, וואָס האָבן אַלץ צוגעגרייט, פאַרוואַנדלט דעם חדר האוכל אין אן אמת־דיקן טעאטער־זאַל מיט א בינע און קורטינע, און אביידל פארן סופלאָר, מיט ליכט־עפעקטן, פּראָזשעקטאָרן און מוזיק־באַגלייט. שוין א וואָך, זייט דעם לעצטן פרייטיק צו נאַכטס, עסט מען שוין נישט אינעם חדר האוכל. יעדער קומט נעמען זיין שפּייז־ראַציע, און גרייט זיין עסן ביי זיך.

און געגרייט האָט מען זיך אויך אין די שכנותדיקע רמה־קיבוצים, און אין די ישובים אינעם ירדן־טאָל, און אויך אין טבריה. דאָס איז די ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג זייט די רמה איז באפרייט געוואָרן. עס זענען געקומען שוין ארויפצו רעציטאַטאָרן און רעווי־זינגערס, און אויפגעטרעטן אין די באַזונדערע קיבוצים. אָבער ווי א פאָרשטעלונג מיט אן אמתער טרופּע און א ברייט־פארמאָסטענעם פארנעם איז עס די ערשטע. דערצו באטייליקן זיך אין איר געוועזענע העלדן פון "גולני", די רמה־באפרייער. און שפּילן דארף מען דוד פּינסקיס בארימטן איינאקטער "היהודי הנצחי", און דערגענצן מיט פראגמענטן פון דער טראגעדיע "רבי עקיבא ובר כוכבא", פון זעלבן מחבר.

און דאָ פּלוצים — א רעגן. שוין דריי טעג. און דער וועג דורכגעריסן. נישט נאָר וועלן מענטשן נישט קאָנען קומען פון דער נידער ארויפצו, נאָר אויך די ארטיסטן וועלן בלייבן שטעקן מיט זייער ספּעציעלן טעאַטער־אויטאָבוס.

א גאנצן פארמיטאָג האָבן געקלונגען די טעלעפאָנען אינעם קיבוץ. וואָס וועט זיין מיטן יהודי הנצחי? וועט מען דאָך שפּילן, און אויב נישט טאָ ווען? און עצות האָט מען געגעבן פון אלע זייטן. אויב דער כנרת איז נישט צו שטורעמדיק — א שטייגער — זאָל מען אריבערשיפן דעם עולם און אויך די ארטיסטן אויף יענער זייט, און פון דאָרטן פאָרן מיט אויטאָס. זענען אָבער די כוואליעס געווען צעשטורעמט די גאנצע צייט און די שיפן זענען געווען פעסט פאַראנקערט אינעם פּאָרט.

אין די פריע נאכמיטאָג־שעהן האָט זיך פּלוצים גענומען אויסלויטערן. אזוי ווי דער רעגן איז געקומען פּלוצים מיט דריי טעג צוריק, אזוי האָט ער אויך אויפגעהערט. די שווערע וואָלקנס זענען זיך צעלאָפן, טראָגנדיק ווייט אוועק זייער

רעגן־לאָדונג. זון־פלאסטערס האָבן פארנומען זייער אָרט און געמישט זייער גאָלד מיט דער פארבן־גאמע פון א רעגנבויגן, וואָס האָט זיך געשפיגלט ציטערדיק אינעם וואסער.

איז דער נאָכמיטאָג געקומען גוט־בשורהדיק און געוועקט האָפענונגען.

און תיכף איז זיך צעגאנגען א ידיעה אין דער גאנצער געגנט, אז די פאָרשטעלונג קומט פאָר. דער קאָמענדאנט פון פיקוד הצפון האָט געלאָזט וויסן דורך די עטער־כוואַליעס: "היהודי הנצחי וועט געשפילט ווערן, וועט אויפגעפירט ווערן ווי געפלאנט, צוזאמען מיט פראגמענטן פון רבי עקיבא און בר כוכבא. פיעסן מיט אזעלכע נעמען, וואָס זענען א פראָגראם, טאָרן נישט אָפגעלייגט ווערן. זאָל לעבן דער יהודי הנצחי און דער גייסט פון רבי עקיבא און בר כוכבא!"

עס זענען געקומען פאָנטאָן־אויטאָס און פארוואָרפן בריקן איבער די צעשטערטע וועגן, און א גרעסערע פיאָנערן־אָפטיילונג מיט מכשירים איז געקומען פארריכטן די וועגן דירעקט צום קיבוץ און ארום דעם טעאטער־זאל. פארן צופאלן פון אָוונט האָבן צוויי העליקאָפטערס אראָפּגעלאָזן די ארטיסטן אינעם שטח פון חדר האוכל, אזוי אז זיי האָבן נאָך באוויזן דורכצופירן א רעפעטיציע אויפן אָרט.

צו דער באשטימטער צייט, האָט זיך געעפנט די קורטינע ביי הילכיקע אפלאָדיסמענטן פון א פול־געפאקטן זאל, ביז איבער די ברעגן, און ביי דער אָנוועזנקייט פון גענעראל, דעם שעף פון צפון שטאב.

און ווען עס איז געוואָרן שטאָק־פינצטער אין זאל, האָבן זיך צעצונדן די געמיטער און שטראלן פון דערהויבנקייט און נצחיות האָבן אריינגעלויכטן אין די טיפענישן פונעם הארצן.



פארשטערטער יום־טוב

האָט זיך גרויזאם פון הימל א וואַלקן
באוויזן,

פארשלונגען די זון און די גלאנציקע
שפּיזן,

האָט מער שוין כנרת דעם טאָג נישט
באגערט.

ס'האָט די כמארע, די בייזע, דעם יום־טוב
פארשטערט.

פון: "פארשטערטער יום־טוב"
זלמן שזר

דורות

מ׳האט געהאלטן ביי מזכיר-נשמות. יחיאל איז געשטאנען אין א ווינקל פון ענגן בית-המדרש, און געבעטן פאר דער ריינער נשמה פון זיין פאטער, מנוחו עדן, וואס איז געפאלן אין דער מלחמת השיחרור. ער האט אים רעכט נישט געקענט. ער שטייט אָבער פאר זיינע אויגן, אזוי ווי ער זעט אים אויף די בילדער, וואס זענען געבליבן נאָך אים. זיין קול געדענקט ער נישט. אָבער, אָט דאכט זיך, אז ער הערט אים, ווי ער וואָלט געשטאנען נעבן אים, געהאלטן זיין אָרעם, און אריינגערעדט אין זיין אויער: ״קום, די מדינה רופט, מלחמת-מצווה, קום!״

עס איז נישט געווען זיין פאָטער, נאָר דער קצין העיר.

יחיאל האָט אראָפּגענומען דעם טלית, אים צונויפּ-געלייגט, אריינגערוקט אינעם זעקל, פארקנעפּלט, און א קוש געטון דעם סאמעט.

אינעם פאָדערהויז האָט געווארט מלכה, זיין פרוי. דער קצין העיר האָט זי אויפגעזוכט פריער אין עזרת-נשים, און דערציילט וועגן ציל פון זיין באזוך. זי איז געשטאנען אָנגעשפּארט אין וואנט, איינגעבויגן, ווי צום ברעכן. עס האָט זיך איר שלעכט געפּאסט, אין לעצטן חודש. די פּלוצימ-דיקע ידיעה וועגן יחיאלס גיין אויפן פראָנט האָט צערודערט אירע אינגעווייד, און אָנגעגאָסן איר אונטערלייב מיט בליי. ער האָט א גלעט געטון אירע שייטל-האָר מיט איין האנט, און מיט דער צווייטער אונטערגעהויבן איר קאָפּ. ״זיי געזונט״. האָט ער געזאָגט. און גיך צוגעגעבן. ״וועט זיין א בכור, זאָלסטו אים א נאָמען געבן נאָכן טאטן, געדענק!״.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט א פּנים פון קרייד, מיט אויגן אויסגעלאָשענע, און מיט א ציטערדיקער תפילה אויף די לעפּצן.

עוואַקואַציע

דער לעצטער אויטאָבוס וואָס איז געקומען עוואַקואירן די פרויען, קינדער און אַלטע לייט פון קיבוץ, האָט געלאָזט זיין מאָטאָר אין גאַנג, און געוואַרט. ער האָט געוואַרט אויף אביגדורן. מ׳האָט אים געזען גיין פאַרטאָגס אין טלית, צו די ביימער אַרויפצו, מיטן מחזורל אין האַנט. ער איז דער עלטס־טער, דער איינציקער דאַוונער און פאַסטער אין אַרצירם.

דער רעש פון מאָטאָר און פון סיגנאַל־פייפער האָבן צוגעטויבט די אויפרייס־אָפּהילכן פון פראָנט, וואָס האָט זיך וואָסאַמאָל מער און דראָענדיקער דערנענטערט.

ווו איז אביגדור? פאַרוואָס קומט ער נישט? פאַרוואָס הערט ער נישט?

עס האַט זיך דערהערט אַ שטורעם, ווי שווערע שטיינער וואַלטן זיך געקייקלט פון די הויכע בערג, און אָנגעשטויסן איינער אין צווייטן. שטיקער דאַך און ווענט פון ניי־געבויטן חדר־האוכל זענען זיך צעפלויגן, צעשיט זיך אויפן וועג, ביז די פאָדער־רעדער פון אויטאָבוס, און אַ טרייסל געטון מיט אים, געמאַכט וויינען די קינדער.

ווי פון אַ נעפל, איז פּלוצים אַרויס אביגדור, העכער ווי תמיד, גראָדער ווי תמיד, זיין באָרד ווייסער און לענגער ווי תמיד. דער שאָפער האָט געעפנט די טיר.

״ניין״, האָט געזאָגט אביגדור און געפאָכעט מיטן מחזורל אין האַנט. ״איך פאָר נישט! כל זמן עס וועט דאָ געהערט ווערן דער קול פון תפילה, וועט דער קיבוץ נישט זיין ליידיק. דאָ אויבן, נאָענטער צו די הימלען, וועט די תפילה גיכער געהערט ווערן. פאָרט, פאָרט גיך, אָן מיר!״

אַ פרישער אויפרייס האָט אַ פעסטן שטויס געטון דעם אויטאָבוס, און אים אַ טרייב געטון פאַראויס און אַראָפּצו, וואָס ווייטער פון סכנה.

אין מקלט

די אלארם־סירענעס האָבן אנגעהויבן פיר נאָכמיטאָג, צו־זאמען מיטן אָפּהילך פון די ערשטע ארטילעריע־שאָסן. קוים איז אָפּגערופן געוואָרן איין אלארם, תיכף איז געקומען א צווייטער און געמאנט אין די מקלטים אריין. און ווען דער גולן האָט זיך צעציטערט און דער כנרת האָט זיך צעשטורעמט פון דער שטייגנדיקער אויפרייס־לאָדונג, האָט דער עולם עס גענומען ערנסט, און געלאָזט זיך אין די שוצקעלערס.

זיי האָבן זיך דאָ צופעליק געטראָפן. זיי האָבן געקענט זיך פון פריער. זי איז געווען צוויי יאָר יינגער פון אים. אָבער, זייט ער איז אוועק דינען, איז זי אויסגעוואקסן צו אן אמת כלה־מיידל.

ער האָט עס איר געזאָגט: "ווייסט, עדנה, זייט איך בין אין צבא, ביסטו אויסגעוואקסן צו אן אמת כלה־מיידל".

און זי האָט אים געענטפערט: "אויך דו, אורציון, ביסט געוואָרן א גאנצער מאן, זייט די צוויי יאָר אין צה"ל".

זיי זענען געווען צופרידן, וואָס דער מקלט ווערט וואָסאמאָל פולער און ענגער, און זייערע גופים קלאמערן זיך מער איינער צום צווייטן, און דער הויך פון זייער אָטעם ווערט איינער.

ווען עס איז געקומען פּאָליציי, מיט א ליסטע אין האנט, און גענומען אויסרופן נעמען, דערונטער פון די וואָס זענען געקומען אויף יום־כיפור — איז אויך דערהערט געוואָרן זיינער. יונגעלייט האָבן זיך געשטופּט, געזוכט א וועג צום ארויסגאנג. זי האָט אים געהאלטן פעסט, נישט געלאָזן גיין. זי האָט געוואָלט זיין שטארקער ווי דער באפעלרישער טאָן

פון שוטר. אינדרוויסן האָט מען זיי פונאַנדערגעטיילט. און אים ברוטאַל אַריינגעשטופּט אין וואַרטנדיקן מיליטערישן אויטאָ.

"די מלחמה איז אַן אכזריותדיקע זאַך", האָט געזאָגט אַן אַלטע פרוי, וואָס האָט זיך שפּעט דערצידירט צו לויפן צום מקלט, און באַמערקט די סצענע.

"אַ צער בעלי־חיים", האָט געזאָגט אַ צווייטע פרוי, זעענדיק דעם צער אויפן פּנים פון מיידל.

"וועסט אים נאָך מער ליב באַקומען שפּעטער", האָט געזאָגט אַ דריטע פרוי, וואָס איז אַרויס פון שוצקעלער, אַ נייגעריקע. "בעת דער עצמאות־מלחמה בין איך געווען אין דער זעלבער לאַגע ווי דו. היינט האָב איך צוויי זין אין צבא קבע, און אַן איידעם, וואָס איז שוין אַ מעת־לעת אויפן גולן".

עדנה האָט געוויינט ספּאַזמאַטיש און הויך, און איר געוויין האָט זיך אויסגעמישט מיטן געפּייף פון סירענעס, וואָס רופן אָפּ דעם אַלאַרם.

קיין כפר נחום

די זון איז ארויס א רויטע פון הינטערן חרמון־שניי און אירע לאנגע שטראלן־פינגער האָבן געזייט גאָלד און זילבער איבערן תכלת פון כנרת.

פראָפ. סעמואל סילווער גייט קיין כפר נחום.

מ׳האָט אים געוואָרנט אין האָטעל ער זאָל אונטערוואַרטן א פּאָר טעג. די מלחמה וועט שנעל אדורך, ווי אלע ישראל־מלחמות. וועט ער דעמאָלט באקומען א טאקסי און אויך א ״גייד״. עס איז איבער צוואנציק קילאָמעטער, און ערטער־ווייז בארג־ארויף. און אויב די מלחמה וועט זיך פארציען? און אויב, חלילה, עס וועלן פאלן באָמבעס אויף די רעשטלעך פון דער אויסגעגראָבענער סינאגאָגע? האָט ער געפרעגט, און איבערגעפרעגט זיך אליין, גייענדיק.

ער איז נישט קיין ארכעאָלאָג. נאָר ער האָט ליב צו גריבלען זיך אין דער אלטערטימלעכער יידישער געשיכטע. דאָס איז זיינס אן אמאטאָרישע פאסיע פון תמיד. זיין חיונה ציט ער פון זיין קאטעדרע פאר אינטערנאציאָנאלן רעכט. זיין איצטיקער אינטערעס צו כפר נחום נעמט זיך פון א סטודיע־ארטיקל, וואָס ער האָט לעצטנס געלייענט אין א האלב־ערנסטן זשורנאל פאר טוריזם און ארכעאָלאָגיע. עס איז געווען א מין צושטייער צו דער געשיכטע פון מגן־דוד, אויפן סמך פון דער שטיינער־אָרנאמענטיק פון דער דאָרטי־קער סינאגאָגע. ער האָט זיך תמיד געוווּנדערט הלמאי עס איז אזוי ווייניק געפאָרשט געוואָרן דער אָפּשטאם פון עמ־בלעם און סימבאָל פון דער מדינה. וועלכע זענען די ארכעאָלאָגישע אור־באווייזן? פריער איז אָנגעגאנגען ווי דער ערשטער, דער מגן־דוד אויף א מצבה פון דריטן יאָר־

הונדערט אין איטאַליע. און דאָ, אין כפר נחום, זעט מען אים שוין אין ערשטן יאָרהונדערט. און נישט נאָר דאָס, מען קאָן נאָכפאָלגן זיין אנטוויקלונג, ארויסגייענדיק פון דער פאזע פון כפתור ופרח, ביז זיין אנטגילטיקער פאָרם.

האָט פראָפ. סעמועל סילווער אויסגענוצט א קורצן אוניווערסיטעטס־וואקאנס, און געקומען דירעקט פון ניו־יאָרק קיין טבריה, וואָס ליגט אמנאָענסטן צו כפר נחום. און דאָ זיך פארהאלטן יום־כיפור.

ער גייט מיטן זייטיקן וועג, געדיכט נעבן כנרת־ברעג.

דער הויפט־שליאך טבריה־צפת, צום פראָנט־צו, איז פארלייגט מיט מיליטערישע אויטאָס, פאנצערס, טאנק־פלאט־פאָרמעס און אנגעפראָפטע טראנספאָרט־וואָגנס מיט חיילים.

ער איז שוין אלט. אָבער זיינע פיס גייען. ער וועט אויסהאלטן די צוואנציק קילאָמעטער. ער וועט אהינקומען מיטאָגצייט. ער וועט מאכן א פילם פון די אלטע שטיינער מיט דער אָרנאמענטיק, אויפכאפן זיי פון אלע זייטן און ווינקלען, און וועט צוריקגיין. ער וועט נאָך באווייזן צוריק־צוקומען איידער עס ווערט נאכט. און אפשר וועט אים עמיץ גאָר געבן א "טרעמפּ" ?

גאָר פארקערט, מען שרייט צו אים פון די אויטאָס. די חיילים בייזערן זיך גאָר אויף אים, ווי ער וואָלט זיי גע־שטערט. וואָסמער דער זייטנוועג דערנענטערט זיך צום שליאך, אלץ מער שרייט מען אויף אים. אן אויטאָ פון מיליטערישער פאָליציי וואקסט פלוצים אויס נעבן א קרייצוועג. מ׳פאָרשט זיינע פאפירן. אחינו אתה ? וואָס טוט ער דאָ, אויף אזא מסוכנעם וועג ? און לשם מה די קאמערא ? ער גייט קיין כפר נחום, גייט ער, צו פילמירן די סינאגאָגע. דווקא איצט, ווען עס פאלן באָמבעס ? יאָ, דווקא איצט, ווען עס פאלן

באַמבעס, און איינע פון זיי קאָן פאַלן אויף דער אויס־גערגראַבענער סינאַגאָגע, און מאַכן אַ תל צו די שטיינער און זייערע באַפּוצונגען. און מאַכן אַ סוף צו דער אור־שפּרונג־געשיכטע פון מגן־דוד.

פּראָפ. סעמועל סילווער גייט.

די קאַמערא איז שווער און קרומט אויס זיין רוקן.

די זון האָט געוואַרט אויף אים ביים קרייצוועג, וואָס פירט קיין טבחה און פון דאָרט קיין כפר נחום. וואָס העכער ער שטייגט אויפן שלאַנגוועג, אַלץ נאָענטער די זון מיט איר מיטאָג־גלי. דער כנרת איז אים ווידער אַקעגנגעקומען, און קופּערנע זון־שיפלעך הוידן זיך אומרואיק, ווילן דער־שלאָגן צום הויכן ברעג. איבערן קאָפּ אַ רעש. שטאָלענע גלאַנץ־פייגל קומען אָן פון הר כנען, שפּיגלען זיך אינעם וואַסער, ווי לשם קאַקטעריע, און הייבן זיך אויף מיט געבייזער, דריי פון אונטן און דריי פון אויבן, איין דרייעק איבערן צווייטן. ער האָט שנעל אָנגעשטעלט די קאַמערא, אויפגעכאַפּט דעם פאַנטאַמען־פלי, אין אַ מגן־דוד־פאָר־מאַציע, גרייט צום פאַרמעסט מיטן שונא.

דער פּראָפעסער איז מיד. נעכטן האָט ער געפאַסט. ער האָט נאָכנישט פאַרפעלט קיין פאַסטן אין יום־כיפור, זינט זיין בר־מצווה. ער ווייסט נישט גענוי פאַרוואָס ער טוט עס. רעליגיעז איז ער נישט. עס איז צוליב אַ מיסטעריעזן אַטאַ־וויזם אַזאַ, וואָס איז שטאַרקער ווי יעדע לאָגיק, אַ מין הינטערבאַוווסטזיניקער אינערציע־דראַנג צו וועלן זיך אידענ־טיפיצירן מיטן פאָלק אין די אינטימסטע מאָמענטן פון זיין נשמהדיקן עקסטאַז. דאָס איז בבחינת דערנענטערן זיך צום קוואַל, צום פאָלק, און דורכן פאָלק צו זיך, אָדער פאַרקערט.

ער פילט איצט די מידקייט פון דעם נעכטיקן פאסטן. ווען ער ווייס, אז ער וועט נישט האָבן היינט קיין טאקסי, און וועט מוזן גיין צופוס, וואָלט ער נעכטן, נאָכן אלארם און דער בהלה פון מלחמה־אויסברוך, אויפגעהערט פאסטן. ער ווייס נישט וואָס איז וויכטיקער, דאָס פאסטן, אָדער באַזאָרגן זיך מיט כוחות אויף צו גיין קיין כפר נחום. דער ציל פון זיין גיין אהינצו איז דאָך איינגנטלער פיקוח־נפש, אויסלייזן, ראטעווען די שטיינער, געבן זיי א תיקון, דורך פאראייביקן זייער אָרנאמענטיק, איידער זיי קומען אום. און, אז פיקוח נפש איז דוחה שבת, איז ער דאָך זיכער דוחה אויך תענית... אם כן, טאָ פארוואָס איז נישט חל אויך אויף דענקמעלער, אויף ארכעאָלאָגיש־געשיכטלעכע מקומות, א מין זשענעווער אינטערנאציאָנאלע קאָנווענץ, ווי אין באצוג צו געפאנגענע און הומאניזאציע פון מלחמה. אויך וואָס שייך הייליקע מקומות און ארכעאָלאָגישע אביעקטן, דארף די מלחמה הומאניזירט ווערן. פונקט ווי עס איז פארבאָטן צו באָמבארדירן א שפיטאָל, א קירכע, אזוי דארף זיין פארבאָטן צו צעשטערן דורך מלחמה־אקטן אויסגראָבונגען פון א היסטאָרישער באדייטונג. ער וועט שאפן דעם טעקסט פון אזא פראָיעקט, און אים אריינטראָגן צום נאָענסטן אינטערנאציאָנאלן יוריסטן־קאָנגרעס.

זיינע פיס זענען געוואָרן וואָסאמאָל שווערער און לאנגזאמער. אָבער דער מוח איז געווען ביי אים לייכט און פלינק. צווישן איין טריט און צווייטן זענען געבוירן געוואָרן די פונקטן פונעם פראָיעקט, די ארגומענטן און די קעגנארגומענטן אויף צו צעקלאפן די עווענטועלע אָפּאָנענטן.

און ער האָט נישט באמערקט, ווי צוביסלעך נעמט אָפּטרעטן דער טאָג, און ווי עס דערנענטערט זיך דער פראָנט מיט אלע זיינע גרוילן און גורלות.

זעקס מעוועס אויפן כנרת

ערשט זענען זיי געוועזן אין דער לופטן, געוואָרפן א קארגן שאָטן איבער די צעשוימטע כוואַליעס פון כנרת, און אָט האָבן זיי זיך צעזעצט, ווי פערל־קרעלן אויף די פּאַרענט־פאלדן פון א צעזילבערטן כלה־קלייד. מ ע ו ו ע ס.

זעקס מעוועס, ווי איין גרויסע משפחה. פון דער ווייטנס — ווי איינע און די זעלבע, אין זעקס עקזעמפּלארן. זעקס פּערל־קרעלן, זעקס שטראַלנדיקע שטערן־שפּיצן, און כוואַליע־פאלדן זעקס־אָרעמדיק צווישן זיי.

א לופטמאשין קומט מיט רעש און געאייל פון די הרי נפתלי, נידערט באַרג־אַראָפּ די אָפּהאַנגען, האלט זיך איבערן כנרת, און שפּיגלט איר גרויסן מגן־דוד אינעם וואסער. די מעוועס הייבן די קעפּלעך ארויף, שפּיצן אָן די אויגן און ווינקען צו זיך, גיבן זיך סימנים, פאַרריכטנדיק זייער פּאָזיציע.

מיטן וועג ציט זיך רעשיק א לאַנגע ווירע פלאַטפאָרמעס, און אויף יעדער פלאַטפאָרמע — א טאַנק, און פון יעדן טאנק גלאַנצן אקעגן צוויי פאַרפלאָכטענע דרייעקן, זעקס־שפּיציק.

און ווידער ווענדן זיי די קעפּלעך ארויפצו. און ווידער צום וועג.

ווען א פישער־שיפל האָט זיך דערנענטערט מיט רגזה־דיקן שוים פון מאָטאָר, האָבן זיי זיך א הייב געטון מיט געפלאַטער, און געשוועבט מגן־דודיק איבערן וואסער.

די פרייוויליקע

זי הייסט אסתר, אָבער זי איז נישט קיין יידישע. זי ווייסט נישט צי האָבן די עלטערן איר געגעבן א ביבל־־נאָמען, ווייל זיי האָבן ליב געהאט די ביבל, אָדער אויך דאָס פאָלק פון דער ביבל. ווען זי האָט געהאט דעם שכל צו פרעגן, זענען זיי שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. זיי זענען אומגעקומען אין א וועג־אומגליק. דער אָנקל, פון דער מוטערס זייט, וואָס האָט זי דערצויגן, און איז געווען א גלויביקער קריסט, האָט אויסגעמיטן צו געבן איר א קלאָרע תשובה. ער האָט בלויז געזאָגט, אז די יידן־פראַגע האָט זיי תמיד אינטערעסירט, א באַוויז, זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן ביים ראַטעווען יידן פון די נאַצי־אָקופּאַנטן און זייערע האָלענדישע ארויסהעלפערס.

אלס אכט־יאָריק קינד האָט זי שוין געהאט דורכגע־לייענט דאָס בוך פון אננא פראַנק. און זייט דעמאָלט געלייענט עס אומצאָליקע מאָל, אז זי געדענקט עס שוין כמעט אויסנווייניק. אויך דאָס בוך ווו עס רעדט זיך וועגן דער ביבל־געשטאַלט, וואָס זי טראָגט איר נאָמען, קען זי כמעט אויסנווייניק. איר טעגלעכע לעקטור, צו וועלכער זי קערט זיך אום נאָכאנאַנד, איז די ביבל. זי געפינט פאַר איר תמיד צייט, טראָץ די אבסאָרבירנדיקע באַשעפטיקונגען פון איר קורס פון פיזיאָטעראַפּיע. און אויך פאַר ידיעות וועגן ישראל האָט זי צייט, בפרט ווען זיי פאַרנעמען גרויסע קעפּ אויף די פאָדערזייטן פון דער פּרעסע.

ווען זי האָט געהאט דעם דיפּלאָם, און געזען אין א פאַר־זשורנאַל, אז חמי־טבריה זוכט אויסלענדישע ספּעציאַ־ליסטן אויף איר געביט, האָט זי גענומען דעם ערשטן עראָפּ־

לאַן און געקומען. דער טאָג, ווען זי האָט באַטרעטן די ערד פון דער ביבל, איז דער וויכטיקסטער אין איר לעבן.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די יום־כיפור מלחמה, איז זי פּלוצים נעלם געוואָרן. צי איז זי פאַרכאַפּט געוואָרן דורך א מורא־פּאַניק און פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווי טייל אויסלענדער? צי האָט מען זיך נישט דערקענט אויף איר? עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען א ידיעה פון איר. זי אַרבעט אין א פעלד־שפּיטאָל ווי א פלעגערין און פיזיאָטעראַפּיסטין. זי האָט זיך אַנטשולדיקט אין א לאַנגען בריוו. זי האָט געפילט, אַז איר אָרט איז אין די פאָדערשטע רייען, צווישן די פאַרוווּנדעטע און העלדישע פאַרטיידיקער פון לאַנד, דאָ איז איר הילף לעבנסוויכטיקער, און זי קאָן געבן פון זיך דעם מאַקסימום. "ווייל, ווי שטייט דאָרטן אין קאַפּיטל אכט פון מגילת אסתר: — וואָרעם ווי וועל איך קאָנען צוזען דאָס בייז, וואָס גייט טרעפן דאָס יידישע פאָלק? ווען אננא פראַנק איז אויף מיין אָרט, וואָלט זי געטון דאָס זעלבע, איך בין זיכער, איך קאָן שווערן".

אין שאָטן פון טאַנק

ער זיצט אַ מידער אין שאָטן פון טאַנק, אויפן זאַמד, מיטן רוקן אויפן אָפּגעקילטן צײַן־ראָד. און טיף זײַן בליק, זײַן בענקעניש.

אינעם מגן־דוד אויפן טאַנק־טורעמל קלאַמערן זיך די פרי־אָוונט שטראַלן און זענען אַ קרוין צו זײַן קאָפּ.

אַ גן־עדן פויגל פלאַטערט פאַרבײַ און אַ גילדענע פּאַווע־פעדער פאַלט אויף זײַן קרוין.

אַ טויב דרייט זיך איבערן טאַנק, פאַרבייגט זיך מיט הכנעה, און איר שנאָבל איז גרייט צו טראָגן זײַן בליק, זײַן בענקעניש, די פּאַווע־פעדער אַהיים.

אַ מואַזין רופט בשכנות צום אָוונט־געבעט, רופט און רופט. פון געוווינהייט רופט ער.

די גלויביקע זענען אַוועק מאָרדן. זענען אַוועק מאָרדן.

פליט די טויב און פליט, און מיט איר זײַן בליק, זײַן בענקעניש, די פּאַווע־פעדער. און די פּוסטקייט פון געבעט־הויז פליט איר נאָך ווי אַ געשפּענסט.

בריוו פון פראנט

די שיסרערן האָבן נאָכנישט אָפּגערויכערט פון לעצטן שאָס און די געלענק־און רינג־טיילן פון טאנק האָבן נאָכנישט אויסגעהויכט דעם לעצטן נאָכקלאנג, און שוין זיצט ער אין א פּאָזיציע פון שרייבן. אראָפּגעלאָזט זיך פון מפקד־טורעמל, און א שרייב־בלאָק אויף זיינע קני.

״אמא, געדענקסט ווען האָסט מיך מיטגענומען אויף דער געווער־אויסשטעלונג לכבוד יום העצמאות? האָב איך געזען צום ערשטן מאָל א טאנק, אזא ריזיקן בארג מיט קאלטן, גולמדיקן שטאָל, און זיך דערשראָקן. האָב איך דיך א צי געטון ביי דער האנט: — קום, אמא, איך וויל בעסער מיינעם, וויל בעסער זיך שפּילן מיט מיין פלאסטיק־טאנקל — און דו האָסט געענטפערט: — א קליין קינד — א קליינער טאנק, א גרויס קינד — א גרויסער טאנק — ... איך געדענק עס ווי איצט. און איך טראכט: צי בין איך אונטערגעוואקסן זייט דעמאָלט אויף אזויפיל, אויף וויפיל דער טאנק מיינער איז איצט גרעסער פון יענעם? עס שטימט נישט די פּראָפּאָרץ, צו גרויס דער קפיצת־הדרך צווישן מיין שפּיל־טאנקל, און דעם מיט וועלכן כ׳האָב אקערשט צעקנאלט פינף מצרישע טאנקען אין אטאק־פּאָזיציע... נו, זיי געזונט, אמא. איך דארף העלפן רייניקן מיין טאנק, צוגרייטן אים אויפסניי. יאָ, א בקשה: ווען איך וועל געפינען מיין באשערטע, און גאָט וועט געבן, וועסט ווערן א באָבע, זאָג מיר צו, אז דיין אייניקל וועסטו נישט געבן במתנה קיין טאנק צום שפּילן, זאָג מיר צו מאמע טייערע״.

באבע און אייניקל

זייט א פּאָר טעג הערן נישט אויף די אויפרייסן אין דער געגנט. און באלד צעפּייפט זיך די סירענע, וואָס איבערן נייעם חדר האוכל. מען לויפט אין מקלט.

"שוין ווידער ?", פרעגט די קליינע אהובה.

די באָבע ענטפערט נישט, נאָר שלעפּט די קליינע ביים הענטל, דורך דער טראנשיי, וואָס פירט אין שוצקעלער.

צומאָרגנס האָט זי ווידער געפרעגט : "שוין ווידער, סבתא ?". און אז די באָבע האָט ווידער געשוויגן, האָט זי זיך איינגעעקשנט, און נישט געוואָלט גיין : "פארוואָס ווידער אין מקלט, סבתא ?".

"ווייל, אויב נישט, קאָנסטו, חלילה, געהרגעט ווערן".

"און דו, סבתא ?".

"איך אויך. נאָר מיר מאכט נישט אויס. איך בין שוין אלט".

"אָבער איך בין ערשט יונג, מאכט אויך נישט אויס".

"אָבער דו רעדסט שוין ווי אן אלטע, אהובהלע".

"און דו רעדסט ערשט ווי א קינד, סבתאלע".

עס האָט זיך דערהערט א פרישער אויפרייס, גאָר הילכיק, גאָר נאָענט. די סירענע אויפן טורעמל, וואָס איבערן חדר האוכל, איז זיך צעשפּרונגען מיט א זיפצנדיקן פּייף, צוזאמען מיט א שטיק דאך.

"און ווער וועט איצטער רופן אין מקלט אריין, ווער וועט איצטער מאָנען אין מקלט אריין, סבתאלע ?", האָט זי געפרעגט א ציטערדיקע און געקלאמערט זיך אין דער באָבעס שויס.

"דאָס לעבן, אהובהלע, דאָס לעבן !".

די פיר אראבער און די היענע

אין דער זעלבער צייט, ווען דער מואזין רופט די גלויביקע צום אָוונט־געבעט, האָט דער עלטסטער פון דער פירמאניקער אויסשפיר־גרופּע זיך געשטעלט מיטן רוקן צו דער אונטער־גייענדיקער זון און מיטן פּנים צום שווארצן שטיין אין מעקא:

„אללא אכבאר, אללא איז גרויס, נישטאָ קיין גאָט אויסער אים, און מוחמד איז זיין שליח". דערנאָך האָט ער אנידערגעקניט אינמיטן זאמד, אויסגעשטרעקט די הענט פאָראויס, אָנגעשפּארט זיך אויף זיי, געוויגט זיך אהין און אהער, און פארענדיקט שטייענדיק, מ׳ט פארפלאָכטענע פינגער: „איך גיב מיין לעבן פאר דיינעטוועגן, אללא, ווייל דאָס איז דיין ווילן, אללא אכבאר".

און ווינאָר ער האָט אָפּגעבעטן, האָט געטון דאָס זעלבע דער צווייטער סאָלדאט, און פארענדיקט: „איך גיב מיין לעבן פאר דיינעטוועגן, סאדאט, אללא אכבאר".

און ווינאָר ער האָט אפּגעבעטן, האָט געטון דאָס זעלבע דער דריטער, און פארענדיקט: „איך גיב מיין לעבן פאר דיינעטוועגן, עגיפּטן, מיין לאנד, אללא אכבאר".

און ווינאָר ער האָט אָפּגעבעטן, האָט געטון דאָס זעלבע דער לעצטער, און פארענדיקט: „איך גיב מיין לעבן פאר דיינעטוועגן, גאָט פון ראמאדאן, און פאר דיין זיג איבערן גאָט פון יום־כיפּור, אללא אכבאר".

און עס האָט זיי געענטפערט א חוזק־געוויין פון א היענע צווישן פארנאכטיקע דיונעס אינעם ווינט: „איך, האלט מיין לעבן פאר מיינעטוועגן, גאָט פון מלחמות, גאָט פון פּגרים אין פעלד!".

אויפן חרמון

איתן וואַרט אומגעדולדיק אויף א בריוו פון חמדהן. ער וואַרט שוין פיר טעג. אייגנטלעך איז עס פינף טעג; נאָר שבת גייט דאָך נישט די פּאָסט. אפשר איז די שולד פון דער פּאָסט? עס איז זיכער די שולד פון דער פּאָסט. בעסער אזוי... ער וויל וויסן צי זי האָט באַקומען צוריק דעם צודעק. איר צושריפט האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. זי האָט געשריבן, אז טראַכטנדיק וועגן אים אויבן, אויפן חרמון, נעמט איר אַדורך א קעלט. שיקט זי אים א צודעק. האָט ער זיך באַליי־דיקט. ער, ווען ער טראַכט וועגן איר, איז אים הייס אין אלע גלידער. און זי גאָר — פילט א קעלט, ווען זי טראַכט וועגן אים. האָט ער צוריקגעשיקט דעם צודעק, און בייגעלייגט א צושריפט: "מיר איז וואַרעם, ווען איך טראַכט וועגן דיר, חמדה. נאָר אויב דיר איז קאַלט, טראַכטנדיק וועגן מיר, טאָ נאַדיר דעם צודעק; ער וועט דיך וואַרעמען". ער האָט שפּעטער באַדויערט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט מיטרייסן מיטן ערשטן אימפּולס. ער האָט מורא באַקומען, אז זי וועט זיך באַליידיקן, און איבעררייסן מיט אים. בסך הכל קענען זיי זיך א דריי חדשים, און אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען א פיר מאָל, נישט רעכענענדיק זייער צופעליקע באַגעגעניש אויף א חתונה אין טבריה. עס וואָלט אים שטאַרק וויי געטון. ער טראַכט וועגן איר נישט נאָר דעמאָלט, ווען זיין בליק פאַלט אויף יענזייט כנרת, נאָר אויך דעמאָלט ווען ער קוקט אויס דעם שטח ביז אַראָפּ קיין דמשק. ער טראַכט וועגן איר אויך דעמאָלט, ווען ער טראַכט נישט. נישט אומזיסט, זאָגט ער צו זיך, הייסט זי חמדה, א נאָמען, וואָס איז כולו גלי און גלוסטעניש.

צומאַרגנס, האָט די פּאָסט געבראַכט צוריק דעם צודעק, מיט א קורצע צושריפט: „זיי וויסן, אז בלויז דעמאָלט, ווען איך טראַכט, אז עס איז דיר קאַלט, פיל איך אז אויך מיר איז קאַלט. דעק זיך דעריבער גוט צו, וועל איך וויסן, אז עס איז דיר תמיד וואַרעם, אויך אין קאַלטע בערג־נעכט, וועט מיך דאָס טראַכטן וועגן דיר תמיד וואַרעמען, תמיד".

ער האָט אַריינגעשטעקט דעם בריוו טיף אין בוזעם, און געפילט, אז ער וואַרעמט אים מער ווי טויזנטער צודעקן.

שבת

פארטאגס. זייער הייס. נאָך גוט וואָס דער מאָטאָר מאכט א ווינט. איידער עס קומט דער באפעל — נאט אייך א פּאָר ווערטער. זייט וויסן, אז איך טראכט תמיד וועגן אייך, און נישט נאָר בעת א פלי־מיסיע...

א שאָד, וואָס שבת איז נישטאָ קיין פּאָסט. עס איז אַן עוולה. און אויב עס איז פארבאָטן זיי פונאנדערצוטראָגן, האָבן די בריוו געדארפט ווארטן אויף דער פּאָסט, אז קרובים זאָלן קאָנען אהינגיין און אָפּנעמען קאָרעספּאָנדענץ פון די פראָנטן, כאָטש פון די מיליטער־פליערס. א שבת אָן ידיעות פון די קאמפּס־ליניעס, פון די אייגענע, איז דאָך א פאר־שטערטער שבת...

אזוי האָט זי געלייענט צום וויפילסטן מאָל שוין דאָס נעכטיקע קארטל פון איר זון, און גערעדט צו זיך, און צו איר מאן, וואָס איז געגאנגען איבער דער שטוב אהין און אהער, און געביסן די נעגל.

„טיילמאָל איז בעסער, אז מען ווייסט נישט", האָט ער געזאָגט שארף, אומגעדולדיק, ווי מ׳פּסקנט א שאלה.

„וואָס האסטו געזאָגט?", האָט זי געפרעגט מיט א ציטער אין קול.

„גאָרנישט, גאָרנישט"

„האָסט יאָ געזאָגט"

„צי איך צוריק"

„האסט אפשר באקומען א ידיעה אינצווישן, נאָר האלטסט בסוד?"

„ווי האָב איך באקומען, אז היינט איז שבת?"

„נאָך גוט, ווען נישט וואָלט איך דיך חושד געווען, לויט דיין באמערקונג און איר טאָן. דו ביסט דאָך תמיד אזוי פּאַרזיכטיק מיט ווערטער".

ער איז צוגעגאַנגען צו איר, זיך צוגעזעצט אויפן האַנט־אָנלען פון שטול, און זי אַרומגענומען: „א נו, אמאַ'לע, וויַיז נאָר דאָס קאַרטל", האָט ער געזאָגט.

„וואָס דאַרף איך עס דיר וויַיזן? איך קען עס אויסנווייניק. איך קאָן דיר זאָגן וויפיל ווערטער זענען פאַראַן אין אים, 35 ווערטער".

„און וויפיל אותיות?", האָט ער געפרעגט מיט אן אומעטיקן שמייכל.

„ א נו, לאָמיר ציילן". זי האָט גענומען דאָס קאַרטל, צוגעשטעלט צו זייער ביידנס אויגן: „איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס..."

ער האָט נאָכגעציילט, נאָכגעזאָגט די ציפערן און געדריקט זי פעסט צו זיך.

דער בריווטרעגער

אזוי גיך ווי ער האָט באַשלאָסן צו פאַרטרעטן דעם מאָבי־ליזירטן בריווטרעגער, אזוי גיך האָט ער פּלוצים אויפגעהערט זיין ארבעט.

מ׳האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס.

ער איז שוין לאַנגע יאָרן אויף פּענסיע. אָבער זיינע פיס גייען נאָך און זיין לאַנגע דערפאַרונג ליגט אים נאָך אין די ביינער. זאָל דאָס לאַנד, זאָל זיין שטאָט געניסן פון אים. עס איז א הייליקער חוב, אין דער צייט ווען די יונגע חברה איז זיך מקריב אויף די פראָנטן. וועט ער ברענגען גוטע ידיעות פון די חיילים, ברענגען פרייד אין די היימען. ער האָט אָבער גיך איינגעזען, אז די פרייד פון ברענגען א בריוו איז קלענער ווי דער צער פון נישט ברענגען. ער האָט שוין נישט די יאָרן פון קענען פאַרטראָגן אזא צער, אזא האַרצווייטיק. ער זעט כסדר די אומעטיקע אויגן פון דער מאַמען, וואָס וואַרט אויף אים לאַנגע טעג פאַרן טויער, און בעטלט ביי אים א בריוו פון זון, ביילט די פּויסטן, ווערט גראָער פון טאָג צו טאָג, און קאָן אים נישט מוחל זיין, ווי ער וואָלט געווען דער שולדיקער. און נאָך שולדיקער, וואָס פאַר איר שכנה, איז פאַראַן א בריוו יעדן טאָג, און פאַר איר גאָרנישט; ווידער גאָרנישט . . .

איצט צעטראָגט די בריוו א פרוי, א פרייוויליקע פון וויצאָ. און ער? ער גייט ווייטער איבער די גאַסן ווי פריער, אָבער אָן טראָגזאַק; זיינע הענט זענען ליידיק. ער גייט, שטעלט זיך אָפּ ביי יעדן טויער, א ווייל נאָר, און גייט ווייטער. און ער רעדט שטיל צו זיך . . . ווער זאָגט, אז ער ארבעט נישט מער? עס איז נישט שייך צו זיצן אין שטוב, אין דער צייט

ווען יונגע חברה גיט אוועק דאָס לעבן ווייט פון דער היים.
ווער זאָגט, אז ער טראָגט נישט מער קיין בריוו? ער' איז
געבליבן געטריי זיין פאך; ער ברענגט בריוו פון חיילים, וואָס
שרייבן נישט, אָדער שרייבן נישט מער... און דאָס זעלבע
ברענגט ער פון די, וואָס שרייבן יאָ... אלע מאמעס זענען
גלייך. זייערע אויגן שטעכן אים נישט מער, באשולדיקן אים
נישט מער, ברעכן אים נישט מער דאָס הארץ. אלע מאמעס
זענען גלייך, אלע...

דער לעצטער בר־כליפה

די שרעקלעכע ידיעה איז פריער געבראַכט געוואָרן צו ניסים בר־כליפה, דעם פאָטער, און ער האָט זי געבראַכט מיט וואַקלדיקע טריט און ציטערדיקע ליפּן צו צופיהן.

זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס און געוויינט.

ער האָט געוויינט נישט נאָר וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין איינציקן זון, נאָר אויך וואָס ער איז דער לעצטער בר־כליפה אין שטאָט, און מיט אים לעשט זיך אויס אַ קייט פון אַ צען דורות בר־כליפהס, וואָס זענען געקומען אַהערצו צוזאַמען מיטן שר הגדול ר׳ חיים אבואלעפיה, דעם מייסד פון טבריא עיה״ק. גאָט האָט אים געגעבן נאָר מיידלעך. לבסוף האָט ער אויסגעבעטן אַ זון ביים קבר פון ר׳ חיים. איז ער געפאַלן אַקערשט, טאַקע מות קדושים, כדי דאָס לאַנד זאָל לעבן, אָבער — אָט, איז ער אַלט, און עס וועט פאַר־לאָשן ווערן דאָס בית בר־כליפה... האָט ער געוויינט ביטער, און נישט געוואַגט אַפּצוהייבן דעם קאָפּ און קוקן אין וויסטן פּנים פון דער יונגער אַלמנה.

זי האָט אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט, געדרוקט זיך פעסט צו זיין ברוסט, אַ פאַרלוירענע — און אירע בלוטן האָבן געזאָטן מיט אַ צאַפּלדיקן שטראָם איבערן לייב און אונטערלייב. זיי האָבן געשוויגן.

פּלוצים האָט ער דערפילט ווי אַ צעשפּאַרנדיקע וואַרעמ־קייט יאָגט פון איר פאַרנט און ווי איר בויך פאַרגייט זיך פאַראויס אין אַ פאַררונדיקטן באַרגשפּיץ. און ווען דער אויפבליצנדיקער פאַרדאַכט איז געוואָרן אַ גוט־בשורהדיקער אָנזאָג, האָט ער זי אָפּגעשטופּט פון זיך, און געפּרעגט מיט די אויגן, מיט צעציטערטע באָרד און פּיאות און מיט אַ פינגער, געוואָנדן צו איר נאָפּל: ״האַ? אמת, האַ?״

צופיה האָט געווישט די טרערן, און פלאמען האָבן צעצונטערט איר פינצטער פּנים.

ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר א פעסטע האנט און גענומען זי שלעפּן, לויפן צוזאמען מיט איר. ביים הויפּט־איינגאנג פון בית־עולם איז געשטאנען א לוויה. מ׳האָט זיי געמאכט אָרט, דורכגעלאָזן. יעדער האָט געקענט זייער גרויס אומגליק, און זיי אקעגנגעטראָגן פרום דברי תנחומים. זיי זענען פארביי די צעפאלענע קברים פון די תלמידי־בעש״ט, און געבליבן שטיין נעבן אויפגעפרישטן קבר פון ר׳ חיים אבואלעפיה, זי צופוסנס און ער צוקאָפּנס. אירע גרויסע טרערן זענען געפאלן דירעקט אויפן שטיין און זיך צעשפּריצט מיט א שטילן זיפץ. זיינע שטילע תפילות האָבן זיך פארהאלטן אין דער געדיכטקייט פון זיין באָרד און אומזיסט געזוכט א ווידערקול אינעם רונדיקן רוקן פון קבר.

צופיה האָט איינגעגראָבן איר קאָפּ צווישן די אקסלען און אוועקגעלייגט איר אויבערשטן גוף אויפן שטיין. ניסים האָט זיך אויסגעגראָדעט, אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל, און זיינע אויגן נאָך העכער: ״זע, השר הגדול, אז עס זאָל זיין א בכור, און ווייטער זאָל זיך ציען די שרשרת פון די בר־כליפהס, דאָס בית בר־כליפה, עד אין סוף... דו, ר׳ חיים, דער מייסד פון טבריא מחדש, זע אז עס זאָל באנייט ווערן מחדש א דור בר־כליפהס. און אין דעם זכות, וועט פאראייביקט ווערן זיין נאָמען, און דיינער. כן יהי רצון, אמן.״

״אמן״, האָט צופיה אונטערגעכאפּט, אָפּהייבנדיק אירע קלעפּיקע ליפּן פון שטיין.

״אמן ואמן״, האָט זיך דערהערט ארום זיי א פרומער ווידערקול. דאָס האָבן די מלווים, נאָך דער לוויה, זיך גע־זאמלט ארום זיי, און זיך מתייחד געווען מיט זייער צער, מיט זייערע טרערן און תפילות.

אין דער ארטאפעדישער אפטיילונג

יעדן פרימאָרגן, אין דער זעלבער צייט, קומט זי מיט איר "בוקר אור" אויף די ליפּן, איר ליכטיקן שמייכל אויפן טונקעלן פּנים, און דעם טערמאָמעטער אין האנט.

"נו ?"

ערווארט אויף איר מיט די לעצטע רעזערוון פון זיין געדולד. ער קוקט אויס יעדע רגע, ווען — צוזאמען מיט די ערשטע זון־שטראלן — וועט זיך עפענען ברייט די טיר, און צווישן דעם געשטעל פון שטריק, דראָטן, אייזנס, רעדלער, געוויכטער און זיינע גלידער אין גיפּס, וועלן א שיין טאָן איר לויטערע געשטאלט אין ווייסן, אירע צעשטראלטע בראָנז־באקן, און דער בליץ פונעם קוועק־זילבער־רערל אין האנט.

לאנג, איידער זי קומט, זעט ער זי קומען. ער זעט זי אזוי ווי זי שטייט פאר זיינע אויגן, ווען ער האָט זיי געעפנט, נאָך לאנגע שעהן אין אָפּעראציע־זאל, צוזאמען מיט די ערשטע פארטאָג־שטראלן; אזוי ווי ער האָט זי דערזען פלוצים, טראָצדעם וואָס דער שונא האָט באשאָסן זיין פאראשוט אינמיטן פלי, טראָצדעם וואָס ער איז געפאלן ווי א שטיין . . .

"נו, נו", ענטפערט ער און כאפּט אין קלעם איינעם פון די פינגער, וואָס דערלאנגען דעם טערמאָמעטער. די פאר־לוירענע קראפט און געשיקטקייט פון די באשעדיקטע און געפענטעטע הענט און פיס זענען אריבער אין זיינע ליפּן. האלט ער דעם פינגער פעסט צווישן די ליפּן און נאָגט ביז ווייטיק.

"מ'טאָר נישט", זאָגט זי, און איר הויט ווערט שקיעה־רויט און די ליפּן ציטערדיק־שטראָפעריש: "מאָרגן וועט די

נאכט־שוועסטער מעסטן די היץ, איידער זי גייט אוועק, נישט איך״.

צומאָרגנס, אין דער זעלבער צייט, איז זי ווידער געקומען, מיט איר ״בוקר־אור״ אויף די ליפּן, מיטן ליכטיקן שמייכל אויפן טונקעלן פּנים, און מיטן טערמאָמעטער אין האנט.

אין שפיטאל

אבנר האָט זיך געוועקט פון די רעשטלעך שלאָף, וואָס ער האָט מיטגעבראכט פון אָפעראציע־זאל. דאָס אָטעם־רערל אין מויל האָט אים געשטערט, געשטיקט. ווי נעמט מען עס ארויס, אז די הענט זענען געבונדן און ארויסהוסטן גייט נישט ?

פלאמען פון פרימאָרגנדיקער זון זענען געלעגן אויף דער אקעגנאיבערדיקער וואנט, און שוועסטערס אין ווייסן זענען געשטאנען ארום אים. פונעם שכנותדיקן בעט האָבן ארויס־געקוקט צוויי צעגליטע אויגן און א רויטע באָרד. אים דאכט זיך, אז ער קען די אויגן. און די באָרד קען ער. דאָס איז דאָך ער, עמוס, דער "דזשינדזשי" פון זיין טאנק !

ער האָט געוואָלט שרייען, ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. ער האָט באוויגן מיטן קאָפּ אין אלע זייטן צו די שוועסטערס, זיי זאָלן אים באפרייען פונעם רערל, כדי ער זאָל קאָנען עפּעס זאָגן, שטעלן א פראגע זיין חבר עמוס, נישט מער ווי איין פראגע.

איידעלע שוועסטער־הענט האָבן אים פעסט געהאלטן און נישט געלאָזן זיך וואָרפן. וואָס טוט דאָ עמוס ? ער איז דאָך געפאלן, ער האָט אליין געזען. און אפשר איז ער אליין אויך טויט ? ער ליגט אין פעלד, א מת ; און מיט עמוסן באגעגנט ער זיך דאָרטן, אויף יענער וועלט... פארוואָס רעדט ער נישט צו אים, גיט אים נישט אפּ קיין ראפּאָרט, זיין מפקד ? צי האָט ער אויך א רערל אין מויל ? ער זעט נישט דאָס רערל צווישן די באָרד־קנוילן ארום זיינע ליפּן. נישט אנדערש, אז זייביידע זענען טויט, טויט.

ווען ער האָט זיך ווידער איבערגעוועקט, איז דאָס

שכנותדיקע בעט געשטאנען ליידיק. דאָס רעדל איז נישט געווען מער אין זיין מויל.

ער האָט געפרעגט מיט פּחד און ציטער אין אלע טיילן פון זיין פּנים: "ווו איז עמוס, ווו?" און באלד צוגעגעבן:

"און ווו דער טאנק, ווו?"

"וואָס פארא טאנק?"

"א סאָוויעטישער טאנק, פון נייעסטן מאָדעל, וואָס קיינער ווייס גאָרנישט וועגן אים ביי אונדז. א נייער סודות־דיקער און ריזיקער טאנק... ווען כ'האָב זיך דערנענטערט צו אים, אונטערצונעמען א קאמף, האָב איך געזען ווי די סירישע מאנשאפט לויפט ארויס פון אים, און אנטרינענדיק, האָט אײנער אריינגעוואָרפן א גראנאט אין אים, כדי ער זאָל נישט אריינפאלן א גאנצער אין יידישע הענט... בין איך ארויס פון מיין טאנק, אריינגעקלעטערט אין יענעם, כדי ארויסצווווארפן דעם גראנאט, און ברענגען דעם אומבאקאנטן טאנק אין אונדזערע רייען; און איידער וואָס, איידער ווען, האָט דער גראנאט אויפגעריסן, און מיך פארוואָרפן ווייט אוועק".

א ספּאזמאטישער ציטער פון זיינע ליפּן האָט איבער־געריסן זיינע רייד; א געדיכטע, קלעפּיקע שוים האָט געפּערלט אין די ווינקלען און מיטגעציטערט. א שוועסטער האָט גע־ווישט די שוים און א צווייטע האָט דערלאנגט וואסער. עס איז אריין אין זיין קעל מיט א פּעלד־ברונעמדיקן אָפּהילך. "און ליגנדיק, האָב איך געזען, ווי עמוס, וואָס האָט איבער־גענומען די קאָמאנדע נאָך מיר, לויפט מיטן לעש־אפּאראט, דראפּעט זיך ארויף צום טאנק־טורעמל און באקעמפט דאָס פייער. און באלד, האָט עס א הויב געטון מיט אים, צוזאמען

מיט אַן אויפּרייס־ווינט, און ער איז געפאַלן מיטן קאָפּ אין דערנעבנדיקן פעלדז״.

עס איז געווען שטיל. די ערשטע שטראַלן פון אַ נייעם פרימאָרגן האָבן געטריבן די נאַכט פון דער אַקעגנאַיבער־דיקער וואַנט. ער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון די הערצער פון די שוועסטערס אין ווייסן. ״איצט איז אַלץ פאַרשטענד־לעך״, האָט זיך איינע אַנגערופן. ״זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען, און די איינציקע, וועגן טאַנק. ער האָט זיך געשטאַרקט, אַזוי ווי אַ פרומער ייד צו ווידוי, און געבעטן אייך זאָגן, אַז דער טאַנק איז דאָ, אין אונדזערע הענט, מ׳האָט אים אָפּגעראַטעוועט״.

אבער האָט צוגעמאַכט די אויגן און פאַרביסן די ליפּן. אין די ווינקלען זייערע האָט זיך געשטיקט אַן אָנדייט פון אַ שמייכל צוליב דעם אָפּגעראַטעוועטן, געהיימען טאַנק. און הינטער די אויגן־לעדלעך האָט געגרווילט דער צער פון אַן אָבל.

ליכטער

היינט האָבן זיך ווידער צעצונדן די ליכטער אין שטאָט, און אריינגעלויכטן אין די פארבאָרגענישן פון די געמיטער. די נאכט איז ארויס פון וואָלקן, אין וועלכן זי האָט זיך געהילט זייט נעילה.

א טאנק, אויף א פלאטפאָרמע, רעשט אריין אין שטאָט מיטן צפתער וועג, מיט פרעמדן רעש און פרעמדע כוחות. און אויפן טאנק־טורעם, איבערן שלאנגיקן אראבער־שריפט — פיר אותיות, וואָס א יונגע און פעסטע האנט האָט, מיט דיקן קרייד, פריש אנגעצייכנט: ש ל ו ם.

איבער די קיבוצים אויפן גולן גלאנצן צעצונדענע לעמפּ. זיי שיקן ליכטיקע בשורות אריבערן כנרת. זיי לויכטן מיט מער גלי, מיט מער ברען, כדי זיך אָפּצונעמען פאר די אָפּגעפינצטערטע מעת־לעתן.

און אויבן, גאָר הויך, פינקלען אקעגן מן הצד און סודות־דיק די ליכטער פון צפת, די צווייטע, נאָך טבריה, אויף דער רשימה פון גליל־שטעט אינעם סירישן פארלענד־פּלאַן.

דער טאנק גייט פארגרעסערן דעם לאגער פונעם געפאנגענעם מלחמה־וואָפן.

יפה און זוהר

זי איז געווען אזוי שיין ווי איר נאָמען. אָבער, זייט זי האָט חתונה געהאַט מיט זוהרן, וואָס האָט פאַרלוירן ביידע אויגן אויפן גולן, איז זי געוואָרן נאָך שענער.

זי האָט אים דערזען דאָס ערשטע מאָל ביי דער בריק פון בנות יעקב. ער האָט אראָפּגעקוקט צו איר פון אויסשפּיר־טורעמל פון זיין טאַנק. אין א זייט, געדיכט נעבן דער בריק, איז געווען אן אויפפריש־פּונקט פון "וויצאָ" פאַר פאַרביי־פאָרנדיקע חיילים. זאָלן זיי זיך אויפפרישן, אָנטרינקען, דער־כאַפּן דאָס הארץ, איידער זיי פאַרמעסטן זיך מיטן שונא, אין אזא חמימהדיקן טאָג. דער טאַנק האָט פאַרלאַנגזאַמט זיין קייטן־מאַרש. זיינע ארויסרופּערישע אויגן האָבן זיך געטראָפן מיט אירע. זי האָט גיך גענומען א קיישל מיט קאָלירטע פלעשלעך, פּרוכטן און עוגיות, און אקעגנגעלאָפן. ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר ביידע הענט, אויגן פול מיט פרייד און גלי, און זי האָט געוואָרפן נאָכלויפנדיק, געוואָרפן און געטראָפן. ער האָט געכאַפּט, אריינגעוואָרפן אין בויך פון טאַנק פאַר זיינע מיטרייזנדיקע, און ווידער געשטרעקט צו איר די הענט, די אויגן. און ווען דאָס קיישל איז געוואָרן ליידיק, האָט זי גיך גענומען זוכן א צווייטעס. דער טאַנק האָט זיך א רגע פאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף איר. זייערע אויגן האָבן זיך ווידער באַגעגנט. ער האָט זיך נאָך מער ארויסגעבויגן און אויסגעשטרעקט די הענט, ווי ער וואָלט וועלן דערגרייכן צום קיישל, וואָס זי האָט אקעגנגעטראָגן. זי איז אונטערגעשפּרונגען און ער האָט אנגעכאַפּט ביים הענטל פון קיישל. "ווי איז דיין נאָמען, ווי הייסט דו, די שענסטע צווישן די שיינע?" האָט ער געפרעגט

שרייענדיק, כדי איבערצוהילכן דעם רעש פון מאָטאָר. זי האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן, געשטאַנען א פאַרלוירענע. "ווי הייסט דו, די שענסטע צווישן די שיינע?" האָט ער איבערגעפרעגט נאָך העכער, און צוגעגעבן: "זאָג גיך, ווייל די מלחמה ווארט נישט, גיך!". זי האָט זיך אָפּגעפונען, אונטערגעשפּרונגען, און א וואָרף געטון, הויך: "יפה, יפה, הייס איך!". "און מיין נאָמען איז זוהר", האָט ער אראָפּ־געשריגן צו איר, אינמיטן פון א באנייטן קייטן־געטומל, און זיינע אויגן זענען געווען פול מיט געלעכטער, מיט גיריקן גלי.

פאַרשוווּנדן איז דער טאנק צווישן די געדריי־וועגן פון גולן און זיינע פּראָנט־גורלות, צוזאמען מיט זוהרן, דעם טאנקיסט. אָבער זיינע אויגן זענען געבליבן פון הינטן. זי זעט זיי אומעטום. פרימאָרגן, ביים באגיסן די בלומען אין איר גאָרטנדל, און אין דער פּאָסט, בעתן סאָרטירן די בערג מיט בריוו, און בעתן עסן. די ארבעט און דאָס עסן באקומען איר נישט. פון צווישן די סאָרטירטע בריוו קוקן ארויס זיינע גליאיקע און קלאָרע אויגן, אזוי קלאָר ווי דער נאָמען זיינער, און פון עסנווארג שטעקן ארויס זיינע הענט, הענט קרעפטיקע, ארומנעמענדיקע, הונגעריקע. האָט זי געטון תפילה בעת דער ארבעט און קוקנדיק אויפן עסן, און געבעטן מיט גרויס כוונה, אז דער וואָס שיצט דאָס פאָלק און זיין ל'אנד, און די חיילים, זאָל אויך שיצן אים, זוהרן, דעם טאנקיסט, מיט די לויטערגליאיקע אויגן און די הענט, וואָס שטרעקן זיך צו איר, לעכצן נאָך איר, און פולן אויס אירע שלאָפלאָזע נעכט.

וואָכן שפּעטער, האָט זי אים אפגעפונען. ער האָט געבעטן א פארוואונדעטן חייל, וואָס האָט פריער פארלאָזן

דעם שפּיטאָל, ער זאָל זי אָפּגעפינען דורך דער "וויצא"־אָפּטיילונג פון טבריה. זיינע אויגן זענען געווען פאַרלאָשן, אָבער פאַר איר האָבן זיי געהאט דעם זעלבן גלי און געלעכטער, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט צו איר אַראָפּגעקוקט פון טאַנק־טורעמל.

"דאָס ביסט דו, יפה, די שענסטע צווישן די שיינע", האָט ער געפרעגט שטיל, אויסשטרעקנדיק צו איר זיינע קרעפּטיקע הענט, זוכנדיק זי נעבן בעט.

"יאָ, דאָס בין איך, זוהר, יאָ".

ער האָט זי ארומגענומען. זי האָט געקושט די לעכער, ווו עס האָבן ערשט נישט לאַנג געגליט גלאַנציקע, ליכטיקע און קלאָרע אויגן, אַזוי ליכטיק און קלאָר ווי זיין נאָמען.

צוויי גלעזער מילך

ער איז געבוירן געוואָרן צומארגנס יום־כיפור. דעם זעלבן טאָג, צוואנציק יאָר שפּעטער, איז ער שווער פארוווּנדעט געוואָרן.

ווען ער איז געקומען צו זיך, נאָך דער אָפּעראַציע, האָט די פלעגערין אים דערלאנגט א גלאָז מילך. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אָפענע און צעחידושטע אויגן, און אפּגעשטופּט איר אויסגעצויגענע האַנט.

"דער דאָקטער הייסט", האָט זי געזאָגט. "איר דאַרפט איצטער כוחות. מילך גיט כוח".

זי האָט געהאט א זיסע שטים, א מילדע, און א סך אויטאָריטעט אין איר טאָן. אזוי האָט זיכער גערעדט אויך דער רב צו דער מאמען, יענעם ערב יום־כיפור. זי איז געגאנגען מיט א שאלה — דאָס הארץ איז ביי איר זייער שוואך, און דער בויך גרייכט איר ביזן האלדז אריין, קוים זי אטעמט. ווער ווייס צי זי וועט קאָנען אויספאסטן. עס גייט דאך אינעם קינד, דעם ערשטן... האָט דער רב איר מתיר געווען צוויי גלעזער מילך. פיקוח נפש. דאָ גייט דאָך נישט אין איין נפש, נאָר צוויי." טרינקט־זשע א גלאָז פאר זיך און א גלאָז פארן קינד. מילך גיט כוח".

האָט די מאמע אוועקגעשטעלט צוויי גלעזער מילך ביי א שכנה, אויף יענער זייט שולהויף, און ווינאָר דאָס הארץ איז איר אוועקגעפאלן, האָט זי זיך צוגעשלעפּט שווער צו דער שכנה, און געגעבן א זופּ. פארן קינד געגעבן א זופּ. זיין לעבן טאָר זי נישט איינשטעלן. דאָס צווייטע גלאָז האָט זי נישט גערירט. אין דעם זכות וועט זי האָבן א בכור, און וואקסן

וועט ער בתוך נחת, און קיין בייז אויג וועט אים נישט שאַדן, און גרויס וועט זיין דאָס מזל זיינס...

ער ווייס נישט געגוי פּאַרוואָס, נאָר יעדעס מאָל, ווען ער איז געווען אין דער לופט אין זיין באָמבאַרדירער, האָט ער געזען פאַר די אויגן די צוויי גלעזער מילך, און געזען די ציטערדיקע ליפּן פון דער מאַמען, וואָס גיבן א זיפּ, נאָך א זיפּ, פאַר אים, אַז דעם קינד זאָל קיין בייז אויג נישט שאַדן, און גרויס זאָל זיין דאָס מזל זיינס... וואָס גרעסער עס איז געווען די סכנה, בעת א פלי־מיסיע, אַלץ מער האָט ער געטראַכט וועגן דער מאַמעס גלעזער מילך. ער האָט געזען די אומדרייסטע ליפּן אירע, וואָס ציטערן, באַלאַדן מיט א שולדגעפיל, ביים צורירן זיך צום ברעג פון גלאָז אין יום־כיפור, און ער האָט געהערט ווי זיי מורמלען: "פאַר אים, פאַר אים, פאַרן קינדסוועגן". און א נדר האָט זי זיך געגעבן, אַז דאָס צווייטע גלאָז וועט זי נישט אָנרירן, אפילו ווען דאָס האַרץ זאָל הענגען אויף א האָר... זי האָט געוואָלט מיט דער פולקייט פון צווייטן גלאָז מכפר זיין איר זינד פון טרינקען פון ערשטן...

און בעתן פאַרמעסטן זיך מיט דער גאַנצער עסקאַדרע פון שונאס פליערס, האָט ער געזען נאָר דאָס צווייטע גלאָז, דעם זכות פון צווייטן גלאָז, דעם פולן. פּלוצים, האָט ער געפילט אַז דער גאַנצער הימל פאַרוואַנדלט זיך אין איין גרויס גלאָז, א גלאָז וואָס ברעכט זיך, וואָס צעקלינגט זיך מיט טויזנטער שערבלעך, און ער נעמט זיך טינקען, צוזאַמען מיט זיין פאַלשירם, אין א ים מיט מילך...

שפּעטער איז געקומען די מאַמע, און געשטופּט אים א לעפעלע מילך אין מויל: "טרינק, דודל, טרינק. מילך גיט

כוח״. ער האָט געהאלטן די ליפּן פארשלאָסן און נישט דורכגעלאָזן קיין טראָפּן.

״טרינק״, האָט די מאמע זיך געבעטן, און אירע ליפּן האָבן געציטערט. ״טרינק, טו עס פאר מיר, טו עס פאר מיר, איך בעט דיך״.

ער האָט אויפגעהויבן אויף איר א פּאָר ברייט־צעעפנטע אויגן. א דיסקרעטער גלאנץ האָט זיי צעפינקלט, און א ליכ־טיקער שמייכל האָט פארטריבן דעם אומעט פון זיינע באקן. ״דאָס איז דאָס צווייטע גלאָז דיינס, מאמע?״, האָט ער געפרעגט.

זי האָט אראָפּגעלאָזט איר קאָפּ, אָנשטויסנדיק זיך אויף זיין אָנצוהערעניש, און געגלעט די האָר זיינע אין פאר־לעגנהייט.

״א גלאָז פאר א גלאָז, מאמע״, האָט ער געזאָגט און צוגעשטעלט גיריק זיינע ליפּן צום לעפעלע, געגעבן א זופּ.

דער עקזאמען

זיי האָבן חושד געווען, אז מען באהאלט אויס פון זיי דעם אמת. זיי האָבן געפילט, אז הינטער די ווייסע באנדאזשן צוערשט, און דעם שווארצן אויגן־באנד דערנאָך — באהאלט זיך דער סוד, וואָס — אויב ער וועט אנטפלעקט ווערן, וועלן זיי נישט אויסהאלטן... דערצוויגן אן איינציקן זון, צו שפיגלען זיך אין אים, וואָס ביי זיינע 25 יאָר דער־גאנגען ביזן לעצטן קורס פון עלעקטראָניק־אינזשעניר, און אן אָפיצירישע טאנק־שולע געענדיקט, און דאָ פלוצים אויס, אויס־ס־ס!

די דאָקטוירים האָבן נישט אויסבאהאלטן, אז די אויגן זענען באשעדיקט געוואָרן, אָבער עס זענען פאראן גוטע אויסזיכטן זיי צו ראטעווען, ווייניקסטנס איין אויג.

„זאָל זיין איין אויג. משה דיין האָט אויך נישט מער ווי איין אויג".

„היינט מאכט מען גוטע אויגן־פראָטעזעס, אז מען דער־קענט נישט א קינסטלער אויג פון א ריכטיקן".

האָבן זיך געטרייסט טאטע־מאמע, און געטריבן פון זיך א סך שרעקלעכערע געדאנקן, וואָס האָבן געראַבט זייער רו, זייער שלאָף, זייערע יאָרן.

א פרימאָרגן, האָט געוואַרט אויף זיי דער הויפט־דאָקטער פון דער אויגן־אָפטיילונג: „מיר האָבן אלץ געטון, לײדער..."

דער זון איז געלעגן אָן באנדאזשן, אָן אויגן־באנד, און איבער די אויגן־לעכער — א פּאָר פינצטערע ברילן. אויפן ווייסן ליילעך — אן אָפּן בוך, און די הענט איבער די דיקע זייטן זיינע, ווי איבער פיאנאָ־קלאַווישן. „זייט רואיק, מיינע

ליבע, איך לערן זיך דעם ברייל־כתב, איך קען שוין לייענען. איך האָב נישט פארלוירן קיין איין טאָג זייט דעם אומגליק בעת די גולן־קאמפן״.

עס איז געוואָרן שטיל, מיט דער שטילקייט פון אויפ־געהאלטענעם אָטעם ביים דערווארטן דעם סוף־פסוק פון א טויט־אורטייל.

״עס איז געווען דאָ מיין פּראָפעסאָר פון טכניון״, האָט זיך ווידער דערהערט זיין פעסטער און זיכערער קול. ״ער האָט געזאָגט, אז מ׳וועט צוגרייטן דעם לעצטן קורס צום דיפּלאָם־עקזאמען אין ברייל. וועל איך זיך לערנען, און זיכער אויסהאלטן דעם עקזאמען, מיינע ליבע, ווי תמיד, ווי תמיד״.

דער נומער

ער האָט נישט נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון אַלע פאַרוווּנדע־טע, און ביים פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל נישט געגאַנגען דאַנקען דעם כירורג פאַר האָבן אים געראַטעוועט דורך אַ געלונגע־נער אָפּעראַציע. ווען די הויפּט־אויפזעערין פון דער אָפּטיי־לונג האָט אים געמאַכט אַ באַמערקונג אין דעם זין, האָט ער געזאָגט: „גברתי, דער דאַנק קומט נישט אים...״

„איך פאַרשטיי״, האָט זי געזאָגט, פאַרגלאָצנדיק די אויגן צום הימל.

„ניין, איר פאַרשטייט נישט״

„אָבער, דאָך...״

„דאָס איז אַ דאַנק דעם נומער״

„18342, 42318...״

ער האָט אויפגעהויבן אויף איר אַ פּאָר גרויסע אויגן, פול מיט שטוינען און נייגער. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פונוואַנען עס קומען צו איר די דאָזיקע ציפערן, ווי קומען זיי צו איר אין זייער ריכטיקער ריי; ער האָט זיי דאָך קיינעם נישט אָנפאַרטרויט.

„18342, 42318״, האָט זי איבערחזרט מיט אַן איראָ־נישן שמייכל אויף אירע ליפּן.

„אָבער ווי קומען די דאָזיקע ציפערן צו אייך, וויאַזוי?!״

„נישט נאָר איך, אַלע אינעם זאַל, די פלעגערינס, די פאַרוווּנדעטע, די אָפּערירטע, און אַפילו די באַזוכערס, קע־נען זיי אויסנווייניק. איר האָט זיי אַזויפיל מאָל איבערחזרט, אַפילו ווען איר זייט געווען אין אָנמאַכט, באַלד ווען מ'האָט אייך געבראַכט פון פראָנט, ביז דער אָפּעראַציע, און אויך דערנאָך... איר האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן און ציילן די ציפערן אַהין און אַהער. און אויך שפּעטער, ווען

דער צושטאַנד האָט זיך געבעסערט, פלעגט מען הערן די ציפערן ביינאַכט, פון שלאָף..."

ער האָט געקוקט אויף איר מיט חידוש, מיט אן אָפן מויל, און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

"מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער נומער פון אייער מיליטערישן אידענטיטעטס-בלעכל, און צוליב דעם שאָק-צושטאַנד איז טיילמאָל דער סדר פון די ציפערן איבערגעשטעלט"

"אמת, דער צווייטער נומער איז מיינער, פון מיין דיס-קית. אָבער דער ערשטער נישט. דער ערשטער איז מיין מאַמעס... אוישוויץ-נומער".

די אויפזעערין האָט פאַרלוירן איר איראָנישן שמייכל, און געקוקט אויף אים מיט באַדויער און צער אין די אומ-צאָליקע קנייטשן פון איר פנים.

"איך האָב דעם נומער איינגעזאַפט מיט דער מאַמעס מילך. שוין דעמאָלט, ווען זי האָט מיר צום ערשטן מאָל דערלאַנגט איר ברוסט, האָב איך זיך פאַרקוקט אינעם נומער אויף איר אָרעם. שפּעטער האָב איך זיך געשפּילט פירנדיק מיט מיינע קינדישע פינגער איבער די קאָנטורן פון די טאַטואירטע ציפערן. און, ווען כ'האָב געקאָנט פרעגן, האָט די מאַמע געזאָגט, אַז ווען כ'וועל ווערן עלטער, וועט זי עס מיר אויפקלערן. דערווייל האָט זי געזאָגט איין וואָרט: אוישוויץ. ווען כ'בין געוואָרן עלטער, האָט זי געזאָגט, אַז דאָס האָט די צאָל 18, וואָס הייבט אָן איר נומער אויפן אָרעם, זי געראַטעוועט... ווינאַר מען האָט אין לאַגער איינגעקריצט אין איר הויט דעם נומער, און געזען האָט זי, אַז ער הייבט זיך אָן מיט 18, וואָס מיינט חי, צום לעבן, האָט זי געגומען גלויבן, אַז זי וועט איבערלעבן. און נישט נאָר דאָס, די סומע פון די דריי לעצטע ציפערן איז אויך

18, דאָס מאכט צוזאמען — צוויי מאָל חי. דאָס האָט איר געגעבן נאָך מער גלויבן, אז זי וועט אויסהאלטן דעם לאגער־גיהנום... אין דער צייט, ווען אזויפיל האָבן זיך צוזאמענ־געבראָכן און זענען געפאלן ווי די פליגן, האָט די מאמע געפונען אין זיך גענוג כוחות אויף איבערצוהאלטן. זי האָט געגלויבט אין די ציפערן ווי אין א באשערטע זאך, ווי א הימל־זאך, און דאָס האָט זי געראטעוועט..."

ער האָט איבערגעריסן, אָפּגעזיפצט. די אויפזעערין האָט געהאט טרערן אין די אויגן און די קנייטשן אין איר פּנים האָבן זיך געגרייט מיט א ציטער זיי אויפצונעמען. ער האָט זיך צוגערוקט צו איר, און ווייטער גערעדט, שטילער און מיט א קול פון איינעם, וואָס איז זיך מתוודה:

"איך האָב יונגערהייט יאָ געגלויבט אין דער מאמעס אויספירן, נישט געגלויבט. די מאמע איז געווען פון א פרומער היים, געהאט רבנים, דיינים און חסידים אין דער משפחה... ווען כ'בין אונטערגעוואקסן, האָב איך שטארק געצווייפלט אינעם כוח פון ציפערן, קמיעות, קבלה־ספּעקו־לאציעס, און געלייגט דער מאמעס נומער אויפן חשבון פון א צופאל... ביז, ביז... ביז איך בין אראָפּ מיט א גרופּע קאָמאנדאָ־צנחנים הינטער די ליניעס פון שונא... ביים אראָפּשפּרינגען פון פלי־אפּאראט, האָבן די אראבער געשאָ־סן און נישט מער ווי צוויי פון אונז זענען אראָפּ לעבעדיק, איך דערונטער. מיר זענען געווען פארוואונדעט. מיין חבר איז געלעגן אין שווערע ווייען און געקרעכצט. איך האָב געפילט אן עלעקטרישן שטראָם לענגאויס דעם רוקן און א בלייענע שווערקייט אין ביידע פיס. אָבער דער קאָפּ איז ביי מיר געווען גאנץ און אויך דער שכל... פון דער ווייטנס זענען דערגאנגען קולות פון אראבישע זעלנער. איך האָב געזאָגט צום חבר ער זאָל שווייגן, ער זאָל אויפהערן קרעכצן, זיך

מאכן טויט. אויב נישט וועלן זיי קומען, און אונדז ביידן אומברענגען. אָבער ער איז געווען אומפּעאיק צו פאַרשטיין, און דאָס קרעכצן האָט זיך געריסן אליין פון זיין קעל... איך האָב געפילט, אז כ'בין פארלוירן צוזאמען מיט אים. אָבער, פלוצים, האָב איך פארטשעפעט מיט דער האנט אינעם דערקען־בלעכל מיינעם, וואָס איז אראָפּגעהאָנגען פון האלדז... איך דערמאָן זיך מיין נומער — פיר, צוויי, דריי, איינס, אכט... און אין דער זעלבער צייט גיט א שוועב פאר מיינע אויגן דער אָרעם פון מיין מאמען מיט איר נומער... ביי מיר איז די 18 ביים סוף, אנשטאָט צו זיין אין פאָרנט, און אויך דער סכום פון די דריי איבעריקע ציפערן, לייכט איבערגעשטעלט, איז אויך 18. צוויי מאָל חי, צוויי מאָל צום לעבן... און אָט גייען זיי, זיי דערנענטערן זיך. די קרעכצן פון חבר ציען זיי צו... אן אראבער לויפט צו אים צו, ציט ארויס א מעסער, און איך הער דאָס כאָרכ־לען פון זיין אונטערגעשניטענעם האלדז... איך מאך זיך טויט, שטייף. איך זע דאָס מעסער אין דער האנט פון אראַ־בער, פיל א קאָפּע מיט א הארטן שוך אין דיקן פלייש, אין קאָפּ. ער וויל זען צי איך לעב... איך ליג ווי א שטיין, זע גאָרנישט, פיל גאָרנישט, הער גאָרנישט, טויט... נאָר אין קאָפּ פליען ארום די ציפערן פון דער מאמעס אָרעם און פון מיין בלעכל... און די רעשט ווייסט איר דאָך זיכער", האָט ער פארענדיקט. "צומאָרגנס איז געווען א קאָנטראטאקע, עס זענען געקומען אונדזערע חיילים, און מ'האָט מיך עוואקו־אירט צום פעלד־שפּיטאָל, און פון דאָרט אהערצו".

ער איז אנטשוויגן געוואָרן. זיין הארץ האָט געקלאפּט גיך, גאָר גיך. זי האָט אים ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך. ער האָט געפילט, אז איר הארץ קלאפּט נאָך גיכער.

איר זון איז אויפן חרמון

איר זון איז אויפן חרמון. דעריבער זיצט זי שוין דאָ, אין טבריה, אזוי לאַנג. דער חרמון קוקט אריין אין איר געדוונגע־נעם צימער, אויבן, קעגנאיבער כנרת, 24 שעה אין מעת־לעת. אפילו דורכן געדיכטסטן נעפּל און דער פינצטערסטער נאכט.

איינמאָל איז ער געקומען אהערצו, אויף עטלעכע מינוטן געקומען, געגנוג אויף ארומצונעמען זי, און צו באפּ־רייען זיך פון אירע פאַרקרעמפּטע אָרעמס. און צווייטמאָל האָט ער איר אָנגעקלונגען: ״דאָס בין איך, אמא׳לע, דיין רפאל. זיי רואיק. איך היט זיך אויס. איך טראַכט טאָג און נאכט וועגן דיר״.

דער טאַטע איז נישטאָ. געפאַלן אין געטאָ־אויפשטאַנד. נאָך טויזנטער ניסים האָט זי אים געראַטעוועט און געבראַכט אהערצו, אין הייליקן לאַנד. פאַר א מענטש געמאַכט, פאַר א קצין, אויבן, אויפן חרמון.

האָט זי יעדן אקעגנגעטראָגן, צוזאַמען מיטן שלום: ״איר ווייסט, מיין זון איז אויפן חרמון. ער איז א קצין, אויבן״. און פלעגט ווייזן מיט דער האַנט ארויפצו, לאַנג האַלטן איר אויסגעשטרעקטן אָרעם אין דער ריכטונג פון העכסטן בארג פון דער געגנט. זי איז געגאַנגען א שטאָלצע, א גראָדע, מיט א שמייכל אין יעדן זאַרגרינצל פון פּנים און מורא־פּלעמל פון די אויגן, ווי צו פאַרדעקן די שרעק, וואָס לויערט הינטער יעדן חרמון־שטיינדל און שאָטן, אין יעדן אויפרייס־אָפּהילך, וואָס לאָזט איר נישט לעבן.

מ׳האָט זי גערופן דאָ: ״די מאַמע מיטן זון אויפן חרמון״.

שפּעטער: „די מאמע״, און צוגעגעבן מיט א זיפץ: „נעבעך״.

און דער חרמון קוקט תמיד אריין צו איר דורכן פענצטער.

אָפט נעמט ער אָן אנדערע פאָרמען, ער ציט זיך אויס, און זעט אויס ווי ער, רפאל.

אָפט איז ער א וואָלקן אויף צעזילבערטע פליגל, אָדער א תכלתדיק־צעשוימטע כוואליע איבערן כנרת, אָדער א ווינט־פלאטערל, וואָס פליסטערט כישופדיק־תפילהדיק: „דאָס בין איך, אמא'לע, דיין רפאל. זיי רואיק. איך היט זיך אויס. איך טראכט טאָג און נאכט וועגן דיר״.

אלמנות

אינעם זעלבן הויז האָבן זיי געוווינט. איינע — די פרוי פון א פּילאָט, און די צווייטע — פון א טאנקיסט.

דאָס גרויסע אומגליק האָט נישט פאסירט דעם זעלבן טאָג. אָבער די שרעקלעכע ידיעה האָט מען זיי געבראכט צוזאמען, מיטן זעלבן גאנג. דער זעלבער קצין און די זעלבע וויצאָ־פארשטייערין זענען געקומען צוביידן.

צוערשט זענען זיי ארויף א שטאָק העכער, צו דער פרוי פון פליער.

״ער איז געפאלן ווי א גיבור״, האָט געזאָגט דער קצין. ״איינער אליין קעגן אן עסקאדרע א גאנצע. ער וועט אריין אין פאנטעאָן פון די גיבורי האומה והעם״.

״ווען נישט ער, און זיינסגלייכן, וואָלטן היינט די שונאים געהערשט דאָ, ביי אונדז. איר מעגט זיין שטאָלץ מיט אזא מאן״, האָט געזאָגט די וויצאָ־פאָרשטייערין.

״און וואָס הערט זיך מיטן מאן פון דער שכנה, דעם טאנקיסט?״, האָט זי געפרעגט מיט א געוויין אין קול, מיט ווילדן נייגער אין די אויגן.

״ליידער״, האָבן זיי געענטפערט צוזאמען מיט א הספד־קול, און זיך ארויסגעשלייכט פון צימער.

״ער איז געפאלן ווי א גיבור. איינער אליין קעגן צען פיינטלעכע טאנקען. ער וועט אריין אין פאנטעאָן פון די גיבורי האומה והעם״.

״ווען נישט ער, און זיינסגלייכן, וואָלטן היינט די שונאים געהערשט דאָ, ביי אונדז. איר מעגט זיין שטאָלץ מיט אזא מאן״.

„און וואָס הערט זיך מיטן מאַן פון דער שכנה, דעם פּילאָט ?”.

„ליידער”.

די אלמנה פון פליער האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך אירע העלע קליידער, אַרויסגעזוכט פון דער גאַרדעראָבע־שאַנק טונקעלע זאַכן, געשטעלט זיך פאַרן שפּיגל, פאַרבונדן א שוואַרצן טוך אַרום איר קאָפּ, און געקוקט ווי זי פאַרוואַנדלט זיך פון א פרוי פון א לעבעדיקן פּילאָט אין אן אלמנה פון א גיבור, א געפאַלענעם העלד.

דאָס זעלבע האָט געטון און געטראַכט די צווייטע.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך געעפנט ביי איינער און ביי דער צווייטער די טיר. זיי האָבן זיך געטראָפן אויף די טרעפּ, האַלבוועגס. זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס מיט געוויין.

דניאל

(געווידמעט דעם הייליקן אנדענק פון דני ברקוביץ, ז״ל)

דעם טאָג ווען עס האָט זיך באַשטעטיקט די שרעקלעכע ידיעה, האָט אורה באַקומען ווייען, פאַר דער צייט, און עמיקם האָט זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. זיי האָבן ספּאָנטאַן באַשלאָסן, ביידע, אנצורופן דאָס קינד נאָכן געפאלענעם דניאל.

פאר זיי איז ער נישט געווען קיין העלד, קיין סרן, קיין מפקד פון א טאנק־אָפּטיילונג, נאָר פשוט — דניאל, אָדער דני. ער איז געווען אן אינטימער פריינט, הגם זיי זענען געווען עלטער פון אים, מיט א צען יאָר. זיי זענען געווען לערער, זי — פון עברית, און ער — פון יידישע געשיכטע און תנ״ך. זיי האָבן אים געהאט אָנגעבאָטן צו קומען אין די אָוונטן אויף קאָנווערסאציע, כדי צו שלייפן זיין עברית און צו באפרייען זיך פון זיין סלאווישן אקצענט, וואָס ער האָט געבראכט מיט זיך, אלס קינד. זייט דעמאָלט האָט זיך געצויגן זייער פריינטשאפט. ער פלעגט קומען אין די פרייע אָוונטן, מיט א בוך אין האנט, און פירן דיסקוסיעס וועגן שפּינאָזע, קאפקא, סארטר, מארקוזע. ביי זיי אין שטוב איז געפייערט געוואָרן דער סיום פון האָבן אויסגעלייענט אלע ביכער פון דער קיבוץ־ביבליאָטעק, ביי זיינע זעכצן יאָר. און צו זיי איז ער געקומען וויינען, ווען ער האָט געליטן דעם ערשטן דורכפאל אין לעבן, ווען די מעדיצינישע קאָמיסיע האָט אים געפסלט צום קורס פון קאמפּס־פּילאָטן, צוליב עפּעס א לייכטן פּגם אין זיין ראיה. שפּעטער, ווען ער האָט באַקומען זיין גרויסע אויסצייכענונג בעת א שטראָף־עקספּעדיציע פון צה״ל אין לבנון, איז ער געקומען צו זיי, כדי אויסצומיידן

די שבחים מצד די געסט, וואָס האָבן זיך געזאַמלט ביי די עלטערן אין שטוב, צו פייערן זיין העלדישקייט. דאָס זעלבע, ווען ער האָט באַקומען זיין הויכן ראַנג אַלס טאַנק־קאָמענדאַנט.

בעת זיין לעצטן ראש־השנה אורלאָפּ, האָבן זיי זיך מיט אים באַראַטן וועגן אַ נאָמען פאַרן קינד, וואָס זי דאַרף בקרוב אויסטראָגן. "רופט אים מיטן נאָמען רפאל", האָט ער געזאָגט. "די געזעלשאַפט איז קראַנק, קאָנסערוואַטיוו־פאַרדאָרבן. זי דאַרף געהיילט ווערן. זאָל גאָט שיקן מיטן קינד די ריכטיקע רפואה".

ווען אורה איז צוריקגעקומען פון קליניק מיטן קינד אויף די אָרעמס, האָט זי געזאָגט צו עמיקם, וואָס האָט גראַד זיך אומגעקערט פון דער שולע: "ווייסט, כ'האָב געהאַט אַ חלום... געזען דני'ן, אַ צעשמייכלטן, אַ צופרידענעם, פול מיט דאַנקבאַרקייט און לייטזעליקייט".

ער האָט זי אַרומגענומען פעסט, צוזאַמען מיטן קינד: "עס איז גוט אַזוי. דאָס האָט גאָט אַנדערש געמשפּט, דן געווען אַנדערש... פאַראַן אָבער אויך גאָט אינעם נאָמען, גראָד אַזוי ווי אין דעם נאָמען, וואָס ער האָט פאַרגעשלאָגן... און המשך איז פאַראַן. דניאל איז געפאַלן, זאָל לעבן דניאל!"

זיי האָבן געלייגט דאָס קינד אינעם צוגעגרייטן בעטל, זיך איבערגעבויגן איבער אים, און טרערן זענען גערונען פון זייערע אויגן.

די בריוו זענען צוריקגעקומען

די בריוו זענען צוריקגעקומען. אבינועם — נישט.

ווען די טרייסטערס זענען מיד געוואָרן פון איבערחזרן און זי פון אויסהערן די זעלבע טרייסט־ווערטער, האָט זי געזען, אז זי איז אליין, אליין מיטן בינטל בריוו, וואָס די מיליטערישע פּאָסט האָט איר צוריקגעשיקט.

ווען ער איז אוועק, איז זי געווען אין די הויכע חדשים. זי האָט אים געשריבן יעדן טאָג. ער האָט איר געענטפערט יעדן טאָג. אינעם לעצטן בריוו האָט ער געשריבן, אז ער האָט א פּאַרגעפיל, אז עס וועט זיין א יינגל. אינעם טאָג פון געבורט, האָט זי עס אים באשטעטיקט אין א טעלעגראַם. און אין א בריוו האָט זי געשריבן, אז ער האָט די זעלבע רויטלעכע האָר, דאָס זעלבע שפּיציקע נעזעלע, לעבעדיקע אויגן און גליאיקע שווארצאפּלען ווי ער, אבינועם.

מיט ציטערדיקע פינגער האָט זי אויפגעעפנט דאָס בינטל בריוו, און מיט ווילדע אויגן געמומען לויפן איבער די דאטעס זייערע. ביז צו דער טרויעריקער ידיעה האָט זי געשריבן זיבן בריוו. איינער איז נישט צוריקגעקומען. וועלכער? זי האָט אזוי געוואָלט, אז דער בריוו, אין וועלכן זי האָט באשריבן דאָס קינד, זאָל פעלן, א באוויז — אז ער האָט געהאט די פריידיקע ידיעה נאָך איידער ער האָט אויסגעהויכט די נשמה. זי האָט דורכגעקוקט די בריוו, די דאטעס, די ערשטע שורות, איינמאָל, נאָכאמאָל, און ווידעראמאָל. און יעדעס מאָל האָט הייסער גענומען רינען דאָס בלוט אין קאָפּ אריין און וואקסנדיקער איז געוואָרן די האָפענונג, אז יאָ, ער האָט דעם דאָזיקן בריוו יאָ באקומען. ער ווייס, אז עס איז אים געבוירן געוואָרן א יינגל, אזוי ווי ער האָט געוואלט, ווי ער האָט פּאַראויסגעפילט... א נאָמען נאָך אים, אזוי ווי

ביז אבינועמס פאלן, איז געווען א נאָמען נאָך זיין פאָטער, דעם קדוש פון דער עצמאות־מלחמה...

זי איז ארויס פון שטוב און געלאָזט זיך לויפן דורכן פעלד, דורכהאקנדיק דעם גרויסן שפּילפּלאַץ נעבן קיבוצישן קינדער־היים. דאָס קינד האָט ארויסגעקוקט צו איר פון בעטל מיט אָפענע אויגן, געוואַרט אויף איר. זי האָט אים גענומען, געדריקט פעסט צו איר ברוסט. זי האָט דערפילט, אז די מילך, וואָס איז אויסגעטרוקנט געוואָרן, פולט ווידער אויס אירע בריסט, און אז שטראָמען פון לייטזעליקייט צעגייען זיך איבער אלע אירע אברים.

ווינדלען

די שכנים האָבן שוין געוווּסט, אָבער פון איר האָט מען אויסבאהאלטן די שרעקלעכע ידיעה. דער משפחה־דאָקטער האָט געזאָגט, אז מ׳דאַרף ווארטן נאָך עטלעכע וואָכן, ביז אריבערן זיבעטן חודש. דעמאָלט וועט די סכנה פון מפּלען זיין א קליינע.

ווען עס איז אדורך די ערשטע וואָך אָן בריוו, האָט זי פּלוצים גענומען בלוטיקן, און די שכנות האָבן געמוזט ארויסרופן א דאָקטער. צומאָרגנס איז ער ווידער געקומען, באגלייט מיט אן אקושער. צוויי וואָכן שפּעטער, האָט מען זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. זי איז געלעגן דריי טעג, און מ׳האָט זי אהיימגעשיקט. נאָך צו פרי. ווען זי האָט באקומען שווערע קראמפּן, און ס׳האָט זיך געדאכט, אז זי פארלירט ס׳וואסער, האָט מען זי צוריקגעפירט אין שפּיטאָל.

די שכנים האָבן נישט געוווּסט, צי זאָל מען גיין באזוכן צי נישט. זיי האָבן נישט געוווּסט, צי וועט מען אָפּנעמען ביי איר דאָס קינד, אָדער אונטערוואַרטן ביז עס וועט ווערן עלטער. און בכלל, צי וועט מען איר זאָגן דעם אמת, צי נישט. און צי וועט זי זיך סוף־סוף נישט משער זיין ? זי איז דאָך נישט קיין נארישע פרוי.

״אין אזעלכע באדינגונגען, איז בעסער ווען מען איז א קאָמפּלעטער אידיאָט״.

״אזא לאגע נעמט אָפּ דעם שכל״.

״דער שכל זאָגט, אז בעסער אונטערוואַרטן מיטן באזוך״.

האָבן זיך געסודעט די שכנות, צוזאמענגעלייגט זיך אויף בלומען, און געשיקט אין שפּיטאָל אריין, און אין געהיים גע־

שטריקט פארן קינד, געקויפט בלאָע וואָל; עס וועט דאָך זיבער זיין א יינגל, א נאָמען נאָכן אבא, דעם קצין...

א שיינעם פרימאָרגן, עטלעכע טעג שפּעטער, האָבן זיי זי באמערקט אנגעטון אין שווארצן, ווי זי שטייט אויפן באלקאָן און הענגט פונאנדער ווינדלען. א שטארקער ווינט האָט געריסן די אריבערגעהאָנגענע ווינדלען פונעם שטריק, און גערעשט ווי הענט וואָס שלאָגן פלאַך אין פלאַך.

א מאמעס האַרץ

אינעם לעצטן קאַרטל האָט ער געשריבן, אַז ער רעכנט אײנגיכן צו באַקומען עטלעכע פרײַע טעג. מ׳זאָגט, אַז זײַן אָפּטײלונג װעט װערן אַריבערגעװאָרפן פון צפון — אױפן דרום־פראָנט. צװישן פראָנט און פראָנט װעלן די חיילים באַקומען עטלעכע טעג אורלאָפּ.

האָט די מוטער דאָס קאַרטל געלײענט אײן מאָל, נאָך א מאָל, און א סך מאָל. טרערן פון פרײד האָבן געװאַרעמט אירע באַקן און גיכער געמאַכט קלאַפּן איר האַרץ. זי האָט נישט געקאָנט אײנהאַלטן נישט די טרערן און נישט דאָס האַרץ.

האָט זי געענטפערט: ״מיר װאַרטן אומגעדולדיק און קוקן דיך אױס יעדע רגע, יעדע רגע פון טאָג און פון נאַכט״.

און צומאָרגנס האָט זי געשיקט נאָך א קאַרטל: ״מיר װאַרטן אומגעדולדיק און קוקן דיך אױס יעדע רגע, יעדע רגע פון טאָג און פון נאַכט״.

אַזױ יעדן טאָג.

װען אירע אױגן זענען געװאָרן טרוקן, און אַנשטאָט טרערן איז פון זײַ גערונען שרעק, האָט דער פאָטער געזאָגט: ״מסתמא באַקומט ער נישט אונדזערע קאַרטלעך, דעריבער שרײַבט ער נישט״.

װען זי האָט זיך אָפּגעזאָגט עסן און נישט געװאָלט מער אַרױס פון בעט, האָט ער געזאָגט: ״זעט זיך אױס, אַז ער באַקומט נישט אונדזערע קאַרטלעך, פּונקט װי מיר באַקומען נישט פון אים. אונטערװעגס, צװישן אײן פראָנט און צװײטן, אַרבעט שלעכט די פּאָסט״.

ווען ער האָט זיך דערוווּסט דעם אמת, האָט ער גאָרנישט געזאָגט. טרערן זענען גערונען איבער די פלאַמען פון זיינע באקן און געמאכט גיכער קלאַפּן דאָס הארץ. און ווען זיינע אויגן זענען געוואָרן טרוקן, און אנשטאָט טרערן איז פון זיי גערונען טרויער, האָט זי געזאָגט: ״אונטערוועגס, צווישן פראַנט און פראַנט, ארבעט שלעכט די פּאָסט״.

האָט ער אויסגעטוּן די שיך, איינגעשניטן די לאַץ פון רעקל, און זיך אוועקגעזעצט אויף א פוס־בענקעלע. זי האָט זיך געשטארקט, ארויס פון בעט, און זיך צוגעזעצט.

פאַרמאַכט ביז נאָכן נצחון

יואל האָט געוווסט, אַז עס איז אַ פּראַגע פון שעהן. זיינע חברים און שכנים האָט מען שוין געראַפט, און אָט קומט באַלד זיין ריי. האָט ער זיך גענומען גרייטן, רוימען זיין געשעפט, מיט דער געניטקייט פון אַן אַלטן בחור, און באַפעסטיקן די טירן און דעם לאָדן פון דרויסן. ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ פּענדזל, אַ העל־גרינע אייל־פאַרב, וואָס זאָל זיך אָפּשלאָגן שרייאיק אויפן אָפּגעבלאַקעוועטן ברוין פון געפּאַלדעוועטן בלעך פונעם סטאָר־לאָדן. ער האָט געלייגט דיקע שיכטן פאַרב, אַז די אותיות זאָלן אַרויס בולט, זאָלן צוציען די אויגן און אָנזאָגן: סגור עד לאחר הנצחון, פאַרמאַכט ביז נאָכן נצחון!

די פאַרב איז נאָך געווען פריש און ערטערווייז נאַס — ווייל גראָד איז די לופט געווען פייכט און אַ נעפּל איז געשטאַנען איבער דער גאַס — ווען מ׳איז געקומען אים נעמען.

האָט די פייכטע פאַרב צוגעצויגן אַ קאַץ, פונעם שכן. ווייל די אייל־פאַרב האָט געשמעקט מיט מויזפעל, און די געל־גרינקייט האָט דערמאָנט די קרוג, אין וועלכער די באַלעבאָסטע האָלט מילך. האָט זי גענומען דראַפּען זיך אויף די פאַלדן פון בלעך־סטאָר ווי אויף טרעפּ, און געשטעלט די פּאָדערפיס אויף די אותיות. זי איז געבליבן שטיין און געפילט ווי די פיס בלייבן שטעקן, ווי אין אַ קלעפּיקער בלאָטע. האָט זי גענומען זיך דרייען, אַרויסהעלפן מיט די הינטערשטע פיס, מיטן קאָפּ און ציינער, און אָפּגעקלאַפּט זיך, פאַלנדיק אויפן רוקן מיט אַ קרעכץ. זי איז געבליבן ליגן אַ וויל און געלעקט די פאַרב, געריבן דעם קלעפּיקן שטאָף פונעם קאָפּ אינעם דערנעבנדיקן גראָז. אָבער באַלד האָבן זי ווידער

געגומען לאקן דער ריח און די פארב פון די אותיות, און זי האָט ווידער א שפרונג געטון ארויפצו, ווידער געטונקן אירע פיס אינעם נאסן פארבאייל, און געקעמפט שווער זיך צו באפרייען פון קלעם. און ווידער געלעקט די פארב, געריבן דעם קלעפיקן שטאָף אינעם גראָז. און אזוי ווי א קאַץ האָט א גרויסן יצר הרע און א שלעכטן זכרון, איז זי ווידער ארויף, ווידער אראָפּ, ביז די אותיות האָבן פארלוירן זייער לאָקנדיקן כוח.

ווען מענטשן זענען אדורכגעגאנגען און געזען די צעניזוקטע אותיות און די סימנים פון קעצישע פיס, נעגל און ציין, און ברעקלעך פון קעצישע פעלהאָר, האָבן זיי געטראכט אין זיך — א קאַץ קאָן אויך קאַליע מאכן, און נישט געוואגט צו ברענגען עס איבערן מויל.

אָבער, ווען עס זענען אדורך חדשים, און יואל איז נישט צוריקגעקומען, און מ׳האָט נישט געוווּסט, וווּ איז זיין געביין — האָבן מענטשן אויפגעהערט טראכטן אין דער שטיל, און פון מויל צו מויל איז געגאנגען דאָס ווערטל: א קאַץ קאָן אויך קאַליע מאכן. און אזוי גייט עס ביז היינט צו טאָג.

אין קוראַרט

זי פּעדערט זיך, כדי צו זיין די ערשטע אינעם קוראַרט. זי פון הינטן, דער וועג פּאַראויס, דער פּאַר־פּאַטעל אינ־דערמיט. און אינעם פּאַטעל — ער, רב סרן יורם כנרתי. ווען ער איז ארויס, נאָך דריי חדשים, פון תל־השומר, האָט דער פּראָפעסאָר פון דער כירורגישער אָפּטיילונג געזאָגט צו איר: "די מעדיצין האָט געטון אלץ פאר זיין גוף. די רעשט איז אין אייערע הענט". און צוגעגעבן נאָך א ווייל. "און בעדער, מאסאזשן, פיזיאָטעראפּיע. דערנאָך וועט מען אים צופּאסן פּראָטעזן".

שטופּט זי דעם פּאַר־פּאַטעל פּאַראויס. ברעקלעך פּרי־מאָרגן־זון קלאַפּן זיך אָפּ פון וואסער, דרייען זיך א ווייל מיט די רעדער, כאַפּן זיך ארויף אויפן שטול, און פּאָרן מיט. דער כנרת ציט אויס זיינע גלידער און באמיט זיך אָנצו־האלטן דעם ריטעם פון די רעדער און פון אירע פיס. דער טרויער פון איר פּנים וואלגערט זיך שווער צווישן די האָרבן און טאָלן פון צעווינטיקטע כוואליעס, און פארשאָטנט די זוניקע ליכט־פלעקן מיט א נעפּל פון אומעט.

צוויי פּאטראָל־חיילים גייען גיך פארביי, סאלוטירן צערעמאָניאל די אָפּיצירן־קנעפּ. יורם שטעלט צו אינסטינק־טיוו זיין האנט צום שטערן, גראָדט זיך אויס. ער דערפילט א ווייטיק אינעם אָפּעריירטן טייל פון רוקן, און א דיסקרעטער קרעכץ רייסט זיך ארויס פון זיין פארקרעמפּטן מויל. די נישטיקע רעשטלעך פון זיינע שענקלען צעציטערן זיך פּאַיאַציש, און טראָגן איבער א וויי־שטראָם ביז די אונטער־שטע זוים פון די ליידיק־אראָפּהענגנדיקע הויזן־רערן.

דער ווינט כאַפּט אויף זיין קרעכץ, פארטראָגט אים צו

די כוואַליעס און שלאָגט זיך אָפּ מיט א מאָנענדיקן עכאָ:
"די רעשט איז אין אייערע הענט, אין אייערע הענט, די רעשט, די רעשט, די רעשט!"

פירט זי אים פאַרטאָגס אין קוראָרט, צו די קוואַל־בעדער, צו די מאַסאַזשן.

די רעדער פונעם נייעם פּאָר־שטול דרייען זיך גיך, מיט א מוזיקאַלישן סקריפּ, ווי זיי וואָלטן וועלן אויסקלאַפּן דעם ריטעם פון אירע מחשבות, און אריינפלעכטן אין זיי אקאָרדן פון האָפענונג.

זי טרייבט די באַדינער אין ווייסן, וואָס ווילן באַפלעגן דעם העלד, וועמענס בילד און געשיכטע איז געווען אין אַלע צייטונגען. זי טוט אים אַליין אויס, און טראָגט אים אריין אין וואַסער, וואָס שפּרודלט אקעגן פון דער הייסער וואַננע. ער האַלט זיך קראַמפּהאַפטיק מיט ביידע הענט אין איר הויכן האַלדז און זיינע ליפּן לויפן גיריק איבער איר צע־פלאַמטן פּנים, אירע גליאיקע אויגן און ווילד־צעפלויגענע האָר. דערנאָך קלאַמערן זיך זיינע הענט אינעם ראַנד פון דער וואַננע. דאָס וואַסער שטופּט ארויס זיין לייכטן גוף, און ער מאַכט זיך שווער, שטרענגט אָן די אָרעם־מוסקלען, און גרויסע שווייס־טראָפּנס מישן זיך מיט די גאַז־בלעזלער, וואָס רייסן זיך צום אויבערפלאַך. זי העלפט אים צו. זי נעמט זיין קאָפּ אין ביידע הענט, דריקט אים אראָפּצו, מאַכט אים שווערער, ביז דער געזעס און די היפּט־רעשטלעך גרייכן ביזן באָדעם. זי פילט ווי דאָס בלוט שטראָמט וואָסאַמאָל גיכער אין זיין קאָפּ און באַקן, און פלאַמען נעמען ארום זיין גאַנצן גוף, דאָס וואָס איז געבליבן פון זיין גאַנצן גוף. זיינע איינגעדאַרטע מוסקלען פון לאַנגען ליגן אין שפּיטאָל האָבן פאַרלוירן זייער שלאַבריקייט און גערונצלטקייט, די אראָפּ־

הענגנדיקע שטומפן האָבן זיך אָנגעבלאָזן ווי באלעמס, און זיין לייב איז געוואָרן פול מיט לעבן, מיט צאפלדיקן ציטער. אויך זיין געשלעכץ איז געוואָרן לעבעדיק, דאָס ערשטע מאָל לעבעדיק, זייט זי האָט אים געבראכט פון שפיטאָל.

"זעסט, מלכה", זאָגט ער. "זעסט, עס וועט נאָך זיין גוט, עס וועט נאָך זיין גוט, מלכה. זאָל נאָר מיין רוקן זיך פארהיילן, וועסט זען, מלכהלע".

"יאָ, יורם", זאָגט זי מיט פלאמען אין די באקן און א גלי אין די אויגן. "יאָ, יורם, חביבי, איך זע, איך זע".

דערנאָך טראָגט זי אים אריין אין מאסאזש-צימער. לייגט אים אוועק אויפן טיש. ניסים, וואָס זיין נאָמען איז ווי פון פאָראויס באשטימט געוואָרן פאר זיין פאך, פירט זיינע ניסימדיקע הענט איבערן לייב פון יורם, און זיינע פינגער טאפן אויס יעדן מינדסטן טיילעכל פון זיין גוף, ביז די פאר־באָרגנסטע ערטער זיינע. און מיט יעדן פיר מיט דער האנט און יעדן פלירט פון די פינגער־שפיצן מיט זיין הויט, נעמען זיך שפאנען די מוסקלען, ווערן פולער, ווערן אָנגעלאָפן, ווערן לעבעדיק, ווי אמאָל, ווי אמאָל, ווען אלע פרויען פלעגן זיך אומקוקן נאָך אים, באוווּנדערן זיין געשטאלטקייט, זיין שיינקייט, זיין מענערישקייט, אמאָל איידער מ'האָט אים אראָפגעשאָסן צוזאמען מיט זיין "פאנטאָם" . . .

זי זיצט דערנעבן אויף א שטול, קוקט ווי עס ארבעטן ניסימס פינגער און ווי ביי יעדער באוועגונג צעשפרייט זיך זיין אטלעטישער ברוסטקאסטן און ווי גרויסע שווייס־טראָפנס פערלען צווישן די געקרייזלטע האָר פון זיין אנטבלויזן פאָרנט. און זי טראכט. "אזוי איז יורם אויך געווען, מער ווייניקער, ווען זי האָט אים באקענט, אביסל שמאָלער אין

דער ברוסט, וואָס אַן אמת, אָבער אויך די פֿאַרקערפּערונג פֿון קראַפֿט, פֿון מענערישקייט".

"זייט רואיק, גברתי", הערט זי ווי ניסים װענדט זײַן קאָפּ צו איר. "זייט רואיק, עס וועט זײַן בסדר, גברת. איר זעט ווי אַלץ לעבט אויף ביים אים, וועקט זיך צום לעבן, פֿולט זיך אָן מיט לעבעדיקייט, מיט מענלעכקייט, קוקט... עס איז אַ גוטער סימן, גברת. איר וועט זען, אַז איר וועט נאָך מאַכן אַ ברית, גברת, ברענגען אַ נייעם דור העלדן, איך גאַראַנטיר אײַך, גברת"...

ער רעדט און אַ לײַטזעליקייט צעגייט זיך איבער אַלע אירע אינגעווייַדן, ווי נישט נאָר וואָלט גערינען כּישוף פֿון זײַנע פֿינגער, נאָר אויך פֿון זײַנע ליפּן. זי פֿאַרוואַרפֿט איר קאָפּ איבערן אויבערשטן ראַנד פֿון שטול-אָנלען, און פֿילט ווי דאָס בלוט שלאָגט איר אין קאָפּ אַרײַן מיט אַ רויש, ווי נאָך אַ שאַרפֿן געטראַנק, און מיט אַ הנאה ווי בעת אַן עראָטישן יוגנט-חלום. יורם ליגט איצט מיטן רוקן אַרויף און מורמלט שטיל אַרײַן אינעם ווײַסן לײַלעך, און איר דאַכט זיך, אַז ער חזרט איבער די רייד פֿונעם מאַסאַזשיסט, וועגן ברית, וועגן נייעם דור העלדן...

שפּעטער פֿאָרט זי צוריק. זי פֿון הינטן, דער וועג פֿאָראויס, יורם אינעם פֿאָר-פּאַטעל אינדערמיט, דער כּנרת — ביי דער זייט, און אין די כוואַליעס — איר פּנים, ווי אַן אויפֿגייענדיקע זון אויף אַ נאָכשטורעמדיקן אויסגעלייטערטן תּכלת.

קינדער

ענת איז אלט אכט יאָר, און יעל מיט א יאָר וויניקער. זיי שפּרינגען איבער א שטריק. איין עק איז צוגעבונדן צו א יונג ביימל ביים זוים פון וועג, און דעם צווייטן עק האלט איינע אָדער די צווייטע, אָפּהענגיק ווער פון זיי שפּרינגט. און יעדעס מאָל, ווען א פּיסל פאַרטשעפּעט דאָס שטריקל, לאָזט נאָך די האנט דעם פרייען עק, און דאָס ביימל גיט זיך אונטער, בייגט זיך אויס, כדי די שפּרינגערין זאָל נישט געשטרויכלט ווערן ביים פאלן. איינמאָל שפּרינגט ענת, און איינמאָל יעל. דערנאָך הייבט מען אביסל העכער דעם שטריקרייף ארום ביימל.

אקעגנאיבער, אויף דעם בארג מיט זאמד, וואָס וואַרט אריינגעבויט צו ווערן אינעם סקעלעט פון הויז, וואָס האָט קוים ארויסגעשפּראָצט איבערן טראָטואַר, זיצט האלבליגנדיק — יוסי, אין די יאָרן פון ענת. זיינע אויגן וואנדערן פון איין זייט שטריקל צום צווייטן, און אין זיי קנאה, כעס און שלעכטע כוונות. ער האלט אין האנט א שטיין. ער וואַרפט אים פון האנט צו האנט, און פון צייט צו צייט פאַרמעסט ער זיך צו וואַרפן. און א קוויטש רייסט זיך ארויס פון די מיידלשע קעלן.

„פאַרוואָס?", פרעגט איך דעם בחורל. „נישט שיין!"

„און אז זיי ווילן זיך נישט שפּילן מיט מיר, איז שיין?" ענטפערט ער בייז.

„פאַרוואָס, מיידעלער, טאַקע פאַרוואָס? ער איז א שלעכטער, א שלעכטער?"

„ניין, דאָס איז צוליב זיין אבא", זאָגט ענת.

„וואָס הייסט, וואָס פאַרא שייכות, קינדערלעך?״

די מיידעלעך האָבן זיך אָפּגעוואָנדן פון שטריק, און געשטעלט ארום מיר.

„מיין אבא איז א טייס, ער פליט אין א פאנטאָם. שטעלט איין דאָס לעבן. און ער איז שוין צוויי חדשים נישט געווען אינדערהיים״. זאָגט ענת הייבנדיק איר קול.

„און מיין אבא, שוין דריי חדשים. ער איז א צנחן, פאראשוטיסט״, זאָגט יעל.

„נו, וואָס האָט עס צו טאָן מיט אים?״, פרעג איך נאאיוו.

„אָבער יוסיס אבא איז נישט אין צבא, איז יעדן טאָג אינדערהיים, אין שטוב״, האָבן ביידע געענטפערט, כמעט צוזאמען.

יוסי האָט געהערט, אז מ׳רעדט וועגן זיין פאָטער, איז ער גיך אריבער דעם וועג און געבליבן שטיין נעבן מיר, מיטן שטיין אין האנט.

„מיין אבא איז קראנק״, האָט ער געזאָגט מיט ווייטיק, „הלוואי וואָלט ער געווען געזונט, און געקאָנט גיין קעמפן״.

„אָבער דו האָסט אים יעדן טאָג, און האָסט דיך מיט וועמען צו שפילן, און מיר נישט״, האָט געענטפערט ענת.

„מיין אמא זאָגט, אז ער איז גאָרנישט קראנק, נאָר ער מאכט זיך״ האָט געזאָגט טראַציק יעל.

„און מיין אמא אויך״, האָט ענת באשטעטיקט.

יוסי האָט אויפגעהויבן די הענט און געוואָלט זיך ווארפן אויף די מיידלעך מיט געבײלטע פויסטן. איך האָב אים איינגעהאלטן, צוגעדריקט צו זיך, ארויסגענומען דעם שטיין

פון זיין האנט, און שטיין געבליבן מיט אים נעבןביימל. ער האָט געציטערט פאַר רגזה. איך האָב געפילט, אַז זיינע טרערן נעצן דורך מיין העמד. מיינע אויגן זענען געפאַלן אויפן רייף פון שטריקל אַרום ביימל. אונטער און איבער דעם רייף איז די קאָרע געווען אָפּגעשיילט, און ווייסע שטיקער שטאַם זענען געווען אָפּגעדעקט, באַשעדיקט, ווי פאַרוווּנדעט. אויף איין אָרט וווּ דאָס ביימל האָט זיך אויסגעבויגן שטאַרק אונטער דער קראַפט פון די ציענדיקע הענטלעך, האָט זיך געזען אַ טיפער שניט, ווי מיט אַ מעסער.

״קומט קינדערלעך״, האָב איך געזאָגט. ״קוקט זיך איין אין ביימל. זעט וואָס דאָס שטריקל האָט אים געטון. עס האָט אים קראַנק געמאַכט, צעוווּנדיקט, און נאָך אַביסל וועט עס זיך צוזאַמענברעכן. דאָס ביימל איז נאָך יונג, עס וויל לעבן, און איר האָט אים קראַנק געמאַכט. קוקט נאָענטער, פונדערוווייטנס זעט מען נישט, קוקט זיך איין...״.

איך האָב אָפּגעטשעפּעט דאָס שטריקל פון ביימל און גענומען דעם עק אין האַנט. געהייסן נעמען יוסין דעם צווייטן עק און ציען. און צו ענדזן האָב איך געגעבן אַ באַפעל: ״שפּרינג, מיר וועלן האַלטן!״

זי האָט געהאָרכט, דורכגעשפּרונגען. דערנאָך האָב איך איבערגעגעבן דעם עק פון שטריקל ענדזן, און באַפוילן יעלן דורכצושפּרינגען. און ווען זי איז דורכגעשפּרונגען, האָט יוסי איבערגעגעבן דאָס שטריקל יעלן, און ער איז געשפּרונגען. דערנאָך האָבן זיך די ראָלן געענדערט. יעדער איז געשפּרונגען לויט דער ריי.

איך האָב זיך צוגעקוקט, צוגעקוקט. דערנאָך — ממשיך געווען מיין נאָכמיטאָג־שפּאַציר.

האַרצפעלד

צוויי פרישע קברים אין דער חיילים־אַליי, אויבן. אין דער זעלבער ריי — מצבות מיטן מגן־דוד דורכגעשטאָכן מיט א שווערד, און אַרום דער שווערד אַן איילבירט־צווייגל, וואָס וויקלט זיך שלומדיק און חלומדיק: געפאַלן למען ציון, למען חלום, למען שלום.

צווישן די צוויי בערגלער זאַמד — א הילצערן ברעטל דערוווייל, און אויף אים צוויי נעמען, און אַרום ברעטל — א קראַנץ, פון די לעבעדיקסטע כנרת־רויזן, און אַן אָנדענק־באַנד: די אויסדערוויילטע בני־הקיבוץ, וואָס זענען אַוועק, כדי די מדינה זאָל בלייבן.

און אונטן — די ראשונים, מיט מצבות, באַצירטע דורך גלאָריע פון מעשים און לעגענדעס, און — די לעצטע צווישן זיי, וואָס איז כולו הארץ...

און גאָר אונטן שפּרייט זיך דער כנרת מיט שלווה און מיט תהילה, ווי אין די לידער פון רחל.

קנאה

נאָך צוויי חדשים אויפֿן פֿראָנט, האָט ער באַקומען 24 שעה אורלאָפּ. האָט ער די ערשטע שעה אוועקגעגעבן דער מאַמען. דערפֿון איבער א האַלבע שעה אינעם באָד־צימער. אָן אָפּגעצוואָגענער און אין שבתדיקע בגדים, האָט ער א קוש געטון דער מאַמען אין שטערן, און איז אוועק מיט א צעשײַנט פּנים.

אין אָוונט זענען געקומען קרובים, שכנים און גוטע פֿרײַנט:

"ווו איז יורם?"

"ער שלאָפֿט".

זי האָט זיך געשעמט צו זאָגן דעם אמת, אז ער האָט זי תיכף נאָכן אָנקומען פֿאַרלאָזן, זײַן מאַמען די אלמנה, און איז אוועק אין קיבוץ, צו אהובהן, זײַן מיידל.

"זיך נאָכנישט אויסגעשלאָפֿן? געקומען פֿאַרטאָגס, און דאָ פֿאַלט צו די נאַכט", האָט געפֿרעגט א שכנה, וואָס האָט אים געזען אָנקומען.

"נישט קיין חידוש, געקומען אַזש פֿון חרמון, געמוזט בײַטן אפשר צען טרעמפּ־אויטאָס אונטערוועגס, און געפֿאַלן פֿון די פֿיס". און כדי אָפּצוציען די אויפֿמערקזאַמקייט, האָט זי גענומען אויפֿסנײַ דערציילן, צום וויפֿילסטן מאָל שוין, די געשיכטע פֿון זײַן ניצול ווערן: "א קלייניקייט, איינער אליין פֿון א קאָמאַנדאָ פֿון צען".

"א רחמנות, נעבעך, די ניין חיילים", האָט א קרובה א זיפֿץ געטון.

"נאָך מער רחמנות די ניין מאַמעס, נעבעך", האָט א גוטע באַקאַנטע מיטגעזיפֿצט.

"א נס איז אים בייגעשטאנען, יורמען", האָט צוגעגעבן א שטענדיקע איינגייערין.

"פונקט ווי מיר, אינעם לאגער, און נאָך א סך ווייניקער ווי איינע אויף צען", האָט די מאמע פארגלאָצט די אויגן תפילהדיק.

מיט רעש איז אריינגעפאלן אין שטוב יורמס שול־חבר, א טאנקיסט, וואָס איז באפרייט געוואָרן צוליב א ווונד אין אן אויג: "ווו איז יורם, ווו איז?"

"שטיל", האָט די מוטער צוגעשטעלט א פינגער צו די ליפּן. "שא, ער איז מיד, ער שלאָפט". און געשטעלט זיך ביי דער טיר, וואָס פירט אין דערנעבנדיקן צימער, און פונאנדערגעשפרייט די אָרעמס ווי שוץ־פליגל.

און אז די געסט זענען זיך פונאנדערגעגאנגען שפּעט ביינאכט אומגעדולדיקע, איז זי נאָך ווייטער געשטאנען ביי דער טיר מיט פונאנדערגעשפרייטע אָרעמס, און טרערן גרויסע זענען געפאלן פון די אויגן גראָד אויפן דיל אראָפּ.

רעגן איבערן כנרת

זייט דריי טעג פאלט א רעגן איבערן כנרת. די כוואליעס שפרינגען אים אקעגן און פאנגען אים אין זייער לעכצנדי־קער שויס. פון אלע אָפּהאנגען ציען זיך ריטשקעלער, פּערל־דיקע וואסער־ווירעס, באהעפטן זיך מיט צעווינטיקטע וואַ־סער־האַרבן און טאָלן, און שלינגען איין שטיקער פון אנט־בלויזטן ראנדבאנד.

א מעווע זיצט אויפן ברעג, באהאלט איר קעפּל צווישן די פליגל, אין שרעק פאר צעשטורעמטע רעגן־שמיץ. א צווייטע מעווע הוידעט זיך אומגעלומפּערט אויפן וואסער, קלאפּט מיט די נאסע פליגל, וויל זיך אָפּקלאפּן, א פלי טאָן, און קאָן נישט.

א מאָטאָר־שיפל קעמפט מיטן ווינט, נישט ווייט פון ברעג. דער פישער, מיט א גומענעם שירם־הוט איבערן קאָפּ, ראנגלט זיך מיט א נעץ, צעשפאנט צווישן פיר שטאנגען, און מיט דעם צעשוימטן וואסער־שפּיגל, וואָס לאָזט זיך נישט בייקומען. דאָס שיפל ווארפט זיך סכנהדיק, דער פישער אמפּערט זיך, און די נעץ נידערט וואָסאמאָל טיפער. דער שפעדיקער פישפאנג אויפן צעשטורעמטן כנרת איז ווערט די סכנה, איז ווערט די טרחה.

״לויתן״, די עקסקורסיע־שיף, שטייט ביים ברעג פאר־אנקערט, פארפעסטיקט מיט גראָבע קייטן צו די פּאָרט־פּלאָקנס, אז קיין שטורמווינט זאָל זי נישט באגוועלטיקן. עין־גב, זיין פיש־רעסטאָראן, און חנה אַרלאָווס קופערנע ״מאמע מיטן קינד״ קאָנען צוווארטן. צום טעאטער־פעסטיוואל פון פסח איז נאָך ווייט.

און ביז דעמאָלט, וועט פארלאָשן ווערן דער רגזה־

פלאקער פונעם שונא, און כנרת וועט ווידער זיך צעזינגען מיט אלע פאסטאָראלע טענער פון טוריסטן־לשונות.

און עס פרייט זיך דער ירדן. באלד וועט מען צעעפענען ברייט די שלוזעס, ביי צמח, די דאמבע ביים ירדן־אויספלוס, און עס וועט א פלייץ טאָן מיט קוואליק־צעשפּארנדיקער שפע.

אָנגעלאָדן שטייט די שנייאיק־שוואמיקע שויס פון חר־מון, און וואַרט אויף רעגנבויגן, וואַרט אויף גלי פון זון, און ווינקט צום כנרת מיט נייע האָפענונגען.

רעגנבויגן איבערן כנרת

און אז דער רעגן האָט אויפגעהערט, און עס איז ארויס די זון פון הינטער צעשמאָלצענע וואָלקנס, האָט זיך געשטעלט א רעגנבויגן איבערן כנרת. איז דער בויך זיינער געווען א פוסבענקל צו א צעדריוולטן וואָלקן־בער, און די צוויי פיס זיינע — דאמבעס ביים אריין־און ארויסגוס פון ירדן. און צווישן פוס און פוס האָט זיך געשפרייט דער נאָברעגנדיקער בלאָ פון כנרת, געמישט מיט אלע פארבן פון רעגנבויגן.

א פישער, געלאָקט דורך דער טבע פון פיש צו שפילן זיך מיט די כוואליעס אינעם קלעם פון קרישטאָלענע פארב־ניואנסן — האָט אָפגעשטעלט דעם מאָטאָר פון זיין שיפל. באזאכט פארווארפט ער א נעץ אויף אריינצונארן די פיש, מעלאַמאַנען אויף פאָעזיע פון קאָלירן און שפיל פון ליכט און שאָטן. און באלד — א צווייט שיפל. א דריטס. און נאָך. און נאָך.

מעוועס האלטן זיך אין דער הייך, אונטערן בייגל־האָרב פון רעגנבויגן, מיט די אויגן אינעם אָפבילד פון די פארבן אין וואסער, און קוקן די פישער אויף די הענט: ווער פון זיי וועט דער ערשטער ארויסציען די נעץ מיט די צאפלדיקע פיש, און ארום וועט טומלען זיך מיט דרויבווארג, גרייט פארן שלונג?

גייט א וועטגעיעג צווישן די פישערס און דעם רעגנבויגן. קוקן זיי מיט איין אויג אין וואסער און מיטן צווייטן צום הימל: צי צעציטערן זיך נישט אין קאָנוולסיעס די פראָפנס לענגאויס דעם אויבערשטן נעץ־שטריק, אן אָנזאָג פון א גרויסער פיש־לאָדונג, און צי נעמט נישט צעשיטערן זיך, צעשיטן זיך דער פארבן־אָנהויף פון רעגנבויגן? נאָר א

געניט פישער־אויג קען פּאַראַוויסאַנען דעם אַנהויב, דעם סוף און דאָס דויערן פון רעגנבויגן, און צופּאַסן געהעריק די פאַנג־סטראַטעגיע.

די זון שטייט אין א זייט, און קוקט זיך צו צום געראַנגל צווישן דער פישער־ערמה, דער פיש־טבע און דער נאַטור פון רעגנבויגן. שטייט זי מן הצד און אירע שטראַלן מישן זיך נישט מיט דער הימלדיקער פאַרבן־גאַמע, וואָס שפּיגלט זיך אינעם וואַסער נאָך א רעגן, ווי די וואַסערן פון אַריינ־פאַלנדיקן ירדן מישן זיך נישט, לויט דער לעגענדע, מיט די וואַסערן פון כנרת.

פרעסט אויפן גולן

וועגן אזעלכע קעלטן האָט ער נאָר געהערט פון פאָטער, וואָס פלעגט דערציילן וועגן זיין פארשיקונג אין סיביר. ער, א געבוירענער אין באר־שבע, האָט נאָך ערגער פארטראָגן די קעלטן פון גולן, ווי זיין פאָטער, פון פוילישן שטעטל — דעם סיבירער קלימאט. בפרט אין די פרימאָרגנס און בעת דער וואך. ער האָט נישט געקאָנט פארשטיין, וואָס דווקא אים, דעם יונג פון נגב, פון די הייסע מדבר־ווינטן און מילדע נעכט, האָט מען געשיקט אהערצו, צו די גולן־הייכן, מיט די שארפע ווינטן, מיט דעם ברוטאלן איבערגאנג פון טאָג צו נאכט, די קאלטע נעכט און פראָסטיקע פרימאָרגנס. עס האָט זיך אים געלייגט אויפן שכל, אז אין אָנהייב, תיכף נאָכן אָנגריף, און נישט וויסנדיק, אז די מלחמה וועט זיך פארציען — האָט מען אים געשיקט אהערצו. אָבער, זייט דעמאָלט, ווען די סיורפריז־פאניק איז אדורך, האָט מען דאָך שוין געקאָנט ענדערן. ער האָט דאָך דאָ מער געקרענקט ווי געבראכט נוצן.

ער האָט באשלאָסן צו שטעלן זיך צום ראפּאָרט צו זיין קאָמענדאנט: ״איך בעט מ׳זאָל מיך אריבערשיקן צום דרום־פראָנט, ווו עס איז ווארעמער, המפקד״

״עס איז מלחמה, און קיינער ווילט נישט אויס זיין פראָנט״

״כן, המפקד, אָבער דאָ פארברענג איך מער אויף קרענקן ווי אין דינסט, און פארליר דערביי דאָס געזונט״

״עס פארלירן חיילים מער ווי דאָס געזונט, א סך מער, און זאָגן גאָרנישט!״

״איך וויל טאקע געבן פון זיך וואָס מער, און דאָרטן,

אין סיני, ביים קאנאל, וועט דאָס געזונט מיר דערלויבן, דאָ שטערט עס מיר. איך פיל זיך שולדיק, וואָס אין דעם קלימאַט גיב איך נאָר א טייל פון זיך, א קליינעם טייל נאָר"

"דאָס איז א פוילער אויסרייד!"

"אָבער..."

"נישטאָ קיין אָבער!"

"כן, המפקד".

ווי דערשטוינט איז ער געווען, ווען צוויי וואָכן שפּעטער, האָט דער מפקד אים געמאָלדן, אז ער דאַרף זיך שטעלן צו אן איינהייט נעבן סועץ־קאנאל, ווו ער וועט ווערן צוגע־טיילט צו ארבעטן אין א פעלד־שפּיטאָל.

"כן, המפקד!", האָט ער זיך געשטעלט שטראַם פאַר אים און זיינע באקן האָבן געגליט פון פראָסט און פרייד. דער קאָמענדאנט האָט אים ווארעם געדריקט די האנט, און גוטברודעריש געקלאפּט איבערן אקסל: "אָבער מיטן באַדינג, אז דו זאָלסט אונדז אהערשיקן אביסל ווארעמען מדבר־ווינט און זוניקע פרימאַרגנס"

"כן, המפקד!", האָט ער געזאָגט שטיפעריש: "באַפעל איז באַפעל".

לאטיפא

אחוץ דער פאַרשידנקייט פון זייער געשלעכט, האָט זיי אַלץ אַנדערע פונאַנדערגעטיילט.

זי האָט צו אים געזאָגט: ״בלייב, מיר וועלן זיך לאָזן שווימען אויף די שניידיק־פּאַרטאַגיקע כוואַליעס פון באַניאַס, ביז דער שטראָם וועט אונדז אַרויפשליידערן אויפן ברעג, צווישן די קוסטעס, ווו די קאַריטע ווערט שמעלער און פאַרקרומט, און מיד וועלן מיר בלייבן ליגן, מיט כוחות נישט מער ווי אויף ליבע, בלייב״.

ער איז געלעגן נעבן איר, ווי אַ וואָלף אַ געזעטיקטער נעבן די ביינער פון אַ פּאַרצוקטער חיה, וואָס איז אים אונטערגעקומען אומגעריכט.

״האָסט דאָך פאַרזיכערט נעבטן אוונט, אַז וועסט בלייבן מיט מיר״

״דאָס איז געווען צוליבן בין־השמשות און דעם פאַרטאָגס איבער די באַניאַס־קוואַלן״

״דו ווילסט נישט מודה זיין, אַז דאָס איז צוליב לאַטיפאַ, דער אַראַבישער טאָכטער״

״דו ביסט דאָך דער בין־השמשות, דער פאַרטאָגס און דער באַניאַס צוזאַמען״

״קום, לאָמיר גיין אין מיל. איך ווייס ווי מען מאַכט לויפן דעם מילשטיין. די בעדואינער קומען ערשט מאָלן זייער תבואה, ווען די פרימאַרגן־זון האָט זיך גוט אויסגע־צוואָגן אין טייך. וועלן מיר זיך דערווייל ליבן אויפן מילשטיין און מיטדרייען זיך ליבנדיק... וועסטו נישט מער וועלן אוועק, אפילו ווען איך טרייב דיך... נאָך די ערשטע קאַמפן אויפן

גולן, האָט זיך דאָ פאַרהאַלטן אַן אָפּיציר. אויף אַ קורצע ווייל בלויז... דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, און אויסגעשפּיגן. האָב איך געטראַכט: וואַרט, מער וועסטו נישט שפּייען. און געזאָגט: — פאַראַן דאָ אַן אַלטע וואַסער־מיל, וואָס גייט שוין טויזנטער יאָר, לעגענדעס וועבן זיך אַרום איר, און ווינדער געשען אין איר, קום!... איז ער געגאַנגען. און געבליבן. שפּעטער, געקומען יעדן שבת פאַר־טאָגס, יעדן אורלאָפּ, געבראַכט מתנות פאַר לאַטיפאַ, טייערע מתנות. און, אויב ער קומט נישט מער, איז מסתמא מיט אים עפּעס געשען אויפן פראָנט...״

זי איז אויפגעשפּרונגען פון געלעגער. געלאָזט זיך לויפן. ער איז איר נאָכגעלאָפן. זי איז געבליבן שטיין ביי אַ הייל, וואָס האָט געבאָדן זיך אין זון. עס האָט געיאָגט פון דרינען אַ ריח פון פאַרדימפּעצט מעל, פון פאַרזויערט טייגעכץ, פון שימל און געפּגרטע מייז. ער האָט פאַרהאַלטן די נאָזלעכער און אָפּגעהוסט. זי האָט געלאַכט און געדרייט ביי אַ הילצענעם ראָד מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער אונטערגעשטופּט דעם מילשטיין. דערנאָך האָט זי אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דאָס דינע געוואַנט, וואָס האָט שלעכט געדעקט איר נאַקעטקייט, און אַ וואָרף געטון זיך מיטן רוקן אויפן שטיין.

ער איז געשטאַנען ביים איינגאַנג. די היץ פון איר לייב, וואָס האָט געדרייט זיך גיך אויפן מילשטיין, האָט געמאַכט די לופט נאָך שטיקנדיקער. זי האָט גערעדט צו אים, אָבער דער רעש פון וואַסערשטראָם, וואָס האָט געטריבן די טורבין־גלידער פון מיל־געשטעל, האָט געשלונגען אירע רייד. אירע צעציטערטע גלידער און די שטראַלן אין געקלעם פון געדריי און פון ווינט, האָבן צעבלאָזן אַ פאַרביקן שטויב אין דער הייל און געביסן די אויגן. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן

פנים צום בארג, און דער זון וואָס איבער אים. מיטן באַר־גיקן וועג האָט געני־דערט א שאָטן. א שאָטן פון א בעדואינער, אין שווארצן, מיט א זעקל תבואה אויפן קאָפּ.

די פרימאָרגן־זון, וואָס האָט זיך שוין גענוג געצוואָגן אינעם טייך, האָט געשיקט אירע שטראַלן זיך וואַלגערן צווישן די וויסטע חורבות פון נמרודס שלאָס, און די שלאַנ־גען־נעסטן, וואָס ארום אים.

א גאַס אין דמשק

ער האָט אויסגעטון די שיך, געפאַלן מיטן פּנים אויפן טעפּיך פון געבעטהויז, און געטון תפילה צום דערפאָלג פון זיין מיסיע.

באוואָפנט פון אלע זייטן, איז ער דערנאָך אריבער די גרענעץ אין דער ריכטונג פון קיבוץ. א הינטיש געביל איז אים פארלאָפן דעם וועג. איז ער אריבער דעם נידעריקן גדר פון בית־עולם, און געזוכט שוץ צווישן אָוונטיקע שאָטנס פון מצבות.

ער האָט זיך פארהאלטן נעבן א פרישן גרוב־אָנשיט. ער האָט פארשטאנען, אז דאָס איז א פרישער קבר. מסתמא ערשט נישט לאנג געווען די לוויה, און דער גאנצער קיבוץ איז דאָ געווען פארזאמלט. האָט ער באדויערט, וואָס ער האָט פארלוירן צייט אין געבעטהויז. ווען ער קומט פריער, וואָלט ער באגעגנט הונדערטער יידן אויף איין אָרט, און וואָלט געהאט א גוטן שניט; וואָלט ער אויסגענוצט אלע זיינע קוילן און גראנאטן, און א וויכטיקע גאס אין דמשק וואָלט געטראָגן זיין נאָמען.

האָט ער געוואַרט, אן אנטוישטער, ביז די נאכט וועט ווערן גוט פינצטער, אזוי פינצטער ווי זיינע פלענער.

פלוצים האָט זיך דערהערט א באנייט געביל, גאָר נאָענט, באגלייט מיט גיכע טריט. האָט ער אָנגעשטעלט זיין קאלעטשניקאָוו אין דער ריכטונג פון רעש, און געזוכט א לעבעדיקן שיס־ציל, און, איידער זיין פינגער האָט א צי געטון ביים צינגל, איז די ביקס ארויסגעפאַלן פון זיין האנט. דער הונט האָט א שפרונג געטון פון הינטער א מצבה גראָד אויף זיין אויסגעשטרעקטן אָרעם, און געוואָרפן זיך אויף זיין האלדז מיט זיינע שארפע רייסציין.

דאָס בילד

אויף מיין וואנט, אין ארבעטצימער, אין א דינער ראם פון דער עפּאָכע, הינטער גלאָז — א פּרוי מיט א קינד פעסט אין אירע הענט. און ארום — וויסטע פעלדער, ערשט פון ימיקער הערשאפט ארויסגעריסן, פון פיאָרדן, זומפּן און פארפלייץ־סכנות באפרייט. פונדערוּוייטנס — א זעגל־שיפל אויפן ים. זי גייט, די מעכטיקע געשטאלט, אין פּויערישן זאק־געוואנט געקליידט, אין הילצערנע שיך מיט די נעז ארויף, און דאָס קינד פארפּאקט, צוגעדריקט צו איר מאמעשער ברוסט, און א נאקעט פיסל הענגט אראָפּ. א רחמנות אויפן פיסל, אינדרויסן, אינמיטן הארבסטיק־אָפּגעדעקטע פעלדער. מיט פעסטע און זיכערע טריט גייט זי, מיטן שווערן קלייד ביז די קנעכל, צווי מעוועס פון הינטן און זי פאָראויס. קיין וועג איז נישטאָ. זי האקט אדורך די זאמד־אַנשיטן און שיטערע ווילדגראָזן אין ווינט. און די אויגן קלאָרע פּירן פאר זיך, מיטן טייערסטן פארמעגן אויפן סאמע הארצן.

איך קוק אָפט אויף דעם בילד.

איך האָב עס באקומען במתנה פון א פריינד, א פאריזער קאָלעקציאָנער, צו מיין עליה.

דאָס בילד איז גראד היינט רונדע הונדערט יאָר אלט. דאָס געהער צו יוסף איזראעלס, דעם מייסטער פון גראָנינגען, צו זיינע יוגנט־מאָטיוון, געשעפּטע פון די האָלענדישע „פעלדער", צעווינטיקטע ווייטקייטן, פארכאפּנדיקע ימען און פישערס אינעם שטורם. עס פילט זיך דאָ דער אָנזאָג פון דעם מאָלערס „זון פון אלטן פאָלק", און פון „אליין אין דער וועלט".

קוק איך אָפט אויפן בילד. נאָך אָפטער די טעג. און

איך פארשטיי עס ערשט רעכט. האָלאנד און ישראל. ביידע לענדער אין לעגענדארישן געראנגל מיט די וויסטע כוחות פון דער נאטור. דאָרטן — ים און זומפן; דאָ — מידבר און חורבות. און אזא ענלעכקייט פון כאראקטער ביי ביידע פעלקער! נאר א קינסטלער, געבענטשט פון גאָט, האָט געקענט אזא וויזיע פאָראויסאנען.

גאָטס דרכים

זיי זענען דערצויגן געוואָרן טיר ביי טיר. איר ליבע צו יהורם, דעם העלדישן פּילאָט, האָט זיי צעשיידט. זיין טראַגישער טויט אינעם קאַמף האָט זיי צונויפגעפירט. "גאָטס דרכים זענען פאַרהוילן. ווער זענען מיר זיי צו פאַרשטיין?" — קלינגען נאָך פריש די ווערטער פון מיליטערישן רב אויפן קליינעם קיבוצישן בית־עולים. און נאָך הערן זיך די שאָוול, אין די הענט פון רבס באַגלייטער, וואָס שיטן די ערד אינעם קבר.

די לבנה איז געשטאַנען גרויס און זילבער איבער דעם סאַמעטענעם חופּה־דעק, וואָס פיר שטאַנגען האָבן געהויבן איבער די קעפּ פון חתן־כלה.

זיין בלאַנק־ווייסע העמד האָט אויסגעזען ווייסער ווי די פאַרב פון מדינה־פאָן אויפן צערעמאָניע־שטאַנג, וואָס נעבן חדר האוכל.

אויף איר ברייט־צעפאַלדעוועט קלייד האָט גערוט די לבנה, און פאַרבלענדט די אויגן, ווי אָפּצוציען דעם בליק פון דעם סוד, וואָס הינטער איר נאָפּל.

דער מיליטערישער רב האָט געזאָגט: "גאָטס דרכים זענען פאַרהוילן. ווער זענען מיר זיי צו פאַרשטיין". און ווען ער האָט געזאָגט די ברכה "יוצר האָדם", האָבן אַלע געטראַכט וועגן יהורם.

ערשט דער אָפּהילך פון צעבראָכענעם גלאָז האָט זיי צוריקגעבראַכט צו דער ווירקלעכקייט.

מזל־טוב, מזל־טוב, מזל־טוב!

די פיר שטענדיקע באַגלייטער פון מיליטערישן רב, וואָס

האָבן געהאַלטן די שטאַנגען, האָבן פאַרוויקלט די סאַמעטענע חופּה־דעק מיט התמדה און אונטערגעכאַפּט: מזל־טוב, מזל־טוב, מזל־טוב!

מ׳איז אַריין אין חדר האוכל. גענומען אַ גלעזל. גענומען אַ צובייסן. מוזיק האָט נישט געשפּילט. מ׳האָט נישט געטאַנצט. מען איז געגאַנגען פרי שלאָפן. עס וואַרט מאָרגן אַן אומעטיקער קיבוץ־טאָג מיט זוניקע האָפענונגען.

גולנית

אסתר שטופּט פּאַראויס דאָס קינדער־וועגעלע און שטרענגט זיך אָן ביים בייקומען די בלאָטעס. דער רעגן, דער ווינט און דער באַרג־אַרויף שטערן די רעדער צו באַוועגן זיך גיך.

זי וויל זיין צווישן די ערשטע אין דער מרפּאה. היינט איז דער פּערטער מאַנטיק אין חודש, קומט אַרויפצו דער פּרוויען־דאָקטער פון פּוריה, צוזאַמען מיט דער קינדער־דיעטעטיקערין. גולן, דער מוזיניק, גייט אַריין אין זעכצנטן חודש און מ׳דאַרף ענדערן זיין דערנערונג. איינצייטיק וויל זי זיך באַראַטן מיטן גינעקאָלאָג. זי איז אין פינפטן חודש. די סימנים זענען ביי איר אַנדערע ווי ביי די דריי פריערדיקע שוואַנגערשאַפטן. אַזוי ווי פריער זענען עס געווען יינגלער, וועט מסתמא איצט זיין א מיידעלע. עמירם קומט היינט אוונט אויף א מעת־לעת פון מיליטער. וואָלט זי וועלן אים אָנזאָגן די גרויסע בשורה. ער באַגערט אַזוי שטאַרק א מיידעלע. ער האָט שוין אפילו צוגעטראַכט א נאָמען — גולנית. ער וואָלט זי, אסתרן, א סך מער ליב געהאַט, ווען זי גיט אים א מיידעלע. די לעצטע פינף חדשים פון מיליטער־דינסט וואָלטן אים א סך בעסער באַקומען. וויל זי פרעגן דעם דאָקטער צי אירע השערות זענען באַרעכטיקט. זי וואָלט אַזוי וועלן, אַז ער זאָל עס באַשטעטיקן, שוין היינט...

דער רעגן קלאַפּט אינעם צוגעדעקטן וועגעלע און דער ווינט בלאָזט פונאַנדער זיין געוואַנט, טרייסלט מיט אים, ווי א זעגלטוך אויף א צעשטורעמטן ים. ווער ווייסט וויפיל מאַמעס וועלן קומען פאַר איר, און זי וועט נישט באַוויזן דורכצוגייןביידע וויזיטן. עס איז תמיד פול ביים דאָקטער. עס איז נישט אַזוי ווי אין די שטעט. דאָרט גייט עס איינס־

צווײַ, דער דאָקטער פאַרשרײַבט די "גלולה", און פאַרטיק. אה, זי קען די פּסיכאָלאָגיע פון די שטאָטישע פרויען. האָט זי דאָך געענדיקט א פּסיכאָלאָגיע־פאַקולטעט. זי האָט בעסער געוואָלט לעבן אויבן, אויף דער רמה, אויף א נייעם פונקט, ווו דאָס לעבן איז שווערער, מסוכנדיקער, אָבער רײַכער, פולער, נוצלעכער, גורלדיקער. דא איז מען מגשימים, מען לעבט זיך פול אויס אין רעאַליזירן גרויסע זאכן, גרויסע אידעען, גרויסע פאַמיליעס. דאָס איז גאָר באַזונדערס וויכטיק איצט, ווען עס פאַלן אַזויפיל קינדער... יידן מוזן האָבן קינדער. קיבוצים דאַרפן קאָנקורירן צווישן זיך מיט דער געבורטיקייט. דער דאָזיקער פּראָגנאָז איז לעבנסוויכטיק. און נישטאָ נאָך אזא איבערצייגונגס־כוח, ווי דער כוח פון ביישפּיל. זי וויל האָבן א מנין קינדער. ווען זי וועט האָבן א העלפט פון זיי, וועט זי פאָרן פון קיבוץ צו קיבוץ און פּרעדיקן די נויטווענדיקייט פון האָבן א סך קינדער, גאָר א סך.

דערווײַל גייט זי אין מרפאה. עס איז דער פּערטער מאָנטיק. זי פילט ווי דאָס מיידעלע וואַרפט זיך הינטערן נאָפּל, קלאַפּט אמאָל מיט א פיסל, אמאָל מיט א פויסטל, און צווישן איין קלאַפּ און צווייטן נעמט זי אויף א יישוב, צי דאַרף מען עס בכלל טאָן: אפשר טוט איר וויי? א ייִנגל איז אָן רחמנות, ער קלאַפּט מיט הענט און פיס צוזאַמען און דאַגהט זיך ווייניק אין דער מאַמען. אה, זי געדענקט עס גוט פון די פריערדיקע שוואַנגערשאַפטן...

פלוצים איז דאָס וועגעלע געבליבן שטיין אין א זומפּ, נישט אהין, נישט אהער. זי האָט גענומען שטופּן פעסט, אונטערהעלפן מיטן בויך. די רעדער האָבן זיך געדרייט אויפן אָרט און געשלײַדערט שטיקער בלאָטע אינעם וועגעלע.

דאָס קינד האָט גענומען וויינען, ווארפן זיך און נאָך שווערער מאכן די לאסט אויף די רעדער. זי האָט לויז געמאכט די שפּאנערס, גענומען דאָס קינד, און געלאָזט זיך לויפן מיט אים. אזוי וועט זי אָנקומען גיכער און זיין צווישן די ערשטע. אזוי וועט זי האָבן צייט צוצוגרייטן די קינדער צום טאטנס קומען, נעמען א באָד, אָנטאָן זיך יום־טובדיק, איבערציען דאָס בעט — ער שלאָפט דאָך דאָרטן אויף דער ערד, אין א פארשוויצטן שלאָפזאק! — און א ווארעמען באָד וועט זי אים צוגרייטן, און ווען ער וועט ארויס פון וואסער, וועט זי צופאלן צו אים, ארויפפאלן אויפן האלדז, און זי וועט אים זאָגן די גרויסע בשורה, יא, עמירם, א מיידעלע, גו־ל־נית, עמירם, גו־ל־נית, גולנית, בחיי!

דער גולן

דער גולן קוקט אריין אין מיין פענצטער. פון יענער זייט וואסער קוקט ער אהערצו, פון איבער דער סוסיתא און עין־גב.

צווישן אונדז — דער כנרת.

און מעוועס.

און פישער־שיפלעך.

און זון, וואָס שפיגלט זיך, שפיגלט זיך, ווי א מיידל וואָס שטייט אין שידוכים.

פריער האָט ער געקוקט אהערצו מיט אויגן פון א גזלן, מיט בונקער־פענצטערס הינטער קראטעס, און מיילער פון הארמאטן. איצטער קוקט ער מיט מילדע קינדער־אויגן, און מיט צעפינקלטע ליכטער, וואָס ווינקען קיבוציש־היימיש, גוט־בשורהדיק און פארוויגנדיק, פארוויגנדיק.

פלוצים האָט א בליץ געטון א צעפייערטער וואָלקן־קנויל אין מיין פענצטער, און איינגעשניטן ווי א דימענט דעם וואסער־שפיגל, צעברעקלט אים, און געשיקט זילבערנע אָפשפריצן אין מיינע שויבן. זיי האָבן זיך צעקלונגען מיט א טויבן עכאָ און דראָענדיק. פיש זענען ארויס פון די טיפן, און געלייגט זיך מיט די בייכער ארויף, געמישט זייערע זילבערנע שופּן מיט רגזהדיק צעשוימטע כוואליעס.

ארעמע פיש, עס איז דער כנרת נישט קיין שוץ זיי מער קעגן די ראקעטע־ווארפערס, וואס פון יענער זייט גולן; יענע זייט גולן, וואָס קוקט אריין איצט אין מיין פענצטער מיט עלעקטראָנישע אויגן פון שנאה.

דער טאַנק פון דגניה

א פאַרשעמטער שטייט דער טאַנק פון דגניה, און פאַרשעמט — זיין גלאַריע־מגילה ביים אַריינגאַנג פון קיבוץ. עס קומען נישט מער די מחנות טוריסטן און סתם באַזוכער, אויף גרויס וווּנדער, צו כאַפּן א בליק אויף דעם סירישן טאַנק, וואָס האָט זיך אַוואַנטורירט ביז אַהערצו אין מאַי 1948, און דאָ געפאַלן א קרבן פון א פּרימיטיוו־צוגעגרייטער דינאַמיט־פלאַש, געשליידערט דורך א קיבוצישער האַנט.

שטייט ער איצטער אין טויער פון קיבוץ, האַלב־איינגעזונקען אונטער דער וואָג פון זיין שטאָל און עלטער, א זכר צום דורכגעפאַלענעם סירישן שיגעון, און א סימן־גבורה פאַר די העלדישע קיבוצניקעס.

איצט באַזוכט מען די קאַמפּס־פעלדער פון גולן.

דאָרט שפּרייט זיך א בית־הקברות פון טאַנקען „מעיד אין ראַטנפאַרבאַנד". אויפגעריסענע, אָפּגעבראָכענע, צעשטערטע, איבערגעדרייטע שטאָלענע בערג וואַרפן אַן אימה, ווי פאַר־צייטישע מאַסטאָדאָנטן, צעפרעסן, פונאַנדערגעטריבערט דורך רויבפייגל, רויב־חיות.

שטייען מחנות מענטשן און גאַפן אויפן אַפּאָקאַליפּטיש־גולמדיקן ספּעקטאַקל פון שווידער.

און מיטן טאַנק פון דגניה שפּילן זיך קיבוצישע קינדער.

פרימאָרגן־זון

טונקעלע בערג־שאָטנס, און איבער זיי — נאָך טונקעלערע וואָלקן־בערג. און נאָך העכער — דער זון־קיילעך, מיטן פּנים צום כנרת, אינעם קלעם פון באַנייענדיקער פאַר־טאָגיקייט.

זאָל דער מעכאַניזירטער צאָרן פון אורוואַלד־שנאה געהערן צום בייזן נעכטן. און היינט זאָל שיינען די זון מיט גוט־בשורהדיקייט!

פייער־שפּיזן נידערן אויף לייטער־שטאַפּלען פון גאָלד און זילבער, און שינדן אָפּ די ביינאַכטיקע רינצל־הויט פונעם וואַסער.

דער כנרת ציט אויס זיינע פאַרשלאָפענע גלידער מיט רעש, מיט גענעץ־געפּליעסק, ווי א קאַץ וואָס טרינקט איר פרימאָרגן־מילך פון א טיפער שיסל, מיט א גיריקער צונג, וואָס איז נאָכנישט מיד. ברעג־כוואַליעס דראַפּען זיך איבער די בייראַנדיקע געזאַמדן, פאַרשלעפּן א טייל, און אנדערע ווילן זיך דערשלאָגן נאָך העכער, און כעסן זיך הלמאי זיי דערגרייכן נאָר ביז צו די קנעכלעך פון גרעסערע שטיינער און קאָנען זיי נישט באַגוועלטיקן.

אונטערגעשווענקטע קוסטעס בייגן זייער געצוויייג הכנעה־דיק מיט די בלעטער צום וואַסער־גלעט, מיט דאַנק פאַר דער פרימאָרגן־פרישקייט, וואָס צעגייט זיך ברכהדיק איבער אלע גלידער.

און שפּעטער נעמט זיך די זון שמעלצן פון איר אייגע־נעם גלי. פון איר אונטערשטן רעפטל רינט א פייער־טייך אראָפּצו, און שווימט זיין אייגן געשווים, קוווער־שטראַמיק, פון ברעג צו ברעג, ווי א גילדערנער גאַרטל ארום תכלתדיק־צעפאַלדעוועט געוואַנט אויף א יונגפרויאישער שויס.



פון חלומישע מקומות

... און פון חלומישע מקומות
קומט צו גיין צו מיר א חלום.
כ׳נעם א לעבן און איך טרוים עס,
כ׳נעם א חלום און איך מאַל אים.

פון פאָרוואָרט צו דער רעווידירטער
ווערסיע פון ״ברענער״, דראמאטישע דיכטונג
אהרן צייטלין

דער מאראנצנבוים

אינעם פעלד פון אלטן איבראהים איז געוואקסן א מאראנצנבוים. זיין פּאָטער האָט אים פאַרפלאַנצט מיט אייגענע הענט. האָט ער געשמעקט און פאַרריסן מיט ריחות פון גן־עדן, וואָס פאַרשיכורן און שלעפערן איין. און פּירות האָט ער געגעבן, וואָס מינטערן און היילן, און וואָס נאָך אזעלכע זענען נישט פאַראן אין דער גאנצער מדינה.

אז דער פאטער האָט געהאלטן ביים שטארבן, האָט ער דאָס פעלד איינגעטיילט בירושה צווישן זיינע צוויי זין, און די חלוקה־צוים איז אוועקגעשטעלט געוואָרן הינטערן מאַ־ראנצנבוים. איז איין ברודער אריין א שגעון, פאַרבלענדט געוואָרן דורך געלט פון די יאהוד, געלאָזן זיין הויז און זיין פעלד, און אוועק אין א געצעלט אין מדבר.

ווען דער מאראנצנבוים האָט זיך גענומען עלטערן, און געקומען איז א בייזער שטורעמווינט מיט א שלאַקסרעגן, האָט ער זיך אויסגעבויגן, אויסגעקרומט, און הויפּיקע צווייגן מיט פּירות האָבן גענומען אריבערהענגען אויף יענער זייט פון דראָטענעם נעץ־צוים, צום שכן.

און דער שכן איז איצט געווען אברהם, דער פּוילישער. אָבער איבראהים האָט אים נישט גערופן ביים נאָמען. נאָר — איליאהודי, דער ייד, אָדער — אילעריב, דער פרעמדער. איז דער בוים געוואקסן גראָד און הויך, און פאַרפלייצט דעם שכנס חלק מיט געבענטשטן ריח — האָט עס אים פאַרדראָסן, אָבער ער האָט נישט געהאט קיין עצה דערצו. אָבער איצטער, ווען די פּירות הענגען אריבער אויף יענער זייט, און די צווייגן שווערן מיט שפע אהינצו, האָט עס אים שטארק באַזאָרגט. ער איז געווען זיכער, אז דער ייד, דער פרעמדער, און זיינע קינדער, וואָס רעשן און ווילדעווען דאָרטן די

גאַנצע צייט, געניסן פון זיינע מאַראַנצן. זיי קומען צום גרייטן, צו די געשמאַקסטע פּירות אין דער מדינה. זיין צער איז געווען נאָך גרעסער צוליב דעם, וואָס די אַממערסטן טראָגעדיקע צווייגן הענגען אַראָפּ אויף יענער זייט צוים.

האָט ער אונטערגעשטעלט אַ שווערן סלופּ, אים באַפעסטיקט צום שטאַם ביז אַרויפצו, פאַרצויגן פעטליעס איבער די אויסגעקרומטע הויפּט־צווייגן, און פאַרפעסטיקט די שטריק צו אייזערנע פלאָקנס אין דער ערד. אָבער דער בוים האָט זיך נישט אויסגעגראָדט.

האָט ער געקויפט אַ ביקס, געהאַלטן זי אָנגעלאָדן נעבן זיך, און געוואַכט בעת די פינצטערע נעכט. ער האָט זיך אויפגעריסן אינמיטן שלאָף, און געלאָפן מיט דער ביקס צום בוים, צו אַ כלומרשטן שאָטן ביים צוים. אָדער ער פלעגט אויסשיסן גלאַט אַזוי, כדי אָפּצושרעקן.

יעדן אָוונט האָט ער געציילט די אַריבערהענגענדיקע מאַראַנצן, און נישט געגלויבט ווען צומאָרגנס האָט ער געפונען די זעלבע צאָל אויף די צווייגן. נישט אַנדערש, ווי ער האָט שלעכט געציילט, אָדער נישט פאַרגעדענקט גענוי די צאָל. האָט ער געציילט איינמאָל, נאָכאַמאָל און אַ דריטמאָל, און פאַרצייכנט גענוי. צומאָרגנס האָט ער ווידער געציילט עטלעכע מאָל, כדי צו זיין זיכער, אַז ער איז זיך נישט טועה. און, האָט געפעלט איינע אָדער צוויי פּירות, האָט ער זיי געפונען אונטערן בוים, קרבנות פון ווינט.

האָט ער זיך פאַרשאַפט אַ הונט. אים געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג פאַרמאַכט אין דער פינצטער, אַן אויסגעהונגערטן, כדי ער זאָל זיין בייז ביינאַכט און בילן ביים קלענסטן חשד. האָט דער הונט געדרייט זיך אַ מידער אַרום דעם בוים, און אַ פאַרשיכורטער פונעם ריח, און אַ הונגעריקער — איינגע־

שלאָפֿן. נישט אַנדערש ווי דער שכן, דער פּרעמדער, האָט אים אָנגעטון אַ כּישוף. האָט ער דערשאָסן דעם הונט, און אַריבערגעוואָרפֿן זיין פּגר אויף יענער זייט.

זיין עלטערער זון, דער עלעקטראָטעכניקער פֿון עכו, וואָס האָט געענדיקט אַ העכערן קורס אין חיפהער טכניון, האָט צוגעטראַכט אַן עלעקטראָנישן אַלאַרם־זייגער, מיט אַ נעץ פֿון דינע דראָטן אַרום אַריבערהענגנדיקע צווייגן. האָט דער אַפּאַראַט אָפּט געקלונגען, ווייל רעגן, האָגל, אָדער ווינט האָבן צעשטערט דעם אַלאַרם־סיסטעם; און קוילן האָבן געפּיפּן אומזיסט אַרום בוים און געלעכערט די אומשולדיקע מאַראַנצן.

האָט ער באַשלאָסן אויפֿצושטעלן אַ מויער. ער וועט בויען אַ מויער אַזוי הויך ווי דער בוים, און אַ שטיק העכער, כּדי מ׳זאָל נישט קאָנען, צושטעלנדיק אַ לייטער, אַריבערשטעקן אַ האַנט פֿון יענער זייט און דערגרייכן אַ מאַראַנץ. מיט דעם זעלבן וועט דער בוים זיך אָנלענען אין אַ פֿעסטער וואַנט און זיך אויסגראָדן.

ווען זיין ייִנגערער זון, פֿון כּפר־קנה, איז געקומען אויף באַזוך, און געזען ווי דער אַלטער טאַטע שטייט און בויט, ווי ער טראָגט ציגל און שטיינער, און קורץ איז ביי אים דער אָטעם און קרעכצן רייסן זיך פֿון זיין אָנצייניקן מויל, האָט ער געזאָגט צו אים: „וועסט דיך קראַנק מאַכן, טאַטע. שוין בעסער איבערפֿלאַנצן דעם בוים אויף אַן אַנדער אָרט, אויפֿן צווייטן עק פֿעלד, ווייט פֿון איליאַהודי, אַזוי אַז אַפֿילו דער ריח וועט שווער דערגיין צו אים".

„ביסט גערעכט, מיין זון. אַללא אכּבר, אַללא איז גרויס און נישטאָ קיין גאָט איבער אים", האָט דער אַלטער געזאָגט און אָנגערירט דעם שטערן פֿון זיין קלוגן זון, פֿאַרנייגנדיק זיך פֿאַר זיין חכמה.

„וועסט רופֿן סעיד סאַלימאַן, דעם גערטנער, וועט ער עס טאָן פֿאַר דיר. מען דאַרף זיין געניט דערין", האָט דער זון אים געעצהט.

„ניין, מיין קלוגער זון", האָט דער פֿאָטער זיך געוועהרט. „נישט סעיד סאַלימאַן, ער איז אַ פֿאַררעטער. ער באַארבעט די גאָרטנס פֿון די יאהוד. איך וועל עס אַליין טאָן. דער טאַטע האָט געפֿלאַנצט, און איך וועל איבערפֿלאַנצן, אַללאַ איז גרויס, מיין זון, און ער שיקט צו די חכמה אין דער צייט".

און אַז דער בוים איז געווען טיף און ברייט אונטער־געגראָבן, איז פֿלוצים געקומען, אינמיטן נאַכט, אַ בייזער שטורעם און אַ וואָקל געטון מיטן שטאַם. דערנאָך איז געקו־מען אַ ווירבל־ווינט מיט שגעון, און אַ ריס געטון די וואָרצ־לען. און אַ רעגן ווי מיט עמערס האָט אונטערגעשווענקט די לעצטע אָנהאַלט־פֿעדעם.

ווען דער אַלטער איבראַהים האָט דערזען דעם בוים מיט די וואָרצלען אַרויף, די צווייגן צעבראָכן, דער שטאַם צעשפּאָלטן און די פּירות צעזייט איבערן פֿעלד, האָט ער זיך אַריינגעזעצט אינעם נאַסן גרוב, גענומען דעם קאָפּ אין זיינע ציטערדיקע הענט, און גענומען ביטער וויינען, ווי מען באַוויינט אַ געשטאָרבענעם. ווי ער וואָלט באַוויינט זיין אייגענעם טויט.

דאָס גרויסע ליכט פון סעאיד סאליף אלי

סעאיד סאליף אלי האָט פּלוצים באַקומען גרויסע אויגן. און קנאה האָט צעשפּאַרט זיין אלט האַרץ. הלמאַי ביים הערשער אין ווייטן אַקסילאַנדיע טינקט זיך אַלץ אין ליכט, א טייך פון ליכטיקייט פאַרפלייצט זיין פּאַלאַץ און פּאַרוויל־גאָרטן, און ביי אים, אין בעריבאַריע, הילט זיך אַלץ אין שאָטן פון קאַרגע ליכטלעך. ווי נאָר ער איז צוריקגעקומען פון דאָרטיקן באַזוך, אַזוי גיך האָט ער צונויפגערופן אַלע זיינע שרים און עצה־געבערס: ״היתכן, אין אַקסילאַנדיע איז פאַראַן אַזאַ ליכטיקייט און ביי אונדז, אין בעריבאַריע, נעמט מען זיך אַרויס די אויגן ביי א ליכטל?״. און ער האָט באַפוילן: ״איך וויל, אַז עס זאָל זיין ליכטיק, וויל איך; און נאָך מער ווי דאָרטן, וויל איך!״ האָבן זיי געזאָגט: ״הויכ־געשעצטער קעניג פון בעריבאַריע, מיר האָבן ריזיקע גרובנס פון סטעאַרין און חלב, האָבן מיר; וועלן מיר מאַכן דערפון א ליכט, וואָס די וועלט האָט נאָכנישט געזען, גרויס ווי א באַרג, דיק ווי א באַרג, מיט א פלאַם ווי די זון אַליין״.

זענען אַרויס די זעלנער און די שוטרים און צונויפ־גערופן, צונויפגעטריבן די שקלאַפן פון קעניגרייך בעריבאַריע צו דער אַרבעט; ווער צו גראָבן אין די גרובנס, ווער צו טראָגן די עמערס סטעאַרין־חלב אין שפּילגאָרטן פון פּאַלאַץ, און ווער צו קנעטן דאָס ליכט, און ווער צו פורעמען און פורעמען דיקער פון אונטן און דינער פון אויבן, און — ווער צו ציען דעם קנויט. און די זעלנער און שוטרים האָבן אונטערגעיאָגט, אונטערגעיאָגט.

דאָס ליכט איז געוואַקסן און געוואַקסן, אין דער הייך און אין דער ברייט, איבערגעשטיגן דעם פּאַלאַץ־טורעם, אַז מ׳האָט קוים אַרויסגעזען דעם שפּיץ פון קנויט. האָט סעיד

סאליף אלי געגעבן א סימן: "געגוג!", און געהייסן צוגרייטן א גרויסן יום־טוב צום אָנצינדן פון גרויסן ליכט; און דעם הערשער פון אַקסילאנדיע זאָל מען פארבעטן און זיינע מיניסטאָרן.

און כדי דער קעניג זאָל קאָנען לייכט ארויף ביזן סאמע שפּיץ, אנצוצינדן דעם קנויט, האָט מען אויסגעשניטן, אויס־געהאקט טרעפּן אינעם חלב, דריי־טרעפּן ארום דעם ליכט־שטאם, ביז ארויפצו, און אנהאלט־לייסטן פארפעסטיקט ביי די זייטן. די זעלנער און שוטרים האָבן צונויפגערופן, צונויפ־געטריבן אלע תושבים פון נאָענט און פון ווייט, צו דער פייערלעכער געשעעניש פון אָנצינדן דאָס גרעסטע ליכט אין דער וועלט.

ווען סעאיד סאליף אלי איז ארויף אויף די טרעפּן מיטן ברענענדיקן צינד־ליכטל אין האנט, האָבן די תפילה־זאָגערס אונטן תפילה געזאָגט, און ווען ער האָט צוגעשטעלט דעם פלאם צום קנויט, האָבן די שפּילער געשפּילט א לויב צום אלמעכטיקן באשעפער און צום הערשער פון בעריבאריע, און א הימן צו זיין קעניגרייך. א ספּעציעל פארפאסטע קאנ־טאטע צו דער ליכטיקייט איבער אלע ליכטיקייטן האָט אויפגעזונגען דער כאָר פון די הארעם־מיידלער.

און ווען דער גרויסער פלאם האָט אויפגעבליצט אויפן סאמע שפּיץ פון ליכט, און סעאיד סאליף אלי האָט גענומען רעציטירן דאָס צערעמאָניע־ליד, וואָס דער הויף־דיכטער האָט צו דעם צוועק צוזאמענגעשטעלט, איז א שפּיי־שפּריץ ארויס פון זיין קעניגלעכן מויל, געפאלן אינעם קנויט־נעסט מיט א גרילץ. באלד האָט א חלב־בלעזל זיך צעפּערלט ביים ברעג פון ליכט און גיך געוואָרן א בלאָז מיט אלע פארבן פון רעגנבויגן און פלאם. האָבן זיינע גרויסע אויגן דערזען, ווי אין א שפּיגל, זיין שטארן בליק, דעם קאלטן שווייס אויפן

גערינצלטן שטערן, זיין צעציטערטע באָרד און זיינע קנאָכי־
קע, ווייסע באַקן ווי ביי א מת. האָט ער זיך אנגעכאַפּט אין
אָנלען, נישט אומצופאלן. פּלוצים האָט דער שפּיגלדיקער
קיילער גענומען זיך וואקלען איבערן שאַרף פון ליכט־ראנד,
ווי א טרער אויפן עק פון א ברעם־האָר, און — אונטער־
געטריבן דורכן אָוונטיקן מדבר־ווינט, אָפּגעריסן זיך פון
אָנהאַלט, און געפאַלן מיט א זיפץ.

דער מיליטערישער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט דעם
איינשטודירטן טריאומף־מאַרש, און דער קעניג האָט גענומען
זיך ריקן הינטערוווילעכטס, מיטן פּנים צום ליכט. פּלוצים האָט
זיין פוס זיך א גליטש געטון אויפן צערונענעם ליכט־בלאָז,
און ער איז געפאַלן, פאַרלירנדיק די גלייכגעוויכט. ער האָט
גענומען זיך קייקלען, קייקלען אראָפּצו, אראָפּצו, ווי א שטיין.

א מעשה אָן א סוף

אין בעטללאנד האָט קיינמאָל נישט געשנייט. פונקט ווי די בעטללענדער האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט וואָס דאָס איז אזוינס, אזוי האָבן זיי דאָס מאָל שוין געוווּסט צו גוט. עס האָט געשנייט און געשנייט, פארשיט טיר און טויער, איינגעהילט אין א ווייסן פאנצער אלץ און אלעמען — א פלאָג ממש.

איז זיך צעגאנגען א שמועה אין די נאָענטע און ווייטע לענדער, אז אין בעטללאנד איז פאראן שניי און פאראן, אין דער צייט וואָס ביי זיי איז נישטאָ קיין שנייעלע אויף א רפואה. האָבן זיי געשיקט עמיסארן צו אונטערהאנדלען.

האָבן די בעטללענדער געזאָגט צו זיי: "נעמט וויפל איר ווילט נאָר, און וואָס מער". האָבן זיי גענומען און גענומען. און פון שניי האָבן זיי ארויסגעצויגן זיין זילבער־ווייסקייט און געמאכט דערפון פארבן, ווייס און זילבער; געמאכט זילבער־שטערנדלער, פינקלדיקע לאמטערנעס, בליץ־לאָמפּן, קרישטאלן, און געפּרווירנס געמאכט און כל מיני מאכלים, וואָס זענען געשמאַק פארן גומען און דערקוויקנדיק, בעת די היצן. און ווי מ'האָט געשמועסט, האָט מען בשתיקה דאָ און דאָרטן געמאכט זילבער און בריליאנטן און מינצן. די בעסטע קעפּ זענען געזעסן און געטראכט, נאָר געטראכט וואָס מער נוצן ארויסצוציען פונעם הימלדיקן חסד, און וואָס רייכער צו מאכן זייערע רייכע מדינות.

ביז די בעטללענדער זענען געקומען צום שכל, און א שיינעם טאָג געזאָגט: "סטאָפּ, גענוג!"

האָבן די לענדער געפרעגט: "היתכן? מיר האָבן פונאנדערגעבויט אינדוסטריעס, איבערגעשטעלט די ווירט־שאפט, און איר ווילט אונדז אינמיטן דרינען שטעלן בדלות, היתכן?"

האָבן די בעטללענדער געזאָגט: „גוט, מיר מאכן א געשעפט. איר וועט ווייטער באקומען שניי, אָבער איר וועט אונדז געבן דערפאר שוועבעלער, א סך שוועבעלער, ווייל מיר ווערן געפרוירן".

האָבן פון אלע מדינות גענומען שטראָמען שוועבעלער, מיט טאָנען, מיט וואגאָנען, מיט אוויאָנען. און אז זיי האָבן שוין געהאט גענוג, האָבן זיי ווידער געזאגט: „סטאָפּ, גענוג!"

האָבן די אַפנעם־לענדער געפרעגט: „היתכן? עס איז דאך פאר אונדז א לעבנס־נויטווענדיקייט!"

האָט מען זיי געענטפערט: „סיידן איר זאָלט ביי אונדז אויסבויען פאבריקן פון שוועבעלער".

און אז מ'האָט זיי אויסגעבויט פאבריקן אָן א שיעור, האָבן די בעטללענדער געזאָגט: „סטאָפּ, גענוג! מער גיבן מיר נישט קיין שניי, און שוועבעלער דארפן מיר נישט מער".

האָבן די לענדער געפרעגט מיט ריגזה: „היתכן?!"

האָבן די בעטללענדער געלאָזט ווארטן מיט תשובה, און ארויס אין גאס, אין פעלד, אלע איינוווינער, פרויען, אלטע לייט, קינדער, און גענומען צינדן שוועבעלער, איין שוועבעלע נאכן צווייטן, און שמעלצן דעם שניי, אקעגנ־טראָגן דעם פלאם צו די פאלנדיקע שניי־פליטערלער, און זיי פארוואנדלען אין וואסער. און איידער וואָס, איידער ווען, האָט זיך געמאכט דערפון א טייך. נאָך גוט וואָס בעטללאנד איז געלעגן אין דער הייך, און דאָס וואסער האָט גערונען אראָפצו, איז פונעם טייך געוואָרן אן אזיערע, און פון אָזיערע — א ים.

האָבן די לענדער זיך געבעטן: „אויב אזוי, טאָ פאר־

קויפט אונדז דעם ים. מיר וועלן אים פארוואנדלען, מיט ספעציעלע אפאראטן און מאשינען, אין אייז, און דעם אייז — אין שניי; פארקויפט אונדז דעם ים!״

האָבן די בעטללענדער געזאָגט: ״אויב פארוואנדלען, זענען מיר בילכער. גיט אונדז די מאשינען, די אפאראטן, אנטוויקלט אונדזער פארוואנדל־אינדוסטריע, און מיר וועלן אייך פארקויפן דעם פארוואנדלטן שניי. דער שניי, די שוועבעלער, און דער ים זענען דאָך אונדזערע״.

און איצטער, האָט די גאנצע באפעלקערונג פון בעטל־לאנד ארבעט. א טייל אין די שוועבעלער־פאבריקן, א טיילביים צינדן די שוועבעלער און שמעלצן דעם שניי, א טייל אין די פאבריקן צו פירן דעם ים און אים פארוואנדלען אין שניי, א טייל ביים פירן אונטערהאנדלונגען מיט די לענדער, און א טייל מיט ברעכן זיך די קעפּ, וואָס אזוינס צו טאָן מיט די ארייגעפלאָסענע ריזן־געלטער. און זיי האָבן באשלאָסן צו בייטן דעם נאָמען פונעם לאנד, ווייל זיי זענען נישט מער בעטלער, נאָר גיכער זיי, די לענדער.

און א פלאן האָבן זיי אין רעזערוו: אויב די נויט זאָל זיך לאָזן גאָר שטארק פילן אין די אנדערע לענדער, וועט עקס־בעטללאנד עפענען ברייט די טויערן פאר זייערע אר־בעטסלאזע, כדי צו פארגרעסערן די פראָדוקציע פון שוועבע־לער און צו שמעלצן מיט זיי דעם שניי, וואָס מען פראָדוצירט פון ים־וואסער.

נאפטאפא אורימאן סעלים

אזוי לאנג ווי ער האָט געלעבט א פאראזיטיש לעבן, געגעסן וואָס מ׳האָט אים דערלאנגט און געטון זיינע געברויכן אין דיווינדלען, אזוי לאנג איז נאפטאפא אורימאן סעלים געווען ווי אלע אנדערע קינדער. אָבער, ווינאר ער האָט געקענט מאכן א בויגן — אזוי האָט זיך אנגעהויבן די צרה. און די צרה איז געווען מיט דער השתנה. דאָרטן, ווו עס איז געפאלן א טראָפן, האָט זיך אָנגעצונדן א פייער, און א שריפה האָט ארומגעכאפט פעלדער, וועלדער, הייזער, גאסן גאנצע. און אן עיפוש האָט זיך אויסגעטיילט בעת מעשה, אז מענטשן האָבן געמוזט גיין מיט צוגעהאלטענע נעז.

איז מען געגאנגען מיט אים צו דאָקטוירים. האָבן זיי געפּאָרשט און געזוכט, און געזאָגט, אז די מעדיצין האלט נאָכנישט אזוי ווייט. און א פּראָפעסאָר האָט געזאָגט: ״וואָס ארט עס אייך? עס טוט דאָך אים נישט ווי. קראנק איז ער נישט און צום עיפוש געוווינט מען זיך דאָך צו. איז עס נישט קיין ענין פון מעדיצינער, נאָר פון פייערלעשער.

האָט מען פארגרעסערט די צאָל פייערלעשער אין שטאָט און די צאָל פּאָמפּעס, לעש־רערן און אפאראטן, און גע־לויערט אין פולער גרייטקייט. ווינאָר עס האָט זיך אָנגעצונדן דאָס קלענסטע פייערל, תיכף האָבן זיי געלאָזט אין גאנג די לעש־אפאראטן.

אָבער, וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אלץ גרעסער איז געוואָרן דער בויגן, אלץ קרעפטיקער דער שטראָם און דער צינד־כוח, און די פייערלעשער זענען געוואָרן אָפּהענטיק. אפילו א לעש־העליקאָפּטער האָט נאָר באוויזן טיילווייז צו באהערשן די שריפות.

זענען זיך צונויפגעקומען כעמיקער און כל מיני וויסנ־שאפטלער, און געפּאָרשט און געזוכט, געמאכט אנאליזן, און געפונען, אז דער עיפּוש איז טאקע פון אורין ממש, נאָר די קאָמפּאָזיציע האָט מער א שייכות מיט נאפט ווי מיט אורין. פונדאנען דער צינד־כוח. און געעצהט האָבן זיי צו באהעפטן א רער צום גליד פון נאפטאפא, און פון דאָרטן ציען א פּייפּליין, לאנג, גאָר לאנג, אזוי לאנג, אז מיט דער הילף פון א פּראָפּולסיע־סיסטעם, זאָל די פליסיקייט דערגיין ביזן ים. דער ים וועט מסתמא נישט ברענען. און אויב יאָ, וועמען אַרט עס? נישט אונדזער ים.

און איידער דער פּלאַן איז געווען דורכגעפירט געוואָרן, איז געקומען איינער פון די גאָר גרויסע מדינה־לייט, וועמען א געדאנק איז פּלוצים נולד געוואָרן בעתן ביקן זיך צום שווארצן שטיין אין מעקא, און האָט פּאָרגעשלאָגן: "למה, צו וואָס דארפן מיר אויסגעבן אזויפיל געלט אויף געווער, אויף ארמייען, אויף פרעמדע עצה־געבערס און געקויפטע פריינט? לאָמיר פשוט אנווענדן די רערן און דעם פּייפּליין, מיט א ספּעציעלער צעשפּריץ־טעכניק, קעגן אונדזער דם־שונא. מיר וועלן אזוינאָך פארברענען זיינע פעלדער, וועל־דער, שטעט און הייליקע ערטער, מיט אים צוזאמען. נישט אנדערש ווי נאפטאפא אורימאן סעלים איז געשיקט פון אללא אליין, וואָס איז גרעסער פון אלע געטער אין די הימלען און אויף דער ערד, און זיין רצון איז באפעל.

איידער וואָס און איידער ווען, איז געקומען א שליח פונעם הויפּט עצה־געבער און בעל־טובה פון אויסלאנד, און האָט געזאָגט: "למה, נאכוואָס זיך מטריח זיין מיט רערן, פּייפּליינס און פּראָפּולסיע־סיסטעמען און ענלעכע אלט־פרענקישע קאָנפעקציע־מעטאָדעס, אז מיר האָבן ספּוט־ניקס. גיט אונדז נאפטאפאן, דעם פארקערפּערער פון אללאס

רצון, וואָס איז א באפעל, און מיר ווען אים נעמען אינעם וועלט־חלל, און פונקט איבערן לאנד פון דם־נושא, וועלן מיר אנשטעלן דעם שפריצער, און יעדער טראָפּן וועט אָנ־צינדן א שריפה, און אזוי פונקט נאָך פונקט, ביז דאָס גאנצע לאנד זיינס וועט ארומגעכאפּט ווערן פון איין גרויסן בראנד, אז עס וועט נישט בלייבן פון אים קיין סימן״.

האָט מען אים געזאָגט: ״נעמט אים, און א דאנק פאר דער טובה״. האָט ער זיי געענטפערט: ״נישטאָ פאר וואָס. צווישן פריינט דארף מען זיך פארשטיין און זיך ארויסהעלפן קעגנזייטיק״. און תוך כדי דיבור, איז ארויף דער ספוטניק, און נאפטאפא אורימאן סעלים אין אים, צוזאמען מיט א פליענדיקער לאבאָראטאָריע.

און די חלל־שיף איז גאָר אוועק אויף אן אנדערע **אָרביטע**. אנשטאט צו ווענדן זיך צום מיטעלן מזרח, האָט **זי** גענומען די ריכטונג פון צפון, גענומען דרייען זיך איבערן **קאָלומבוס**־קאָנטינענט, איבער דעם אלטן אייראפּע, איבער **די** הויפּט־שטעט, די גרויסע מיליטער־קאָנצענטראציעס, די אטאָם־צענטראלעס; געדרייט זיך און געדרייט זיך מיט דראָאונגען, מיט אולטימאטומס, איין אולטימאטום דראָענדי־קער ווי דער צווייטער.

און ביז דאָס פייער איז אראָפּ פון הימל, איז זיך צע־גאנגען איבער דער וועלט דער עיפּוש, א געשטאנק האָט זיך צעטראָגן איבערן ערד־קיילער, וואָס האָט געשטיקט און געעקלט. מענטשן זענען ארומגעגאנגען ווי פארסמטע, מיט איין האנט געווישט די טרערן פון די אויגן, און מיט דער צווייטער — צוגעהאלטן די נאָז.

א שיף מיט שלאנגען

די אויסשפירערס פונעם פּאָרט האָבן אָנגעזאָגט דאָס דער־נענטערן זיך פון א ציסטערנע־שיף, מיט א מאָדנע פאָן — צוויי פארפלאָכטענע, רויטשופּנדיקע שלאַנגען, אין דער פאָרם פון א האלב־לבנה, אינמיטן פון א שווארצן געוואנט.

ווער איז די שיף, וואָס שווימט שווער, מיטן מאסט געוואָנדן צום פּאָרט און מיט דער מאָדנער פאָן? פארוואס גיט דער קאפּיטאן נישט צו וויסן זיין כוונה? פארוואס ענטפערט ער נישט אויף די ליכט־סיגנאלן פון פּאָרט? אפשר א מעכאנישער דעפעקט? אפשר א ברייטהארציקע מתנה צו העלפן לינדערן דעם נאפט־דוחק?

א באוואָפנטע אויסשפיר־שיף האָט גיך געלאָזט זיך שווימען אין איר ריכטונג, און געגעבן סימנים, אז זי זאָל פארלאנגזאמען און אונטערגעבן זיך א קאָנטראָל. אינצווישן האָבן דער ממונה איבערן פּאָרט און דער בירגערמייסטער זיך איבערגעבויגן איבער דער לעצטער אויסגאבע פון דער וועלט־מאפּע, מיט די סימנים פון די נאציאָנאלע פענער. ווער קאָן וויסן אויסנווייניק? אזויפיל נייע מדינות זענען נולד געוואָרן די לעצטע צייטן, האָט אפשר איינע פון זיי אזא פאָן. זייט דער אנערקענונג פון זייער מדינה, זענען צוגעקומען נייע אכציק, דערונטער פון אומבאקאנטע און פרימיטיווע שבטים, וואָס מאכן א טומל, אויב נישט וואָלט מען נישט געוווסט, אז זיי עקזיסטירן; האָט אפשר איינע אזא פאָן?

און אז דער קאפּיטאן האָט געזען די באוואָפענטע אויסשפיר־שיף, האָט ער געגעבן סיגנאלן, אז עס איז טאקע א דעפעקט, און עס גייט אין פארריכטן א מאָטאָר, און מהיכא־תיתי — זאָלן די קאָנטראָלערן קומען באזוכן די שיף,

און זיך איבערצייגן. און ווי נאָר די מארין־קאָנטראָלערס זענען ארויף, אזוי האָט מען זיי תיכף געבונדן, איינעם נאכן אנדערן, און אריינגעשליידערט און א פינצטערן קעלער אויפן באָדעם פון דעק. און דערנענטערנדיק זיך מער צום פּאָרט, האָט דער קאפּיטאַן געלאָזט הערן זיין ריזן־שטים: ״האללאָ, האללאָ! דאָ רעדט דער קאפּיטאַן פון פרייהייט־און יושר־ליבנדיקן אָפּידיעלאַנד, און אָט איז זיין אולטימאַטום, אין נאָמען פון זיין רעגירונג און פון אלע פרייהייט־און יושר־זוכנדיקע פעלקער — צו דער פּאָרטשטאָט פון 59־טן לאנד. האללאָ, האללאָ! פארן צופאלן פון דער נאכט דארף זיך די פּאָרטשטאָט אונטערגעבן, קאפּיטולירן פאר דער מאנשאפט און זעלנער פון דער ציסטערנע־שיף. אנדערע אָקופּאציע־כוחות דערנענטערן זיך. אויב נישט, וועלן גע־עפנט ווערן די שלוזעס פון דער ציסטערנע, ווו אנשטאט נאפט איז פאראן א לאָדונג פון שלאנגען, צוזאמענגעפּרעסט ביז איבער די ברעגן. דאָס זענען נישט סתם שלאנגען, נאָר פון די גיפטיקסטע, וואָס די וועלט האָט ווען פארמאָגט. דאָס איז א ראסע, וואָס איז געפונען געוואָרן אין די קברים פון די פרעה׳ס, און ספּעציעל־געהאָדעוועט געוואָרן צו דעם צוועק אין די לאבאָראטאָריעס פון אָפּידיעלאנד, אונטער דער געהיימער אָנפירונג פון וויפּעראָלאָגן פון פריינטלעכן און פארברודערטן קאָלאָסאָלאנד. איין איינציקע שלאנג קאָן פארגיפטן טויזנטער מענטשן, היינט ערשט הונדערטער טאָנען פון שלאנגען! האללאָ, האללאָ! און אזוי ווי די הערשער פון אָפּידיעלאנד ווילן אויסשפּרייטן זייערע פרייהייט־פליגל אויף דער פּאָרטשטאָט, וואָס איז א וויכטיקע פּאָזיציע אין זייער נאציאָנאלער און וועלט־סטראטעגיע — האָבן דער פּאָרט און די שטאָט דעם אויסוואל: אָדער זיך אונטערגעבן אָן באדינגונגען און געניסן פונעם חסד פון אָפּידיעלאנד

מיט דער ברכה פון קאַלאַסאַלאַנד, אָדער פאַרצוקט ווערן דורך די אומצאָליקע מחנות פון ריזיקע און גיפטיקע שלאַנ־גען, וואָס וואַרטן גיריק אויף דעם מאָמענט". און קוים איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, ווי ווידער האָט זיך דערהערט זיין ריזן־שטים: "האַללאַ, האַללאַ! זאָל זיך חלילה נישט גלוסטן אונטערצוטינקען די שיף, ווייל דעמאָלט וועלן די שלאַנגען אַרויס אויף דער פריי און באַפאַלן די שטאָט, באַגוועלטיקן דאָס גאַנצע לאַנד!".

האָבן זיך פאַרזאַמלט די אַפּוטרופּסים פון פּאָרט און פון שטאָט, און זיך געבראָכן די קעפּ: וואָס טוט מען? אינמיטן פון דער באַראַטונג, האָט זיך געלאָזט הערן דער קאַפּיטאַן: "כדי אייך איבערצוצייגן אין דער אויפריכטיקייט פון די כוונות, וועלן מיר יעדע שעה אַריינשליידערן אין וואַסער איינעם פון די געפאַנגענע מאַרינערס. מיר וועלן אים לאָזן בייסן דורך דער קלענסטער פון די שלאַנגען, און וואַרפן אין ים אַריין. יעדע שעה איינעם". האָבן זיי געבעטן אָפּצוּוואַרטן מיטן אויספירן די דראָאונג, און איבערגעגעבן דעם באַשלוס צו דער רעגירונג.

און ווען די רעגירונג איז זיך צונויפגעקומען, איז דער־גאַנגען אַ ידיעה, אַז דער ים האָט אַרויסגעוואָרפן דעם ערשטן געפאַנגענעם, מיט אַ שוואַרץ־אָנגעלאָפן פּנים, אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן און אָן לעבן. האָט די רעגירונג געבעטן אַ פאַרלענגערונג פון אולטימאַטום, ווייל זי האָט באַשלאָסן צו ווענדן זיך צום וועלט־פּאַרלאַמענט וועגן פאַרמיטלונג. איז, במקום תשובה פון קאַפּיטאַן, אַרויפגעשווו־מען אויפן וואַסער נאָך אַ פאַרגיפטעטער גוף פון אַ מאַרינער. און ביז דער וועלט־פּאַרלאַמענט האָט באַוויזן צונויפצורופן אַ זיצונג, האָט דאָס וואַסער אַרויסגעוואָרפן נאָך אַ מאַרינער.

האָט די רעגירונג פּראָקלאַמירט אויסנאַם־צושטאַנד,

מאָביליזירט דעם גאנצן ים־און לופט־פלאָט, און אלע וויסנשאפטלער אין לאנד. עס האָבן זיך תיכף פארזאמלט אלע פאָרשער, וואָס פארנעמען זיך מיט ביאָלאָגיע, זאָאָלאָגיע, אימונאָלאָגיע, טאָקסיקאָלאָגיע, כדי צו געפינען אַן עצה צו דער גיפטיקייט פון שלאנגען, געפינען א וואקצינאציע, א סערום, א שוץ־שטאָף קעגן דעם גיפט.

און דער וועלט־פארלאמענט האָט נישט געקאָנט אָנהייבן די זיצונג, ווייל עס איז געווען אונמעגלעך צו געפינען א פאָרזיצער; יעדעס לאנד האָט זיך געשראָקן פאר א רעפרעסיע־באזוך פון א שיף מיט שלאנגען אין זיינס א פאָרט. און דאָס וואסער האָט ארויסגעוואָרפן נאָך א מארינער, און נאָך א מארינער, און דער אולטימאטום איז נישט פארלענגערט געוואָרן.

האָבן די וויסנשאפטלער גענומען די טויטע גופים, און זיי צעטרייבערט, געצאפט דאָס פארגליווערטע בלוט, אויסגעמישט מיט כל־מיני פליסיקייטן, צוגעגעבן צעריבענע מוח־געוועבן, געמאכט פארשידענע עקספערימענטן מיט דער הילף פון היץ, קעלט, שטראלן, דרוק, גאזן, און מיט א גיגאנטישן טעמפאָ, לויט דער מאָס פון דער סכנה — געשאפן א שוץ־שטאָף. און א פראָפעסאָר פון א קאנסער־אפטיילונג האָט באשלאָסן אויסצופרוון אים אויף פרייוויליקע צווישן די אומהיילבארסטע פאציענטן. האָט ער אין עטלעכע פון זיי איינגעשפריצט דעם שוץ־שטאָף, און דערנאָך געלאָזט זיי בייסן דורך דער גיפטיקסטער צווישן די לאבאָראטאָריע־שלאנגען. און געווארט אויף רעזולטאטן.

און די רעזולטאטן האָבן נישט געלאָזט ווארטן אויף זיך. פארקערט זיי זענען געקומען גאָר גיך און אזוי דערשטוינענדיק, אז זיי האָבן איבערגעשטיגן אלע פאָראויסזעאונגען. נישט נאָר זענען די צעביסענע קראנקע נישט אומגע־

קומען תיכּף פונעם גיפט, נאָר אפילו זייער קאַנסער־קראַנ־קייט האָט גענומען אָפּטרעטן, און די ביאָלאָגישע קאַנסער־סימנים האָבן גענומען גיך זיך אָפּרוקן.

איז זיך תיכּף צעגאַנגען ווי א בליץ די דערשטוינענדיקע ידיעה איבער אלע עטער־כוואַליעס אין דער וועלט: אין דער 59־טער מדינה איז געפונען געוואָרן א מיטל קעגן דער אויסטערלישסטער פון אלע מחלות. ענדלעך און אומדער־וואַרט האָט מען דאָרטן באַזיגט דעם מלאך המוות, וואָס רופט זיך קאַנסער, און דער סוד געפינט זיך אין אויס־שליסלעכן באַזיץ פון די פּראָפעסאָרן פון דער קליינער מדינה.

און אַזוי ווי צווישן די דעלעגאַטן האָבן זיך געפונען ניין, וואָס זענען אליין קראַנק געווען אויף קאַנסער, האָט זיך געשטעלט א מחלוקה אינעם גלעזערנעם פּאַלאַץ פון וועלט־פּאַרלאַמענט. יעדער פון די ניין האָט געוואָלט פירן דעם פּאָרזיץ, כּדי אין דעם זכות צו באַקומען דער ערשטער דעם שוץ־שטאָף, און גענעזן ווערן. עס וואָלט זיכער דערגאַנגען צו בלוט־פאַרגיסונג, ווען דער דעלעגאַט פון קאָלאָסאָלאַנד בעט נישט קיין וואָרט צום סדר־היום. און געזאָגט האָט ער, אַז אויפן טאָג־אָרדענונג דאַרף איצט שטיין נישט די פראַגע פון אולטימאַטום, נישט קיין דרוק אויף אָפּידיעלאַנד, נאָר אויף דער באַשולדיקונג־באַנק דאַרף איצט זיצן דאָס עקשנות־דיקע און הינטערליסטיקע לאַנד, מיט דער פּאַרטשטאָט, וואָס שטעלט א ווידערשטאַנד. דער הויכער אינטערנאַציאָנאַלער אַרעאָפּאַג דאַרף זיך קודם כל פאַרנעמען מיט דער דרינ־גענדיקער פראַגע ווי אַזוי אויפצווינגען אויף דעם לאַנד דעם באַפעל תיכּף באַקאַנט צו מאַכן דעם צוזאַמענשטעל פון דעם אַנטדעקטן הייל־מיטל, כּדי די וועלט זאָל ווערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסגעלייזט פון דער קאַנסער־מגיפה.

דאָס איז א וועלט־פּראָבלעם, און איין לאנד, דערצו א קליינס, וואָס מען זעט קוים ארויס אויף דער מאפּע, טאָר נישט האלטן דעם סוד פאר זיך, טאָר נישט מאָנאָפּאָליזירן די דערפינדונג; זי מוז זיין דאָס אייגנטום פון דער פריי־הייטליבנדיקער וועלט, פון דער גאנצער מענטשהייט. שטייט נישט איצט די פראגע פון אולטימאטום פון אָפּידיעלאנד, און די אינטערעסן פון איין לאנד, א קליינס, פון איין פּאָרט־שטאָט, נאָר פון גאנצן מענטשלעכן מין. ווייל וויסן איז דאָס אייגנטום פון דער גאנצער וועלט, און נאָר עגאָאיסטישע פעלקער קאָנען האנדלען אנדערש. דעריבער, דארף געשיקט ווערן תיכף אן אולטימאטום, אז עס זאָל שוין ארויסגעגעבן ווערן דער סוד, און אין דער זעלבער צייט באשליסן סאנק־ציעס, מיליטערישע שריט, אטאָם־ראקעטעס, כדי אויפצו־צווינגען דעם ווילן פון וועלט־פּארלאמענט...

און דער דעלעגאט פון קאָלאָסאָלאנד רעדט און רעדט און רעדט, און דער לעצטער מארינער איז שוין אויך אָן לעבן, און די לעצטע סעקונדן פון אולטימאטום שלאָגט אויס דער זייגער, די סאמע לעצטע סעקונדן פארן צופאלן פון דער נאכט.

וועראניקא

וועראניקא איז א בארג אין די הרי נפתלי, רעכטס פונעם כנרת־בעקן, אויפן וועג פון טבריה אין ירדן־טאָל. און צופוסנס פון בארג — אש פון א הויז. אין אים האָט פריער געוווינט אבו האמוד מודאה. ער איז נעלם געוואָרן צוזאמען מיט זיין פרוי, זעקס טעכטער און פינף זין. ווען עס איז אויסגעקוילעט געוואָרן דער מנין יידן אין אלטשטאָט, האָט מען אים געזען לויפן מיט א פארבלוטיקט מעסער פון איין קראָם אין דער צווייטער אויף דער יידישער גאס, און די צעווילדעוועטע אראבער נאָך אים.

„דזשי־האד", האָבן זיי געשריגן. „א הייליקער קריג, א טויט די יידן!"

יידן האָבן זיך נישט גערעכט, ווייל מיט אן אָוונט פריער איז געשלאָסן געוואָרן שלום. אינעם הויז פון אבו האמוד מודאה, אין דער אָנוועזנקייט פון בריטישן אָפיציר, האָבן די יידישע פאָרשטייער און די אראבישע זיך געדריקט די הענט, זיך געקלאפט איבער די אקסלען, געטרונקען פרוכט־זאפטן און פארביסן כיבוד, וואָס דער בעל־הבית האָט געשטעלט מיט א ברייטער האנט. ווי א סימן פון שלום, האָט אבו האמוד מודאה ארויסגענומען די קוילן און די קוילן־שייד, און דערלאנגט דעם יידישן פאָרשטייער זיין ליידיקע ביקס. דאָס האָט געהייסן, אז דאָס איז נישט קיין סימבאָ־לישער אקט, נאָר א בפירושע כוונה פון לעבן בשלום.

ווען די יידישע קרעמער האָבן צומאָרגנס געעפנט, נאָך עטלעכע געשפאנטע טעג, די געשעפטן, דערמוטיקט דורכן שלום־הסכם — האָט אבו האמוד מודאה געוואָרפן זיך אויף זיי, צוזאמען מיט זיינע ארויסהעלפערס — נישט מיט ביקסן, נאָר מיט מעסערס, קיילער־מעסערס:

„דזשי־האד, א טויט די יידן!"

דעריבער איז ער געווען דער ערשטער, וואָס איז אנט־לאָפן צווישן אלע אָרטיקע אראבער, דעמאָלט ווען די יידן זענען ארויס אין קאמף פאר זייער מדינה. ער האָט זיך געשראָקן פאר דער גערעכטער נקמה. האָבן די קרובים פון די הרוגים גענומען נקמה אין דעם, וואָס איז געבליבן נאָך אים, אין זיין הויז, צופוסנס פון ווערָאניקא־בארג.

און, ווען עס איז געקומען די פּראָסטיטוציע־עפּידעמיע פון הכנעה צום אָפּגאָט פון נאפט, איז אבו האמוד מודאה פלוצים אויסגעוואקסן אויף אינטערנאציאָנאלע העץ־ארענעס, אין א געקראטעטער קאפּיע ווי פון שלאנגען־הויט, מיט א שווארצער רייף ארום שטערן און ברילן פון זעלבן קאָליר, און געשריגן:

„איך וויל שלום, נאָר זיי ווילן נישט. מיר ווילן שלום, נישט זיי!"

„נידער מיט זיי!" האָט דער עולם געשריגן. „נידער מיט די שונאים פון שלום!"

„וואָס וויל איך דען?", האָט ער געפרעגט און געענט־פערט. „איך וויל צוריק מיין הויז, וואָס די יידן האָבן פאר־כאפּט!"

„ער איז גערעכט, בראוואָ!", האָט דער עולם אפּלאָדירט און געשריגן: „גיט אים צוריק זיין הויז!"

א ישראל־טוריסט איז גראָד פארביי, האָט אים דער־קענט, און אויפגעציטערט געוואָרן פון זיינע רייד און דעם עולמס ענטוזיאזם. האָט ער געמאכט א צווישנרוף: „און איך וויל צוריק מיין פאָטער, וועמען דו האָסט קאלטבלוטיק

געשאָכטן מיט א קיילער־מעסער, טראָץ און א דאנק א שלום־הסכם!״

האָט דער עולם גענומען ברומען בייז און פארשריגן אים אלס פּראָוואָקאטאָר.

און אבו האמוד מודאה האָט געשריגן נאָך העכער: ״און מיין וועראָניקא וויל איך צוריק, און מיין וועראָניקא וויל איך צוריק!״

האָט דער עולם נאָך שטארקער אפּלאָדירט, און סקאנ־דירט: ״ער איז גע־רעכט, גיט אים צוריק זיין ווע־ראָ־ני־קא, א חרפּה צו סעקוועסטרירן זיין ווע־ראָ־ני־קא, גיט אים תיכּף אָפּ זיין ווע־ראָ־ני־קא, א רחמנות אויף איר!״

ווען דער טוריסט האָט געוואָלט אויפקלערן, אז ווערא־ניקא איז נישט מער ווי א בארג, אן אָנשיט פון זאמד און שטיינער, ווי מיליאָנען אזעלכע אין דער וועלט, און עס האנדלט זיך נישט אין א פרוי, מיט אזא נאָמען, נאָר אין א טויטן בארג — האָט מען אים אומגעוואָרפן, געשטויסן מיט די פיס, און געלאָזן ליגן אָן באוווסטזיין.

און אבו האמוד מודאה מיט זיינע באשיצערס האָבן זיך געמאכט א וועג צווישן צעקאָכטן עולם, און געגאנגען פרעדיקן דאָס זעלבע אין אן אנדער שטאָט.

דער העלפאַנט, דער לייב און דער פוקס

דער העלפאַנט, א מידער און דערצערנטער פון די הינטער־ליסטיקע שטיק פון פוקס, האָט באַשלאָסן צוזאַמענצורופן אַלע חיות, כדי צו זוכן צוזאַמען אַן עצה קעגן אים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס אויסגע־צויגן זיין האַלדז און לאַנגע טראָמפּייט־נאָז, און אַריינגע־בלאָזן א קול־קורא: "ברידער חיות, גענוג! עד מתי? א סוף מוז נעמען צו דער הפקרות פון פוקס. ער שטעלט אַוועק פאַר מיינע פיס פאַסטקעס און כ׳פאַרקלעם מיר די פינגער; ער נעמט צו שטיקער עסן, וואָס איך גרייט צו אויפצומאַרגנס, און שטיקער געצווייג פאַר מיין ווינטער־נאַרע. און היינט האָב איך פאַרקלעמט דעם שפּיץ פון מיין נאָז. ניין, עס טאָר לענגער נישט דויערן אַזוי. מ׳מוז אים אָנלערנען. לאָמיר זיך צונויפקומען תיכף און אָננעמען שריט קעגן אים!"

האָט געהערט דער לייב דעם קול־קורא, איז ער דער ערשטער געקומען צו לויפן. "ברודער, העלפאַנט", האָט ער געברומט מיט רגזה. "פיין און וויל, איך האָב אויך טענות צום פוקס. ער מאַכט מיר אויך להכעיס־שטיק און די קונץ מיט דער פאַסטקע. אָבער ווער האָט דיר געגעבן דאָס רעכט צו רופן אַן אסיפה? דערווייל בין איך דער קעניג פון די חיות, און נישט דו!"

"אָבער איך האָב א נאָז ווי א שופר, און אויב איך בלאָז דורך איר, גייט מיין קול ווייט און הויך, צו אַלעמענס אויערן"

"אָבער פאַר מיר האָבן אַלע מורא. מיין לייבן־ברום מאַכט אַלע ציטערן. זיי וועלן קומען אויס פחד"

"לאָמיר עס טאָן צוזאַמען. איך וועל בלאָזן און דו וועסט

איינצייטיק לאָזן הערן דיין געברום, וועט מען גיכער הערן, אלע וועלן קומען!"

"איך דארף נישט קיין שותף. גיב מיר דיין נאָז, וועל איך אריינברומען אין דיין טראָמפּייט!"

"ווי קאָן איך דיר געבן מיין נאָז, אז זי איז פעסט באַהאָפטן צום קאָפּ?"

דער פוקס, וואָס איז געזעסן הויך אויף א בוים און זיך צוגעהערט צו זייער שמועס, האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ צווישן געדיכטע צווייגן, און געזאָגט: "נארישע חיות, וואָס איר זייט! די זאך איז פשוט — זאָל דער לייב צושטעלן זיין קאָפּ צו דער טראָמפּייט־נאָז פון העלפאנט, און ארייגבלאָזן זיין לייבישן געברום"

"א דאנק", האָט דער לייב אויפגעהויבן זיין לייבן־קאָפּ צום בוים. א קלוגע עצה. כ'לעבן; מיר וואָלט עס נישט איינגעפאלן".

"גענוג, אז האָסט כוח. ווען דו האָסט אויך שכל, ווי א פוקס, וואָלסטו געווען נאָך געפערלעכער ווי דו ביסט"

"חלילה, ברודער פוקס. איך וואָלט דיין חכמה באנוצט נאָר צום גוטן, צו לעבן בשלום מיט אלע. דעמאָלט וואָלט איך געהאט די איניציאטיוו פון דער אסיפה, און נישט דער אומגעלומפּערטער און שמוציקער העלפאנט".

דער העלפאנט האָט זיך אוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס, געעפנט ברייט דאָס גולמדיקע מויל, אונטערשטעלנדיק די אויבערשטע ליפּ־נאָז אזוי אז עס זאָל זיין דעם לייב לייכט ארייגצוברומען. דער לייב האָט זיך צוגערוקט נאָענט, אונטערגעשטעלט זיין קאָפּ, געעפנט ברייט זיין לייבן־מויל, א פינקל געטון מיט זיינע ריזיק־מאיעסטעטישע ציין,

און א ביס געטון, אָפּגעריסן מיט א הנאה־ברום די נאָז ביים וואָרצל, און געלאָזט זיך לויפן מיט איר, אונטערשפּרינגענדיק ביז הינטער א קוסטע, געשטעלט זיך פרעסן.

דער פוקס איז ארויף אויף א הויכן בוים, וואָס איז געשטאנען אויף א גלייכן מרחק צווישן העלפאנט און לייב, און געהויבן דעם קול, אז ביידע זאָלן אים הערן: "נארישע חיות, וואָס איר זייט. וואָס ריזיקער און שטארקער, אלץ מער דאגהט איר פאר זיך, פאר זיך אליין. וואָס ארט אייך, אז מ'שטעלט אונטער פאסטקעס פאר קלענערע חיות ווי איר, דערונטער פאר פוקסן, כדי צו נעמען זיי אויף פלייש, אויף פוטער־מאנטלען, אויף טעאטער אין די זאָאָלאָגישע גאָרטנס. וואָס ארט אייך, הערשער איבער חיות, אז מ'האָט געכאפּט צום פרילינג מיינע צוויי פוקסעלעך אין פאסטקעס, און מיין פוקסעבע א חודש שפּעטער? זי האָט זיך געלאָזט כאפּן אויס צער, אָן ווידערשטאנד. וואָס ארט אייך איר צער, אבי אייך זאָל מען נישט טשעפּען. האָב איך מיט ערמה גענומען די פאסטקעס, און אייך אונטערגעשטעלט, כדי אייך צו וועקן צו אחריות פון הערשער. אייך האָט עס נאָר געקאָנט פארקלעמען א פינגער, נישט מער... און וואָס שייך דעם עסן אָדער געצווייג פאר א ווינטער־נארע, האָב איך גענומען נאָר דעם עודף, וואָס האָט זיך געוואלגערט אינדרויסן; וואָס א שטייגער קאָן א קליין פוקסל שוין פארברויכן אין פאר־גלייך מיט די אפּעטיטן פון א העלפאנט, אָדער לייב".

אזוי האָט געטענהט דער פוקס. אָבער דער העלפאנט האָט אים נישט געהערט, ווייל ער האָט געוויינט מיט בלוטיקע טרערן אויף זיין גורל פון א העלפאנט אָן א טראָמפּייט. און דער לייב האָט אים נישט געהערט, ווייל ער האָט זיך פארכלינעט מיט דער פרעס.

דער אראבער און דער ייד

דער אראבער, מיטן רוקן אויפן נאקעטן שטאם און די פיס אין וואסער — רוט, אונטערן שירעם־געצווייג פון געדיכטן פאלמע־שאָטן.

און עסט א פיתה. ער רייסט שטיקער מיט זיינע שארפע און לאנגע פינגער און שטופט אין מויל.

מיטן ברעגוועג גייט א ייד. די מיטאָג־זון מאכט מיד און קייקלט טראָפּנס שוויס איבער זיין לייב.

"סעידה, יא מוסא"

"שלום, יא עבדאללה".

זיי האָבן אמאָל געכאפּט פיש אויפן כנרת, געטיילט די זאָרגן און די פריידן פון מאָגערע אָדער שפעדיקע פיש־פאנגען און ארויסגעהאָלפן זיך שטורעם־און בצורת־צייט. געווען יונג דעמאָלט.

זיי האָבן זיך דערקענט.

"סעידה, יא מוסא"

"שלום, יא עבדאללה".

דער אראבער האָט אָפּגעריסן א שטיקל פון זיין פיתה און דערלאנגט:

"זיי מוחל, יא מוסא, וואָס איך גיב דיר א קליין שטיקל נאָר. כ׳בין הונגעריק"

"א חכמה צו געבן, יא עבדאללה, א גרויס שטיק, ווען מ׳איז זאט? ווען מען גיט, דארף מען געבן צוזאמען מיטן הארץ. און א הארץ פון א הונגעריקן דארף דאָך זיין גרעסער ווי פון א זאטן"

"און, אז כ׳גיב דיר גאַרנישט, יא מוסא?"

"איך בין נישט געקומען זאָלסט מיר געבן פּיתה, יא עבדאללה. געקומען זוכן שאָטן. ווען די מיטאָג־זון ברענט, גייט אין שאָטן, נישט אין פּיתה, אפילו ווען עס נאָגט דער הונגער"

"אָבער ביידע צוזאמען, יא מוסא, איז בילכער".

דער ייד נעמט דאָס שטיקל פּיתה ברעכט איבער אין צווייען און דערלאנגט אים צוריק א העלפט.

"אָט זע, יא עבדאללה, איך טייל זיך מיט דיר, גלייך אויף גלייך"

"דו גיסט דען דיינס, יא מוסא?"

א פיש האָט ארויסגעשטעקט אן אָפן מויל איבערן וואסער, געלאָקט דורכן ריח און דעם אָפּבילד פון דעם שטיקל פּיתה אין דער אויסגעשטרעקטער האנט.

די רויז

אינמיטן זייטיקן זאמדוועג, הינטערן שטאָטישן גאָרטן, ליגט א רויז. ווער האָט זי דאָ אוועקגעלייגט? זיי האָבן זי דאָ אוועקגעלייגט. זיי שטייען אָפּגערוקט א צען מעטער, מיט שטיינער אין די הענט, און צילן. זיי נעמען א שטיין צום אויג, מעסטן דעם מרחק, שטרעקן אויס דעם אָרעם, מיט איין אויג אויף דער האנט און מיטן צווייטן אויף דער רויז, פארמעסטן זיך, און ווארפן.

ליגט די רויז צונויפגעדריקט, ווי זי וואָלט זיך וועלן מאכן קליין, אז דער טרעף־שטח זאָל זיין וואָס קלענער, און די שטיינער זאָלן פאלן דערנעבן. יעדעס מאָל, ווען דער שטיין פליט אָן, צעציטערן זיך די בלום־בלעטער, ווערן בלייך, צעזיפצן זיך.

איינער ווארפט מיט דער רעכטער האנט און דער צווייטער מיט דער לינקער. האָט דער ערשטער מער צוטרוי צו זיך: שטעלט זיך אוועק, קוקט זיך איין, און גיך פליט דער שטיין צום ציל. דער גערינקטער גלויבט ווייניקער אין זיך, קוקט ער לענגער, פארמעסט זיך לענגער, און צווישן צילן און שליידערן דויערט, דויערט, אז די נשמה קאָן אויס־גיין. ליגן די ראָזע בלעטלעך אין פחד פארן גערינקטן, און קוועטשן זיך מער צונויף, און זענען צופרידן וואָס דער זאמד און שטויב פון וועג זאמלען זיך אויף זיי און ארום זיי און פארדעקן זיי מיט א שוץ־שיכט.

די זון שטייט איבער די גולן־הייכן, מיטן אונטערשטן רעפטל איבער דער סוסיתא און דעם אויבערשטן איבערן כנרת. שיפן זיך די שטראלן איבער די כוואליעס, גרייכן צו די רחבותדיקע פאלמעס אינעם שטאָטישן פארק, רייסן זיך

דורך צווישן די צווייגן, פאַלן ווי גילדענע מטבעות אַרום דער רויז, און פאַרבלענדן דאָס אויג.

"לאָמיר אוועקלייגן די רויז אַנדערשוואו", זאָגט דער רעכט־האַנטיקער, און דער גערלינקטער נעמט די רויז, און זוכט אַ שאָטן.

"וואָס טוט איר, מענטשן?", פרעגט דער פאַרבייגייער. "וואָס טוט איר?", איבערחזרט ער מיט צער און מיט רגזה.

"וואָס איז אייער עסק?"

"אייער רויז?"

"יעדע רויז איז יעדנס"

"אייערע זענען די שטעכערס. האָבן מיר זיי געלאָזן אויף די צווייגן פון שטאָט־פּאַרק, וואָס איז קיינעמס נישט"

"קיינעמס נישט און אַלעמענס".

זיי האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ ווילד געלעכטער און די רויז האָט געציטערט ספּאַזמאַטיש אין דער האַנט פון גערלינקטן.

"פאַרוואָס דווקא אַ רויז?", האָט דער פאַרבייגייער געפרעגט מיט כעס.

"ווייל מ'זעט זי אַרויס פונעם זאַמד; זי קוקט אַרויס מיט איר ראָזן קעפּעלע פונעם זאַמדיקן אַרום. מ'וועט דאָך נישט נעמען אַ שטיין אַלס ציל"

"אַז אָך און וויי צו אַזאַ ציל, צו אַזאַ צילן"

"מ'דאַרף זיך לערנען צילן, צוערשט מיט שטיינער, דערנאָך מיט קוילן, דערנאָך מיט גראַנאַטן, דערנאָך מיט ראַקעטעס, דערנאָך מיט אַטאָם־באָמבעס; אַלץ האָט אַן אָנהייב".

„אז מ׳הייבט אָן פון צילן אין א רויז, איז דער סוף באלד אינעם אָנהייב, באלד פון פאָרנט״.

דער פארבייגייער האָט ארויסגעריסן די רויז פון דער האנט פון געלינקטן און געלאָזט זיך לויפן פאָראויס. ראָזע בלום־בלעטלעך האָבן זיך געשיט פון זיין האנט און געפאלן ווי ריזיקע בלוט־טראָפנס אויפן זאמד. זיי זענען אים נאָכגעלאָפן, און געצילט אין די פאלנדיקע בלום־בלעטלעך. א שפיציקער שטיין האָט געטראָפן אין זיין פיאטע. ער האָט זיך אומגעקוקט בייז און שטראפעריש, און ווייטער געלאָפן הינקנדיק.

גאולה

זאגט ר׳ אבי איש טבריה צו יהודה איש כנרת: ״לאָמיר גיין טאָן תפילה צו רבי מאיר, לייטערן די נשמה״.

זיי גייען בארג ארויף. שווער איז דער בארג־ארויף פאַר ר׳ אבי איש טבריה. דער עול פון יאָרן, דער עול פון די עולן, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך פאַרן פאָלק ישראל, בייגט איין זיין רוקן, מאַכט שווער זיינע פיס.

אַן אַלטער ייִד, מיט הענט באַקלעפּט פון חלב, דערלאַנגט ליכטלעך, ליכטלעך מיט קנויטן פון ביידע זייטן.

״מ׳טאָר דאָך נישט ברענען אַ ליכטל פון ביידע זייטן!״

״דאָ מעג מען״, זאָגט דער דערלאַנגער.״ נישטאָ קיין צייט. לאַנגע ריייען וואַרטן, שטופּן זיך אין דער מערה אַריין, מוז דאָס ליכטל גיך זיך אויסברענען״.

זאָגט ר׳ אבי איש טבריה: ״לאָמיר גיין פון דאָ. צום ים כנרת לאָמיר נידערן. עס איז ווי מיט די תפילות פון בני ישראל און רבי מנחם מענדל פון וויטעבסק...״

און תוך כדי נידערן, דערציילט ער ווי דער וויטעבסקער שטייט ביים כנרת, גייט נישט צו קבלת שבת אין בית־מדרש, ווייל די תפילות פון בני ישראל בגולה, וואָס זאַמלען זיך דאָ, און דער שר של יום טובלט זיי אין באר של מרים, כדי זיי צו רייניקן פון פרעמדע אומריינקייטן — שוועבן איצט די תפילות איבערן וואַסער, און קאָנען נישט פליען אין גן עדן לקדושה של שבת, אומגערייניקט. האָט רבי מנחם מענדל געטון תפילה בתוך יחודים גדולים און צירופי שמות קדושים, און געוויינט, הלמאי געפינען נישט די תפילות זייער תיקון. איז געקומען דער שר של יום און געזאָגט: ״מחמת זיי זענען מסיח דעת פון ארץ הקודש״.

ווען זיי זענען געשטאַנען ביים ברעג, און דאָס וואַסער האָט גענעצט זייערע פיס און געשפריצט מונטערנדיק אין פּנים, האָט ר׳ אבי געענדיקט זיינע רייד: ״אַזוי איז מיט די ליכט־צינדער. זיי ברענען דאָס ליכטל פון ביידע זייטן, יוצא צו זיין, זענען נישט מכוון קיין גרויסע כוונות; בלייבן זייערע תפילות שטיין צווישן כנרת און הימל, נישט אַהין, נישט אַהער. לאָמיר מיט אונדזערע תפילות עפענען זיי אַ וועג צו ריינקייט״.

שפּעטער האָט ער געזאָגט: ״לאָמיר גיין צום קבר פון רבי ירמיה, וואָס האָט געהייסן זיך קובר זיין שטייענדיק, ביים ראַנד פון וועג, אין די שיך, מיטן שטעקן אין האַנט, גרייט אַקעגנצוגיין משיחן, ווי נאָר ער קומט אָן. האָט דאָך יוחנן בן נפחא געזאָגט — משם עתידין ישראל ליגאל, אַז אין טבריה וועט זיך אָנהייבן די גאולה״.

זיי זענען געגאַנגען. ר׳ אבי פאַראויס און יהודה נאָך אים. זיי האָבן זיך געשטעלט נעבן קבר.

״לאָמיר טאָן תפילה״, האָט ר׳ אבי געזאָגט — ״פאַר די תשוקות פון יידן אין דער גולה. אַז עס זאָל אַריין אין זיי דער רוח הקודש פון ר׳ יהודה הלוי, לפי דעם סוף־פּסוק פון כוזרי: ירושלים לא תבנה אלא אם כאשר ישתוקקו אליה בני ישראל תכלית תשוקה ויחונו את אבניה ואת עפרה... לאָמיר בעטן, אַז זייערע תשוקות זאָלן זיין בבחינת תכלית תשוקה, און דער תכלית — עליה און בנין הארץ״.

פרי־אָוונטיקע זון־שפּיזן האָבן זיך געריסן דורך שיטערע פּאַלמעס, וואָס אַרום קבר, און געפאַלן גראָד אין פּנים. ר׳ אבי האָט געריבן די אויגן, מידע פון וויינען און לערנען גאַנצע נעכט, און אַנגענומען יהודהן ביים אָרעם: ״קום, לאָמיר גיין. און גייענדיק אַקעגנגיין משיחן, גייענדיק און תפילה־טוענדיק״

„און ארבעטנדיק”, האָט יהודה געזאָגט. און צוגעגעבן:
”איך וועל אויף מיין אופן אים אקעגנגיין, ארבעטנדיק אין קיבוץ, כדי לקיים מה שנאמר — ויחונו את אבניה ואת עפרה”.

שטיקער שפעט־זון האָבן זיך אפגעקלאפט מיט א לעצטן אנשטרענג פון כנרת־שפיגל, און געלייגט זיך מיט הכנעה **אונטער זייערע פיס.**

תוכן

צעקלונגענע שעהען

עמיחי איז צוריק אין קיבוץ 7
דער ברונעם 19
סוסיתא 22
רש״י־גאס 29
דאָס הויז אויפן וואסער 33
הארצווייטיק 42
קונסט 52
לאהלע 57
אולפן 59
דער באלעם 62
פארטאָגס 64
היהודי הנצחי 68

פארשטערטער יום־טוב

דורות 75
עוואקואציע 76
אין מקלט 77
קיין כפר נחום 79
זעקס מעוועס אויפן כנרת 83
די פרייוויליקע 84
אין שאָטן פון טאנק 86
בריוו פון פראָנט 87
באָבע און אייניקל 88
די פיר אראבער און די היענע . . . 89
אויפן חרמון 90

שבת	92
דער בריווטרעגער	94
דער לעצטער בר־כליפה	96
אין דער אָרטאָפּעדישער אָפּטיילונג	98
אין שפּיטאָל	100
ליכטער	103
יפה און זוהר	104
צוויי גלעזער מילך	107
דער עקזאמען	110
דער נומער	112
איר זון איז אויפן חרמון	116
אלמנות	118
דניאל	120
די בריוו זענען צוריקגעקומען	122
ווינדלען	124
א מאמעס הארץ	126
פארמאכט ביז נאָכן נצחון	128
אין קוראַרט	130
קינדער	137
קנאה	138
רעגן איבערן כנרת	140
רעגנבויגן איבערן כנרת	142
פרעסט אויפן גולן	144
לאטיפא	146
א גאס אין דמשק	149
דאָס בילד	150
גאָטס דרכים	152
גולנית	154
דער גולן	157

דער טאנק פון דגניה 158
פרימארגן־זון 159

פון חלומישע מקומות

דער מאראנצנבוים 163
דאָס גרויסע ליכט פון סעאיד סאליף אלי . 167
א מעשה אָן א סוף 170
נאפטאפא אורימאן סעלים 173
א שיף מיט שלאנגען 176
ווערֶאַניקא 182
דער העלפאנט, דער לייב און דער פוקס . 185
דער אראבער און דער ייד 188
די רויז 190
גאולה 193

ביכער פונעם זעלבן מחבר:

מיר זענען ווי פעלדזן (א בויגן לידער), 1942

עס האָט זיך אנגעהויבן (דערציילונגען), 1943

אמאָל איז געווען א דאָרף (נאָוועלע), 1944
פארלאג י. נאראָדיצקי, לאָנדאָן.

פאָרכטיקע טעג (דערציילונגען), 1946
"לאנדסבערגער יידישע צייטונג", לאנדסבערג.

אויפן וועג צו זיך (ראָמאן), 1967

גאולה (דערציילונגען), 1969
פארלאג "אונדזער קיום", פאריז.

ביי די ברעגן פון כנרת (דערציילונגען), 1973
י. ל פרץ-פארלאג, תל-אביב.

קאָרי די מולען (דערציילונגען, פראנצויזיש), 1963
פארלאג "סקאָפיאָן", פאריז.